איצט לאמיר צוריק געהן צו ד'ער פערטער זייט פונם מארק. ס'ער'שטע דאופן מיר אדורך קרייצן דעם ברייטען מלאווער וועג, אט דאס ווינקל־הויז באלאנגט צו די לידזבארסקעס, דאס הויז ד'ערנעבען האט באלאנגט צו א קריסט, אבאש, אין דערנעבען האט טוביה בעקער געוואט זיין בעקעריי, אין דעם זעלבן הויז האט שמואל חיים אראנאוו געהאט זיין שפייז און מעהל־געשעפט. אין דעם פאדווערש האט געהערשט דודיע בעקער (שטופער) מיט זיין שניידעריי, וואס האט אויך אויסגעארבעט פארטיגע אנצוגן און זיי ארום געפיר'ט אויף די מערק צו פארקויפן. אין דעם צווייטען הויז האט ד'ער גוי פשיבעשעווסקי געמאכט טרומגעס. אין הינטער'שטן טייל פון הויז האט געוווינט ר' גאטיל דיין, נעבן דעם הויז האט הערצקע גראנאט געהאט זיין אליארניע. און מ'האט אים טאקע גערופען הערצקע אליעווניק. דאס הויז דערנעבען האט באלאנגט צו אגוי יאנישעווסקי אויך אטרומנע־מאכער נאכהער איז געשטאנען מאליאוואנטשיקס הויז וואו מיכל העקער האט געהאט זיין בעקעריי. אינם פאדווערש האט ר' מנדיל סארנאווער געהאט זיין חדר, נאכהער איז געווען דאס הויז וואו אברהמיע מגיד האט געפירט דאמסקע שניידעריי און בנימין ניכעס האט געהאט זיין בעקעריי. נאכהער איז געשטאנען די שוהל. דאס בית המדרש, די מקוה, דאס איז שוין געווען אויפן פערד־מארק, דאס לעצטע אידישע הויז איז געווען שאפטס קאמיעניצע. אויף דער אנדערער זייט פון פערד מארק האבן אויך געוווינט אלי' מרדכי פערד־הענדלער, ישראל דזשעדזשיבקער א פערד־הענדלער, ווייטער, וואס האט געהייסען דער ראזזאנעווער וועג, איז געווען באזעצט פון קריסטן. אזוי האט שרענסק אויסגעזען אין די יארן פאר דער ערשטער וועלט־מלחמה.

דער סך הכל איז, אז די שרענסקער אידן האבן זיך מפרנס געווען פון שניידעריי, שוסטעריי, קירזשנעריי, בעקערס, קליין האנדעל, געוועלבלעך פון שניט־ווארע, קאלאניאל, שפייז. און אויך מוליכעריי און פערד האנדל. קיין גרויסע גבירים זיינען זיי פון די געשעפטן נישט געווען, ווייל פון צייט צו צייט האט אן אנדער סוחר געמוזט די מסחרים איבערלאזן צו דער אויפזיכט פון זיין פרוי און אליין געמוזט אוועקוואנדערן מעבר לים (אמעריקע), צונויף זאמלען אביסל געלט צו דעקן די חובות, און ווייטער מעגליך מאכן אנצוגיין מיטן לעבן. דער אויסזען פון שרענסק אירע מערק אירע הייזער און „פאדווערשן" טראגט שוין דעם כאראקטער, ווי איך פארשטיי, שוין הונדערטער יארען, מיט גאר קליינע ענדע־רונגען א חוץ די משפחות וואס האבען משנה צורה געווען די דורות, ווי עס איז

פארשטעגדיגען, אז דער וואלט זיך שוין ניט ווידער קענען אויפהייבן. אויב ער וואלט זיך פאר אים דער מיטעלער צוקונפט, און א אידישע לעבן וואלט זיך געשפיגעלט די גייסטיק, די מאטעריעל אויף א העכערע אדער אביסל גידעריקערע מדרגה, אויף א קלע־נערן אדער גרעסערן מאסשטאב. אבער די אידישע נשמה וואס האט געלעבט אין דעם שטעטיל שרעגסק פאר אזוי פיל דורות, וואלט געוויס פון איהר זיך נישט אפגעטוהן.

איז אבער געקומען היטלער מיט זיינע נאצי־באנדעס ימח שמם, און דאס אלעס אויסגעריסן מיטן ווארצל. זכר נזכור את אשר עשה, ימח שמם ונמח שמם מלהזכירם.

יוסף רימון (גרינט)

## מוליכערי־הבריחה

די ליקווידאציע פון א בעשעפטיקונג וואס
האט געגעבן פרנסה פיל אידישע משפחות
ביזן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה

דער וועג פון שרעגסק ביז צו די דייטשישע גרענעץ איז געווען בערך 25 קילאמעטער. פארשידענע וועגן האבן געפירט צו דער גרעניץ, לייכטע און שווערע וועגן; די „שמוגלער״, וואס האבן איבער געשמוגלט די גרענעץ מיט די סחורה האבן אויסגעקליבן וועגן וואו מענטשן גייען נישט.

די גרעניץ איז געווען אין דער מיט פון וואלד. פון וואלד ביז שרעגסק איז געווען א שטח פון „טארפיסקעס״ (ד. ה. טיפע גריבער וואו מען האט אויסגע־גראבן טארף צו ברענען). דורך דעם שטח וואס איז וועג און נישט וועג, פלעגן די שמוגלער׳ס איבערפירן די סחורות נאך שרעגסק. כ׳געדענק א פאל, ווי איינער פון די שמוגלער׳ס, געיאגט דורך די גרענעץ־וואך, איז אריינגעפאלן אין אזא גרוב און א דאנק די הילף פון די זאראפ׳ס־פויערן (זיי האבן בעקומען גוט בעצאלט) איז געלונגען אים ארויס צו ראטעווען. ס׳איז בעוווסט דאס אומגליק וואס האט געטראפן ליפא מאיר׳ס א זון, וועלכער פארדיגען, פלעגט ער אליין גיין איבער דער גרעניץ, עטלעכע מאל האט אים אפגעגליקט, און דער סוף איז געווען א ביטערער: ער איז געווארן דערשאסן דורך די גרענעץ־וואך. דאס האט ארויס־גערופן א גרויסן טומעל ביי דער אידישער בעפעלקערונג. אין דער ווירקלעכקייט איז דער וועג געווען א זיכערער; אויב ס׳האט זיך געטראפן א מכשול, האט מען גלייך מודיע געווען — מען זאל נישט קענען מודיע זיין, האט זיך כמעט נישט געטראפן.

אין שרענסק זענען געזעסען צווי פון די גרענעץ־פאליציי, וואס זענען געוועזן באצייכנט מיטן נאמען „סמאטשניקעס", איינער דזשיגסקי, דער צווייטער שניידער. ביידע זענען געוועזן איבערגעקויפט. מען האט זיי צוגעסען געגעבן ווען דער טראנספארט קומט. כ'גלויב אז דער „סמאטשניק" שניידער איז אליין געוועזן פון די איבערשמוגלער'ס כ'האב קיינמאל נישט געהערט מען זאל ווערן כאפן מיטן סחורה. כ'געדענק א מאל פון א אויספארשונג קעגן אייניקע פון די סוחרים פאר שמוגלען „קאנטראבאנדע", אבער דאס האט געהאט צו טון מיט א מסירה, און אויך דא איז ווערט צו באצייכנען אז די אנקלאגע איז בטל געווארן.

דער הויפט־שמוגל איז בעשטאנען פון קאנטערזיידענס, ד. ה. זייד־עגער רוי־שטאף, די אפנעמער'ס זענען געוועזן ווארשאווער אידן, און פון זיי איז עס געשיקט געווארן אין די פאבריקן.

פאר פיל משפחות איז די גרענעץ געוועזן א קוואל פון פרנסה; אויסער דאס שיינע לעבן וואס זיי האבן געפירט, איז זיי געגלונגען צו דערווערבן רייכטום (לויט דעם באגריף פון קליינעם שטעטל).

זיי ווערטער „סוף גנב לתליה", און אלעס צו פערלירען האט זיך ארויס־געוויזן נישט מער וויא א שיין ווערטעל. ס'איז נישט געוועזן קיין כאפער, אלע האבן גענומען שוחד.

כ'וויל באצייכנען, אז דער מארקער מיט דייטשלאנד האט גורם געוועזן צו דער אויסוואנדערונג פון פיל בחורים דורך דעם וועג נאך אמעריקע. אייניצעלנע זענען געבליבן אין דייטשלאנד און ווירטשאפטלעך זיך גוט איינגעארדנט.

אזוי האט זיך געפירט ביז צום אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה אין 1914. מיט'ן אויסברוך פון דער מלחמה איז די פרנסה ליקווידירט געווארן, און די משפחות האבן זיך באמיט וועגן נייע פרנסות.

# מלחמת העולם הראשונה
## מיולי 1914 עד סוף 1918
### מאת יוסף רימון (גרינט)

המלחמה הוכרזה

המלחמה הוכרזה בכל מדינת רוסיה ביום תשעה באב תרע״ד, 31 ליולי 1914 אחרי הקציר. שרנסק שכנה לא הרחק מן הגבול וקרבת הגבול הגרמני הטילה פחד רב על תושביה היהודיים שלא ידעו מה ילד יום. בינתים האמירו המחירים של מצרכי המזון ועלו מיום ליום. למרות זאת דבו הצובאים על החנויות וכל אחד השתדל להכין לו קצת מזון ככל שמצבו הכספי הרשה לו.

בחורי־ישיבה חוזרים הביתה

בחורי־ישיבה שלמדו במקומות רחוקים מיהרו לחזור הביתה. כאן הם המשיכו לימודיהם בבית המדרש ושרשרת לימוד־התורה לא נותקה. בשמם בלבד חל שנוי, במקום הכנוי בחורי־ישיבה (ישיבה בחורים), קבלו התואר בחורי בית־המדרש (בית המדרש בחורים). אלא שחלק גדול היה נאלץ לבטל עצמו מתורה, כי הבחורים נחלצו לעזור להורים שמצבם החמרי הורע בגלל המלחמה.

הצבא הרוסי והכובש הגרמני

הצבא הרוסי שורם דרך העיירה לגרמניה המזרחית, הביא אתו צרות ליהודים. כל מקום שדרכה שם רגל החיילים הרוסיים, השאירה עקבות עקובות מדם וצרות צרורות. הם בזזו, שדדו וגנבו מכל הבא ליד, כשהם מלווים בהסתה גלויה נגד יהודי העיירה מצד האזרחים הפולניים. הפולנים ידעו להחניף לשלטון ולשסות את הצבא ביהודים. הם ספרו שכל היהודים הינם „מרגלים" גרמניים ובהם האשמה העיקרית על פרוץ המלחמה הזאת. מיום ליום רבו מקרי ההתנפלויות מצד „אזרחים" פולנים וחיילים רוסיים ופחד גדול נפל על האוכלסיה היהודית. אחוזי פחד־מות ישבו היהודים בלילות, סגורים מאחורי תריסיהם ודלתותיהם, מבלי שהעזו לצאת החוצה. ביחוד הסתתרו במרתפים ובכל מקומות סתר בחורות ונשים צעירות. מטעם לפעם היו צעקות אימים מחרידות את העיר. דלתות החנויות נפרצו ורכוש היהודים היה לבז. זכור לרבים יום החמישי השחור, כאשר נפוצה שמועה שהפולנים ביחד עם חיילים רוסיים מתכוננים לעשות פרעות ביהודים. אותו יום לא נפתחו החנויות והתושבים היהודיים לא העיזו לצאת החוצה. נס אירע והיום עבר בשלום.

מאסר יהודים בעוון ריגול היה מעשה בכל יום. הזקן ליב אלטוס (שמוקלר)

ושמשון קרוק נאסרו והובאו לרדזואנאו. הם שוחררו רק אחרי השתדלויות גדולות ו„מתן בסתר". (על ר' ברוך קורן ז"ל שנאסר ימצא הקורא בספר במקום אחר). למוד התורה בבית המדרש הופסק באותם הימים. קול התורה נדם. אנשים התיראו לעבור בשוק אפילו באמצע היום. היהודים שהתגנבו לבית־המדרש להתפלל במנין, מהרו לחזור מיד הביתה, ולא השתהו כלל בבית־המדרש כדרכם מאז. לרוב לא נתקיימה כל תפילה בציבור.

תזכר העובדה, שבזאמעק (שלאס) השתכן גנרל רוסי זקן, שהיה ממונה על משמר־הגבול והוא שהגן על היהודים. הוא לא שעה לגמרי להסתת הפולגים. זכורני, פעם אחת הלכו שני קצינים רוסיים בשוק וצעקו ליהודים: „אתם אשמים בכל. וגם הגנרל לא יעזור לכם". הם היו בדרכם לזאמק וכוונתם היתה להסית הגנראל ביהודים. כפי הנראה לא העלו כלום. שמעתי אפילו שהגנרל הרוסי רגז על הפולגים ודרש מהם להתרחק מחייליו ולהפסיק את ההסתה. מצב קשה זה נמשך עד לכניסת הצבא הגרמני לעיירה.

בשנת הראשונה למלחמת העולם, נכנסו הגרמנים לפולין, שרנסק היתה בין העיירות הראשונות שנכבשה ע"י הצבא הגרמני. מיד לאחר הכבוש נעשו בעיירה מאמצים להחזיר למסלול הרגיל את מהלך החיים הצבוריים והכלכליים שנשתבש ונתערער עד מאוד בשנה הראשונה של המלחמה. לשבחם של זווי הגאצים הטמאים יש לציין, כי לא רק שלא הפריעו לעבודה הציבורית והתרבותית של יהודי העיירה, אלא גם עזרו לפעולות אלו. אז התפתחה ביותר פעולת ההשכלה בעיירה.

רגילים אנו לפרש „השכלה" כלמוד כללי או למודי־חול. אבל לא כן נתפרש מונח זה אצל לומדי תורה בבית־המדרש. אנו פירשנו המושג „השכלה" בשלשה מובנים: א) השכלה עברית, למוד תנ"ך ודקדוק, ידיעת השפה העברית וההיסטוריה היהודית. ב) השכלה כללית, למודי־חול, ספרות הגויים וכו'. ג) השכלה ציונית. לומד תורה בבית־המדרש, לא רק שלא התעסק בלימודי חול אלא פשוט אסור היה לו לחשוב ע"כ ולתת דעתו עליו. האסור חל אפילו על למוד התנ"ך. בתנ"ך השתמשו רק בכדי להבין פירושו של פסוק שהובא בגמרא. אם לסתם השכלה כך, על אחת כמה וכמה השכלה ציונית שהיתה בבחינת הס מלהזכיר.

למען האמת עלי לציין, כי לא לחנם אנחנו מתיחסים לחבריגו נתן בן מנחם (דוברושקלנקא) באהבה, ומכנים אותו בשם מורנו ורבנו. הוא היה אחד ויחיד ביגינו שהרים המסך מעל לדברים שהיו מכוסים, ובעקשנות יוצאת מן הכלל לימד תנ"ך ודקדוק לבחורי בית־המדרש; הוא אף הסיף לרעיון הציוני בריש־גלי והפיץ ספרי קריאה עבריים מספריתו הפרטית בין לומדי תורה. לא

אחת אירע שספרים אלה נקרעו לגזרים בידי קנאים. הוא לא חס על כך ועל עצמו. את תפקידו מלא שלא על מנת לקבל פרס.

השכלה כלליה־למודי חול

בעת ההיא בא לשרנסק הסטודנט קלצקין מורשה, שהוזמן על ידי צעירים אמידים, אשר הבטיחו לו אמצעי קיום. בה בתקופה רבו הסטודנטים שעזבו את ורשה,



מסיבה לכבוד הסטודנט קלצקין ז"ל. מימין לשמאל שורה ראשונה: דבורה רייכגאט־טודלס, מניה בורנשטיין־פלטר, חנה שפירא, צזיקה קורן. שורה שניה: יונה קרוק, שמואל רוזנגויט, פישר, זיטא שפירא־זימן, שלמה זימן, יוטא קוהלציק־זימן, א. ז. זימן, שמשון קרוק, מ. נ. טוטקי הילל, לאה רייכגאט־מגר.

הבירה הפולנית, ויצאו לפרובינציה, מאחר והתזונה בבירה היתה לקויה בחסר. לומדי תורה בבית המדרש, גצלו שהותו של הסטודנט מן העיר הגדולה בעיירה, וכמעט כולם בלי יוצא מן הכלל, התמסרו ללמודי־חול. לשבחו של הסטודנט קלצקין יש לציין, שהוא היה המורה הראשון שהבין לרוחם ולשאיפתם של בחורי־הישיבה, והשתדל לעזור להם בהגשמת מטרה זו. הוא הכביר מיפיפיותו של יפת באהלי שם. בעטיו זכו חובשי בית־המדרש לקפיצה גדולה, קפיצה בהשגית, לעולם התרבותי הגדול.

שתי הספריות והסתדרות „התרבות"

לא קל למצוא בטוי נכון למצב של הנוער בתקופה זו. צעירי ישראל בעיירה סבלו מהרגשות השפלה עצמית. הם היו עדים להשפלת כבוד הוריהם על ידי קלגסי הצבא הרוסי, או על ידי היחס הנבזי והבוגדני של הגויים בני עירתם, שהסיתו

את הרוסים לגזול ולשדוד אצל יהודי העיירה. צעירים אלה חשבו רק על דבר אחד — איך להתרומם משפלותם. לא יתואר סבלם של אותם מספר צעירים שהיו רגישים לכבוד האדם והעם וידעו פרק בציונות. מתוך נאקת הסבל פרצו את הגדר ונצלו ההזדמנות הראשונה לעשות למען הרמת הרוח של הנוער שהשתפל. הם הרימו ברמת את דגל התרבות העברית בעיירה.

לאחר הכבוש הגרמני, כשהחיים חזרו למסלולם, הקדישו יחידים שרידים אלה מזמנם ומכוחם והחלו לארגן בעיירה ספריה כללית־ציונית בשתי השפות, עברית ואידיש.

רכישת ספרים

הקריאה של הועד הזמני שהוקם להתרמת ספרים לספריה, מצאה הד־חזק בקרב אנשי העיירה המתקדמים. בחורים צעירים התנדבו להיות המתרימים והלכו מבית לבית לאסוף ספרים. מן הספרים המעטים שנאספו הונח היסוד לספריה. אמצעים כספיים לא עמדו לרשות הועד. כל מה שהושג נלקח אם בהשאלה ואם בתרומות. זכורני, לילה אחד לפני חג הסוכות, והלילה ליל ירח, העברנו ארון ישן שעמד בפרוזדור הבית אצל משפחת גויבברג שבעליו תרמוהו לספריה. כמו כן נחרת בזכרוני משפט אחד מתוך נאום הפתיחה שנשא ידידינו גתן, כאשר השתמש באימרה הידועה של הסופר הרוסי מקסים גורקי שהכל בא לו מקריאת ספרים. הלימוד, ההשכלה, האוניברסיטה, הכל מה שהשיג בא ממקור אחד, מן הקריאה בספרים. לא עבר זמן רב וחל שנוי גדול בפעולות הספריה. היה זה כאשר עברנו לדירה חדשה, מן החדר הקטן בבנין אלעזבסקי, לדירה רחבה בבנין של ר׳ מ. קרוק ז״ל. אז פתחה הספריה את דלתותיה לבחורים ולבחורות כאחד. בעוד שבעת פתיחת הספריה נתקבלו לחברים בחורים בלבד, כעת בדירה החדשה, הוחלט לקבל חברים ללא הבדל מין. עם החלטה חדשה זו גדלה והלכה הדרישה לספרים. כמות הספרים שהיתה ברשות הספריה לא רק שלא הספיקה, כי אם גם סוג הספרים לא השביע את רצון החברים. הועד הקבוע שנבחר בינתיים התחיל לדאוג לרכישת ספרים נוספים. אורגנו פעולות שונות שכל ההכנסות היו מוקדשות למטרה אחת: העשרת הספריה.

הספריה — דף חדש בתולדות שרנסק

דורות על דורות היה חינוכו היחידי של הנוער היהודי בשרנסק בין כתלי בית המדרש ובהיכלי הישיבות. דאגת העתיד לא הטרידה אותו כלל. למוד התורה ואכילת „קסט" אצל החותן, היוו בסיס מספיק לפרשת חיים מגוונת. ברם, עם פתיחת הספריה, נפתח דף חדש בחייו של הנוער. הספריה חוללה פלאות,

היא הצליחה למעלה מהמשוער מראש והשיגה את מטרתה: הנוער התחיל לספוג ידיעות כלליות ותורת הציונות. העיקר, שאלת הנוער ועתידו הפכה להיות הדאגה העיקרית בחיים הצבוריים בעיירה.

פעולה גדולה ומיוחדת במינה נעשתה בשטח הספרות העברית. פעמיים בשבוע התכנסו במועדון של הספריה, ע״מ לשמוע הרצאות בעברית על נושאים ציוניים וספרותיים. אורגנו שעורים בעברית ובתנ״ך. חלק מפעילות זאת יש לזקוף לזכות הסטודנט קלצקין מורשה, שבתור יו״ר הועדה התרבותית, הקדיש הרבה מזמנו לעבודה תרבותית. בכל יום שישי בערב, לפעמים גם פעמיים בשבוע, הרצאה הרצאות מדעיות, כמו״כ עודד רצון הלימוד והשאיפה להרחבת אפקים ועורר ענין בקריאת ספרות יפה. (על הכוחות המקומיים שעזרו בעבודה התרבותית, ראה המאמר של חברינו נתן דוברושקלנקא).

ההתפלגות

מגמתנו בפתיחת הספריה היתה ברורה, כמו שהזכרתי לעיל, להרים הרוח שהושפלה אצל הנוער, על־ידי הפצת תרבות עברית כללית והעמקת הרעיון הציוני. רצינו גם כי הקוראים יהנו הנאה אסטטית מקריאת ספרות־יפה. אבל לא רצינו, ובמפורש התנגדנו להכניס רוח של פוליטיקה, או רוח של מלחמת־מעמדות בספרית הכללית היחידה במקום. אך לא כן חשבו שני חברים: מר מ. נ. סוטקי שהיה גם חבר מפלגות „הבונד" והשני בדעה היה חבר במפלגת „פועלי ציון". הם באו בדרישות שונות: כגון, להרבות בספרים סוציאליסטיים, להזמין נואמים פוליטיים וכדומה. מתוך כך הופרעה עבודת הספריה. לא היה ברצונו של הועד להרעיל את האוירה במחלוקת. ע״מ לשים קץ לוכוחים הסוערים שמלאו כל ישיבה מישיבות הועד — והגיעו לפעמים לידי קטטות באספות הכלליות, הוחלט לחלק את הספריה לשני חלקים: כללי וסוציאליסטי. כך נתפלגה הספריה.

קומץ קטן של חברים הסכים ללכת עם שני החברים הנ״ל. הם קבלו את חלקם מן הספריה, ופתחו להם ספריה מפלגתית משותפת של „הבונד" עם „פועלי ציון". לשבחם אפשר להגיד, שעשו מאמצים גדולים להחזיק מעמד. הם הביאו נואמים מורשה. בכל זאת לא הצליחו להתקיים זמן רב. הספריה „השמאלית" חוסלה אחרי עבודה מאומצת של שנה וחצי, והספריה הכללית שנתנה את שמה להסתדרות „התרבות" והתמסרה לעבודה תרבותית עברית ביתר מרץ. היא נעשתה מרכז לפעילות ציונית ברוכה, במשך הזמן נתקבלה הספריה כשלוחה למרכז הסתדרות „התרבות" בורשה.

4.11.1916, הצהרה גרמנית

בשנת 1916 רבו השמועות שממשלת גרמניה מחפשת דרכי פיוס עם העם הפולני. ב־4.11.1916 הוזמנו באופן פתאומי נציגי הדת והעסקנים משתי העדות: הכומר — ולהבדיל הרב, להופיע בקומנדנטור, בשעה 12, ע״מ לשמוע הצהרה חשובה מאת ממשלת גרמניה.

בשעה הקבועה, התאספו על מגרש הכנסיה, ע״י הדאר, נציגי הפולנים — הכומר הוואיט ועסקנים שונים; ונציגי היהודים — הרב ועסקנים אחדים. הקומנדנט הגרמני הופיע כשבידו מגילה עבה קשורה בסרט אדום. הוא הקריא מתוך המגילה הצהרה על החלטת הוד מלכותו וילהלם השני להעניק לפולין עצמאות. בקריאות „תחי פולין״ נגמר הטקס. המפקד חזר למפקדתו והנאספים התפזרו מבלי לדבר דבר. הפולנים התיחסו בקרירות לכל ההצהרה הנ״ל. ידוע הפתגם: אכר פולני מוביל חטה, חייל גרמני מחרים, האכר מתחיל לצעוק „פולסקא נאשא״ (פולין שלנו), החייל עונה „פולסקא וואשא, מונקא נאשא״. (פולין היא שלכם אך הקמח שייך לנו). ארבעה חדשים אחרי קריאת הצהרת הנ״ל, הופיעו בעירת חמשה לגיונרים מן הגדודים הפולניים של פילסודסקי.

שני בנובמבר 1917, הצהרת בלפור.

מבלי להעמיק חקר על הגורמים היסודיים של הצהרת בלפור, אסתפק במלים אחדות על ההיסטוריה של ההצהרה. שנת תשי״ח היא 3358 שנה לראשית כבושה של ארץ ישראל ע״י יהושע בן נון. וכמו כן 2808 שנה למלכות שאול, המלך הראשון לישראל.

במשך 1867 שנים מאז חורבן בית שני, לא חדל עם ישראל במזוריו להתפלל ולערוג לשיבת ציון בשלישית. קשריו הישובים והרוחניים עם ארץ מכורתו לא פסקו. לאחר תנועות קודמות ששאפו לישוב ארץ ישראל, נוסדה בשנת 1897, בקונגרס יהודי עולמי שנקרא למטרה זו ע״י החוזה הגדול ד״ר זאב בנימין הרצל ז״ל בעיר באזל אשר בשווייץ, התנועה הציונית המדינית, שחרתה על דגלה את מטרתה, ליצור מקלט בטוח על ידי משפט גלוי לעם ישראל בארץ ישראל.

בימי מלחמת העולם הראשונה, נתגייסו גדודים יהודיים ומתנדבים מיוצאי ארצות שונות לעזרת הצבא האנגלי, לשם שחרורה של ארץ ישראל מעול התורכים. גם שירות ריגול של מתנדבים צעירים עזי־נפש, גבורי העם, אורגן למטרה זו מבין יהודי הארץ (קבוצת אהרונסון).

אחרי משא ומתן ממושך שהתנהל בין ראשי ההסתדרות הציונית לבין

ממשלת אנגליה, מסר מיניסטר החוץ האנגלי, לורד בלפור, ביום 2.11.1917 הצהרה; שממשלת הוד־מלכותו מביטה בעין יפה על יסוד בית לאומי לעם ישראל בארץ ישראל. ההכרזה הזאת שנתקבלה בכל העולם כ„מגילת החירות" של עם ישראל, נמסרה ע"י אנגליה מתוך הסכם עם שאר בעלות בריתה, צרפת ואיטליה; וכן ע"י ווילסון, נשיא ארצות הברית של אמריקה. ההצהרה פורסמה במיליוני טופסים והופצו בתפוצות ישראל השונות ע"י ממשלת אנגליה.

הישובים היהודיים בפולין שהיו תחת השלטון הגרמני, קבלו את טופסי ההצהרה באמצעות אווירונים שהפיצו את הידיעה בדבר מסירת השלטון על ארץ ישראל לידי יהודים והתחלת התישבות המונית יהודית.

גל של שמחה הציף את הנוער היהודי. בשרנטסק דבר בבית הכנסת ר' יוסף ליב פעפר ז"ל. שמועה נפוצה, כי ממשלה יהודית כוננה ע"י פרופיסור חיים וייצמן ז"ל (נשיא הראשון של מדינת ישראל). בין השרים נמנים ר' נחום סוקולוב ז"ל ומקס נורדוי. זכורני, ששתי החברות יוטה קורלציק וחיה פייגא פריידנברג הי"ד רצו בשוק וקראו „נישט אומזיסט געוועזן אונזער ארבייט".

החרמות

בשנת 1916 — 1917 החלו הגרמנים לבצע שורה של החרמות והגבלות. קודם כל החרימו הגרמנים כלי־הנחושת שבבתים. כמובן שכלי נחושת היו בעיקר אצל היהודים. כמה יהודים ויש להניח רוב רובם, החביאו את כלי הנחושת שלהם. אם זכרוני לא מטעה הורידו השלטונות הפעמון הגדול של הכנסיה הנוצרית.

ארגון צבאי חשאי

אנחנו, הצעירים, ידענו שבשרנטסק מתנהלת פעילות מחתרת של ארגון צבאי פולני חשאי. ארגון חשאי זה נזהר מפני יהודים כמפני גרמנים. המפקד של המחתרת היה שאר בשרו של מנהל הצרכניה ששוכנה בבנין של מ. קרוק, מקום שהוא עבד כמנהל פנקסים.

כשהגיעו שמועות על פרוץ המהפכה בגרמניה והחלו להרגיש בתבוסת גרמניה, נגש הארגון החשאי לעבודה. בערים הגדולות ובעיירות הקטנות, אירעו התנגשויות בין הארגון הצבאי הפולני לבין הגרמנים. בזמן פירוק הנשק מן הגרמנים בשרנטסק, פורק הנשק של הקומנדנט הגרמני ע"י אחדים מאנשי הארגון, הם לקחו מן הגרמנים כל ציודם.

יש לציין שהארגון הזה לא צירף לשורותיו אזרחים יהודיים.

מועצה יהודית

בראש המועצה עמד ר׳ מנחם קרוק ז״ל (שנפטר בארץ), סגנו היה ר׳ יוסף ליב פעפער ז״ל (נפטר בארץ).

המזכירה של המועצה (לא על מנת לקבל פרס) היתה לאה רייכגאט (בארץ בשם מגד), אמם של הסופרים הידועים, האחים אהרן ומתי מגד.

ועקונות פולין, סוף שנת 1918

נוסד ועד אזרחי שבראשו עמד עורך דין פרוזי, הז׳אזוווסקי. כעבור זמן קצר נשלחו מן החוץ מלוה 2 מיליציאנטים לשמור על הסדר. לועד אזרחי לא נכנס אף יהודי אחד. בעיר שרר שקט. לא נגעו ברע ביהודים. הנוער הפולני התנדב לצבא הפולני הצעיר, מיסודו של הארגון החשאי.

העם הפולני הסתבך במלחמה עם העם הרוסי. גויסו אז צעירים יהודיים למלחמה ברוסיה. מעניין לציין, כי כל הנוער היהודי גויס. ולא היו משתמטים בין שורותיו.

מן המלחמה לא חזר הבן היחיד של חות בילבסקי (ראה המאמר משה׳לה של א. קירשנבוים), אברהם משה.

## בית־הספר המודרני היהודי והראשון בעיירה

דורות על דורות לא התעניין הצבור השרנסקאי בשאלת החנוך. כי שיטת החנוך היתה פשוטה: לומדים בחדר, כשגומרים, עוברים לבית המדרש, ומי ראוי לאיצטלא של מחנך? שאלה כזאת לא התעוררה כלל. מי שידע פירוש המלים בתורה ופירוש רש״י והצליח לאסוף ילדים־בין הזמנים, פתח לו חדר למתחילים כלומר „מלמד־דרדקי״. ומי שידע דף גמרא, פתח לו חדר בשביל אלה שגמרו אצל „מלמד־דרדקי״. אני זוכר את ר׳ מרדכי ליפא ז״ל בתור „מלמד דרדקי״, וממנו „עברו״ לר׳ ליביא הויזמן ז״ל ולר׳ וולף ניבארסקי הי״ד. הילדות למדו אצל חייה אידל ז״ל להתפלל. המפנה הגדול חל בעיירה במלחמת העולם הראשונה.

החולמת על שיבת ציון וחנוך.

במאמרי „התנועה־הציונית״ מסרתי הדברים שנאמרו ע״י הגב. לאה רייכגאט־מגד — אמם של הסופרים אהרן ומתי מגד — שדאגתה העיקרית היתה נתונה לרבקה׳לך ולשלמה׳לך. החולמת הזאת העלתה לראשונה דאגת החנוך לילדי שרנסק.

אחרי סיום הקורס במלוה, מצוידת ברשיון להוראה, נגשה בשנת 1916 לארגן בית ספר לילדי העיירה (מן שעורים למבוגרים עברה לשעורים לילדים)

ובעזרת ד"לה דוברושקלנה ז"ל — ותבדל לחיים — צרקה קורן, שגם הן גמרו בוורשה „אלטרמנס־פרבל קורסן", נוסד בית הספר היהודי הראשון בבנין של ר' חיים בילנסקי ז"ל. למנהל בית הספר נתמנה מר נחמן קורן (כעת בארץ), שגמר במלוה קורס פדגוגי למחוז מלוה, שאורגן ע"י האינספקטור ינדרושק.

בפתיחת בית הספר למדו 80 ילד בערך. הבי"ס חולק ל־4 כתות והוחזק ע"י הקהלה היהודית ונכלל בתקציב הקהלה. לילדי בית הספר היו תלבשות וכובעים מיוחדים. לא הצלחתי לקבל פרטים על רכישת רהיטים בבית הספר.

יש לציין, שאם כי היה זה הנסיון הראשון של הוראה מצד מורים עבריים צעירים ובתקופה קשה לצבור היהודי, הצליח בית הספר בפעולתו ושמו יצא לתהלה בסביבה. הבי"ס הצטיין בטוב טעם שבו, וגם צויין לשבח ע"י האינספקטור ינדרושק.

עלי להוסיף, אעפ"י שהחזקת בית־הספר נכללה בתקציב הקהלה ולמנהל ולצוות העובדים נקבעה משכורת חדשית, לא התחשבו אלה במשכורת — ואני בטוח שגם לא קבלו אותה במלואה —, כי כולם היו ילדי שרנסק, ומטרתם העיקרית היתה להעניק לילדים חנוך ציוני ותרבותי. מי לא זוכר שמחת הצבור התרבותי בחגיגת הנשף הראשון שנערך „בחנוכה" ע"י בית הספר. כולנו ראינו בזה נצחון לתרבות העברית ולרעיון הציוני.

משעזבו מורים אחדים את בית הספר, התקבלו מורים חדשים במקומם. בין אלה יש להזכיר, אברהם קרוק, הירש ליב נאאך ובינם ווירוסקי הי"ד. בית הספר החזיק מעמד עד סוף מלחמת העולם הראשונה.

## תיאטרון של חובבים (אמטורן) בעיירה

הספריה הציונית והצבורית שנוסדה בזמן התעוררות הנוער לעבודה ציונית ותרבותית, לא היתה באפשרותה, מפאת הכנסותיה המצומצמות, להשביע את רצון הקוראים, שהלכו וגדלו מיום ליום. אנשים חיפשו ספר טוב, כי הספר נחשב למצרך ראשון. בעיירה הקטנה לא היה קולנוע. הצורך בספר טוב היה מורגש במיוחד בערבים שההליכה ברחובות היתה מותרת עד שעה 9 בערב. אז נולד רעיון וגם נעשתה פעולה לקראת הקמת תיאטרון מקומי שהכנסותיו תהיינה מוקדשות למטרה הנ"ל.

שנת 1916 בערך היתה שנת לידתו של „החוג־האמנותי" שבראשו עמד הצעיר המוכשר, קירשנבוים אברהם, שתפקידו היה לארגן תיאטרון של שחקנים חובבים מקומיים.

קירשנבוים, שהיה בעצמו אחד משוחרי הספר הטוב, והקדיש מזמנו ומכוחו

לארגון הספריה, לקח לידיו את האינציטיבה. ריכז בחורים מוכשרים ובהנהלתו נוסדה הלהקה התיאטרונית של שחקנים חובבים מקומיים.

החברים הקבועים שהשתתפו בלהקה:

1. בורנשטיין ביילה (בלציה)
2. איצקאוויץ צביה
3. זימאן אהרן זעליג
4. יזראל נח
5. מתתיהו מטוס
6. גאאן חייציה
7. גיבארסקו איסר
8. ניבארסקי זיסא לאה
9. פריידגברג ריקל (אפשטיין רחל)
10. פריידגברג אליהו משה
11. קירשנבוים אברהם
12. קורלציק שרה [redacted]
13. קורלציק אברהם
14. קורלציק איטא
15. רוזנבוים שמואל
16. שרפסקי חיים ברוך
17. שפירא יוסף.

במאים

קירשנבוים אברהם, שרפסקי חיים ברוך, קורלציק אברהם.

תפארות; קירשנבוים אברהם.

לחשנים סופלור קבוע; יצחק עבערט.

עוזרים; איסר ניבארסקי.

בזמן שהסטודנט קלאקין השתהה בשרגסק, השתתף ועזר לבמאים. לאחר שקירשנבוים עזב את שרגסק, עמדו בראש הלהקה; זימאן א. ז., שרפסקי ח. ב. וגיבארסקי איסר.

המחזות שהוצגו:

| | |
|---|---|
| 1. חנה ושבעה בניה | ד. טשכנובר ז״ל |
| 2. רחל ועקיבא | לאה רייכגאט־מגד |
| 3. אוריאל | קו״ל גוצקוב |
| 4. שרה שיינדל | לטיינר |
| 5. דער ווילדער מענש | י. ל. גורדון |
| 6. געבראכנע הערצער | לטיינר |
| 7. דער דארפס יונג | לעאין קוברין |
| 8. טוביה דער מילכיגער | שלום עליכם |
| 9. פורים—פסח—פסחוביץ— | |
| 10. מאטקא גנב | שלום אש |
| 11. מושקה חזיר | |

על גדי עריכת הצגות בתאפשרה קנית ספרים חדשים וטובים.

ראוי לציין שעם כל המגרעות והליקויים המאפיינים שחקנים חובבים, הצליחה הלהקה המקומית וההצגות עמדו על רמה.

לזכות הציבור השרנסקאי יש לציין, שההתעוררות הכללית וההבנה המליאה שגילה, הקנתה בשחקנים הרגשה שהם עושים עבודת קודש, ובצעו את המוטל עליהם תוך חדוה ושמחה.

פראגראם

# „דער דארפ'ס יונג"

א דראמא אין 4 אקטען פון **ל. קאברין**

אויסגעפיהרט דורך אמאטארען

## „צעירי ציון"

שרענסק.

מאנטיג, דער ז"טן טאג חול המועד סוכות תרפ"ב

פערזאנען:

| | |
|---|---|
| ישעיה — — — — — | ש. ראזענבוים |
| פרומא זיין פרוי — — — | ז. ל. ניבארסקא |
| יאנקעל בוילא זייער זאהן — — | א. קירשענבוים |
| נחום באהאטעלסקער ישעיה'ס ברודער — | י. ראַטקצם |
| זייקע זיין טכאכטער — — | צ. יצקאוויטש |
| איצע פאסטערנאק—בעל בית — — | ב. יזראעל |
| הירש } ישערי'ס — — | ח. ב. שערפסקי |
| וואצא } ישערי'ס — — | א. גיבארסקי |
| זלמן } ישערי'ס — — | י. שפירא |
| נאטאשא—א ריעגנט — — | ש. קוראלטשיק |
| פראקאפ—איהר זידע — — | ש. ראזענבוים |

פויערען

רעזשיסער: א. קירשענבוים

טופלער: י. עבערט

אין ספק שהחוג הזה עשה הרבה למען קיומה של הספריה. עבודות ההכנה נעשו בהתנדבות ע״י החובבים, או בעזרת החברים של הספריה. רק עבור האולם של מכבי־אש שולם לכומר הנוצרי כאחראי למקום.

להצגותיו של התיאטרון באו לפעמים גם אורחים מן העיירות הסמוכות.

יש להוסיף שלהקת החובבים התקיימה הרבה שנים, ואם אחדים מן החובבים הקבועים עזבו את העיירה, נכנסו אחרים במקומם והוסיפו להציג הצגות שונות.

## המסחר בימים ההם

שנת 1915, שנה ראשונה לכבוש שרנסק.

זה היה מסחר מיוחד במינו; הכל סחרו, הכל קנו והכל מכרו. כולם עסקו במכירת „רום" ו„תה" לגרמנים. היה גדמה שאין אף תושב אחד שלא יהיה מצויד בבקבוק „רום" ובחבילת „תה" והוא מוכן ומזומן לעשות עסק. אפילו אותם בעלי־חנויות שלפני המלחמה עסקו במכירת סחורות שונות לאכרים, החליפו סוג סחורותיהם במצרכים הנדרשים על ידי הכובשים הגרמניים. קמו סיטונאים — או מבריחים — חדשים שהבריחו סחורות לשרנסק מן העיירה זשלין, ע״י הגבול הגרמני לשעבר. העיירה זשלין שמשה מרכז להברחת סחורות לכל הסביבה, וגם לעיר מלוה, (מרכז אספקה לסביבה עד פרוץ המלחמה). אברהם זלמן גיבארסקי ז״ל, יחיאל מגגישעווער, וב. ווירוסקי היו מן הסוחרים הראשיים, שספקו סחורות לעירה. באהרים היו נוהגים לנסוע לזשלין לקנית סחורה, ובלילה כשבכל הסביבה לא נראה איר, והחשיכה עטפה כל העיר והצליחו להתגנב העירה עם הסחורות.

שנות המלחמה

פולניה נכבשה ועברה לרשות הגרמנים. החיים הכלכליים חזרו למסלולם הרגיל. הוחזרה העטרה לעיר מלוה שהחלה שוב לספק סחורות לכל הסביבה.

המלחמה נמשכה. החיים הכלכליים נעשו קשים יותר ויותר מיום ליום. מחסני סחורות נתרוקנו, חמרי־אספקה חדשים לא הגיעו. במצב יותר גרוע נמצא מצב־התזונה. הגרמנים החרימו אצל האכרים את תוצרתם והעבירו אותה לחזית או לפנים־גרמניה. האוכלוסיה נשארה רעבה ללחם, האכרים פחדו למכור. סבל האוכלוסיה בגלל המחסור במזונות — לא יתואר. מנות־המזון נצטמצמו במידה חמורה. לא אפו לחם מקמח נקי. אנשים נחלשו, ומחלת הטיפוס התפשטה והפילה חללים; הדבר גרם לחפוש אחרי מצרכים־חיוניים מן אספקה מקומית ובעזרת האספקה הזו חל שנוי לטובה ושופר המצב הכלכלי והחמרי של התושבים־היהודיים בעיירה.

האופים וגם צרכנים פרטיים קנו חטה אצל האכרים, ובאמצעות הריחים (2 אבנים שטוחות אחת על השניה) טחנו גרגרי התבואה, כמו שהיה נהוג לפני מאות בשנים. אחרי נפוי הקמח בנפה, אפו מן הקמח הזה לחם ואפילו עוגות. קרו גם מקרים שאופי הלחם והספקים נתפסו ע״י הגרמנים, שלמו קנס והמשיכו הלאה בעבודתם. כמו כן התחילו ליצור יי״ש מתוצרת־עצמית. אייזנשטיין מנחם בשותפות עם אהרן שטט ורוזנבוים, פתחו להם „פבריקעל" ליצור יי״ש. אם זכרוני לא מטעני, מכרו גם לאנשי הסביבה. אפשר לקבוע את העובדה, שבעיירות הצליחו התושבים להסתדר הודות לקשרים עם הכפר, בנגוד לערים הגדולות, שמצבן היה ללא נשוא. היו ממש רעבים ללחם. על תפוחי־אדמה לא חלמו. אין פלא איפוא שמשפחות רבות עזבו את הערים הגדולות ועברו לגור בעיירות הקטנות. גם לשרנסק הגיעו משפחות אחדות, וביניהן רופאת־שנים, סדובסקא, כעת בארץ וסטודנט קלצקין.

לומדי התורה בבית המדרש התארגנו לסייע לנכבדים מן הערים הגדולות, שמסיבת הרעב השורר בערים הגדולות, היו נעים ונדים בעיירות הקטנות.

## הסתדרות „החלוץ" בשרנסק

הצלת רוב הנוער משיני השטן

ביום 17 בנובמבר שנת 1917, נתפרסמה הצהרת בלפור וזהי לשונה: „ממשלת הוד מלכותו מביטה בעין יפה, על יסוד מקלט לאומי לעם ישראל בארץ ישראל ובמיטב כחותיה תתאמץ להקל להשגת המטרה הזאת".

שני המאורעות: מתן ההצהרה הזאת ונוסף לכך כיבוש ארץ־ישראל ע״י האנגלים גרמו שתתחולל מהפכה רוחנית אצל האוכלוסיה היהודית בכלל, ואצל הנוער היהודי בפרט. כמו כן נתעוררה תסיסה לאומית עמוקה, בין כל שכבות הנוער בפולניה, ובפרט אצל הנוער היהודי בשרנסק, שהיה בעל הכרה לאומית. הנוער התחיל לחשוב על מעשים של ממש. אם עד אז הרעיון הציוני היה חזון של עתיד, רעיון של חובבים אידיאליסטיים, והנוער הסתפק בפעילות למען הקרנות, בשירת התקוה ובנאומים תעמולתיים גרידא — ולמעשה עסקו בזה מבוגרים — הועמד הנוער פתאום בפני תפקידים קונקרטיים, בפני עבודה מעשית ותפקידים מעשיים. לפתע נשמעו סיסמאות חדשות ונאומים חדשים. קריאה גדולה עברה בין הנוער להתכונן להגשמה עצמית! ועיקר המטרה היתה עליה ארצה. נפוצו שמועות שונות, כגון שקצין יהודי רוסי ושמו טרומפולדור מתכונן לעלות עם צבא יהודי גדול מרוסיה בין הרי ארמניה — וארזרם דרך אסיה הקטנה ולכבוש את ארץ העתיד.

התמורה הגדולה שהתחוללה, מצאה נתיב לליבותיהם של הנוער השרנסקאי. המאמרים של בריל קצנלסון ז״ל והקריאה לעליה ולעבודה חדרו בלבות הנוער

הרציני והלאומי בשרנסק. בשמחה התחילו להתכונן לימים הגדולים הממשמשים ובאים. תכניות שונות הוצעו, בהתאם לתמורה הגדולה שחלה אצל העם היהודי בפולניה, שהדים הגיע גם לעיירות הקטנות.



שורה ראשונה: מרדכי קורלציק ז״ל, צביה אסתר פעפער־קורלציק, אברהם קורשנבוים, פייגא פעפער־קורלציק, יוסף שפירא. שורה שניה: רויטקאפ, יונה קרוק, יצחק עהערט, פועה קורלאיק־שפירא, גרשון רוזנבוים, חיה יוטא גריגבוים. שורה שלישית: ריקל פריינגבוג־אתשטיין, תאלף גראנאט ז״ל, קינא לגדוי, יוסף רמון (גרנט), שרה פריידגברג־ליפשיץ, פרייער.

עם פרוץ מלחמת פולין—רוסיה שותקו זמנית הפעולות הציוניות והחלוציות, כי החברים קבלו במפתיע פקודות התגייסות לצבא הפולני. ההתכוננות והתכנון נשארו מאפע. החברים יצאו לחזית־פולנית־רוסית, ובמשך המלחמה לא נעשתה שום פעולה ציונית. עם שחרורם בסיום המלחמה, התחיל כותב הטורים, ביחד עם חברים אחדים לארגן הכל מחדש. הצעד הראשון היה לבוא במגע עם המרכז בורשה, וחליפת מכתבים עם המרכז החלה.

בשנת 1922 נתארגן בשרנסק, סניף של הסתדרות „החלוץ" בוורשה, שעמד בקשר ארגוני עם המרכז בורשה. הועד הראשון שנבחר נגש ישר לעבודה (ולסלול את הדרך לעתיד). פה עלי לציין, שהסתדרות „התרבות" מסרה לרשות החלוץ, את החדר שלה בבנין אלשבסקי, במרכז השוק, ואיפשר להם לקיים פעולה סדירה. הועד התחיל לנהל פעולה הסברתית מקיפה בקרב הצעירים. סודרו הרצאות ושיחות

וחברים, התקיימו ויכוחים על ספרות ציונית. ימי שבת בשבתו, היו מואסטפים לפעמים בערב, ולפעמים אחר צהרים.

במרכז פעולות ההסברה עמדה בעית החיאת הלשון העברית והחנוך לתרבות עברית. בכך סייעו הרבה לגבש את דמותו של הנוער הציוני, שראה עצמו כגורם מרכזי בבנין הארץ.

אחרי זמן קצר לקיום סניף החלוץ בשרנסק, הוטל מטעם המרכז, להכניס לקופת המרכז סך של 300 זהובים, בתור דמי חבר חד פעמי. קל לתאר המצב שנוצר לאחר הטלת סכום גדול כזה על סניף מקומי שלא היה באפשרותו לבצע זאת. כל הפניות בענין זה למרכז לא נשאו פרי. המרכז לא הסכים לשנות את החלטתו. החלוץ עמד לפני התפוררות. העזרה באה ממקום שלא צפינו. הוצעה הצעה לבקש עזרה כספית מן העיירה הסמוכה זשורומין, למטרה זו התנדבו 3 חברים: 1. נתן בן מנחם דוברישקלנקה, 2. שמואל רוזנבוים, 3. כותב הטורים, (כולם בארץ) שהיתה לו השפעה ידועה על החוגים הציוניים בזשורומין. בעזרתם הצלחנו לאסוף הסכום ולהעבירו למרכז. ואם אני מסתכל אחורנית, יכול אני לציין בשמחה שהמרכז הבין לרוח החברים והתיחס בעין יפה. הוא דאג לפיתוחו של הסניף השרנסקאי, ושלח מזמן לזמן את נציגיו לביקורים ולשיחות.

ברחבי תנועת „החלוץ" בפולניה נתעורר ויכוח ממושך, מה עדיף לצרכי ארץ ישראל, הכשרה מקצועית או הכשרה חקלאית; מכל מקום על דבר אחד היה מוסכם, שאין להתיר את עלית החלוצים, בלי הכשרה גופנית מוקדמת, בכדי שהעולים ארצה יהיו אנשים מועילים ויסתגלו לעבודה בארץ. הויכוח הסוער הזה לא עורר אצל החלוצים שלנו כל ענין מיוחד, כי הנוער בשרנסק החליט על הכשרה גופנית ורוחנית, ולא לקח בחשבון הכשרה חקלאית.

שלש בעיות עקריות עמדו לדיון בכל ישיבות הועד:

א. הכשרת החברים לחיי עבודה בארץ;

ב. עליה ארצה;

ג. שאלת התקציב — שאלת הכסף.

שערי ארץ ישראל היו נעולים בפני עליה יהודית. וכל יהודי ששאף לעלות, היה חייב לקבל רשיון עליה (סרטיפיקט). העליה החלוצית היתה מסודרת לפי סרטיפיקטים שחולקו ע״י המרכז. חבר, מועמד — לעליה ע״י הועד המקומי שאושר ע״י המרכז, קבל סרטיפיקט ועלה ארצה. קבוצות עלו ארצה. כמובן שחלום כל נער היה לקבל סרטיפיקט.

יום יום התקיימו ישיבות בהן דנו על הכשרה גופנית ועבודת כפים, החברים כבר פשטו הרגלי חיים נוחיים ולבשו בגדי עבודה. הם הכינו תכניות עבודה. עיקר

תפקידו של הועד היה לחפש אחרי מקומות הכשרה, ולשלוח שם חברים מתאימים. כי שאלת הכשרה גופנית לא נתנה לחברים מנוחה.

בשנת 1924 נודע לועד, שהנגר היהודי היחידי, מר פרלמוטור, עוזב את העיירה ונוסע אל בנו לאמריקה ע"מ להשתקע, ומוכן למכור את הנגריה להסתדרות „החלוץ" במחיר זול. הועד החליט לרכוש אותה. נבחרה ועדה ואחרי מאמצים רבים, ובעזרת הגרלה שסודרה, נרכשה הנגריה. כדאי לציין העובדה הפסיכולוגית; אינני זוכר כמה חברים למדו נגרות. אבל עצם העובדה, שיש לנו נגריה, וניתנת הזדמנות לחלוצים צעירים ללמוד מקצוע ולעסוק בעבודה גופנית ממשית ע"מ לסגל לעצמם הרגלי עבודה־ראשוניים, על סף התמורה בחייהם, השפיעה לטובה על כל החברים.

כדאי להזכיר, כי בין הדמויות הבולטות שהצטרפו ל„החלוץ" עם הרחבת תחומיו והכניסו אמונה ותקוה בלבות החברים, היו שמואל רוזנבוים ושרה קורלציק־רוזנבוים (כעת בקרית חיים). צעדם המהפכני עורר גל של התפעלות והשתוממות בין כל הצבור השרנסקאי. לא חשובות הסיבות, רק עצם העובדה שחברים מבוגרים הצטרפו להסתדרות אשר רוב חבריה היו בגיל של 19, עשתה רושם בל יימחה על אנשי העיירה. צעדם זה שמש סמל לרבים בכנות הנפשית, ובשמחת העבודה שהתעוררה בהם עם ההצטרפות ל„החלוץ".

דרכם של החלוצים הראשונים בעיירה, לא היתה סוגה בשושנים. קודם כל לא היה קל לעבוד עבודה פיזית. חוץ מזה, החליטו וגם התכוננו לנטוש הבית נגד הסכמת וגם נגד רצון ההורים. חלק גדול מן ההורים לא הבינו ולא האמינו ברעיון החלוצי. בהתחלה חשבו זאת ללהט־נעורים, או כמו עבודות הסתדרויות אחרות. אבל נדהמו, כשנוכחו שהדבר אינו כל כך פשוט. הילדים מתכוננים באמת לנטוש אותם, לעלות ארצה ולבנות את עתידם רחוק מהם. והילדים, כלומר החלוצים הצעירים הבינו לרוחם... ושתקו.

שנוי ערכין

היהדות הדתית בפולניה, שראתה בעין רעה כל פעולה תרבותית, התנגדה גם לרעיון הציוני. בעיירה הקטנה שלנו, התנגדו האדוקים־החרדים לדבר ד', לפעולה ציונית. ביחד עם הזרמים הדתיים, בקשו להתגונן מפני התנועות החדשות. הם התכוננו בעיקר לפעול למען חיזוק הדת. הוכוחים הסוערים בבית המדרש לא פסקו, אבל תודות לפעולות הנמרצות של „החלוץ" שעבד מתוך התלהבות ומסירות נפש, נכבשו הלבבות, וחל שנוי נכר לטובה. באופן הדרגתי חדר יחס של הבנה, ויחס של כבוד מצד הצבור ל„חלוץ". לא רק אנשים שעמדו רחוק, אלא אפילו מתנגדים מושבעים התיחסו בכבוד לה„חלוץ". כמו"כ חל שנוי בוכוחים הסוערים

בבית המדרש. לא את הרעיון הציוני התקיפו, אלא את „העזה" שלקחו הציונים להחליט על עתיד ילדיהם. כדאי להזכיר שיחה אחת של יהודי ישר, ר' מנדל פריידנברג (שנפטר בארץ) עם כותב טורים אלה, לאחר זכות סוער.

ר' מנדל שואל: ווער איז גערעכט? (מי צודק?)

אני: ווער ס'וועט פערלאזן פוילען (מי שיעזוב את פולניה)

ר' מנדל: ערנסט (רציני) ווער האט אייך געגעבען רעכט, צו דעצידירען איבערן לעבען פון אינזערע קינדער? (מי נתן רשות להחליט על הילדים שלנו).

אני: די זעלבע רעכט, פון אלע ציוניסטישע ארגאניזאציעס אין דער וועלט (הרשות שנתנה לכל הסתדרויות הציונות בעולם) והוספתי שבתך תעלה (והוא תקן לי איי"ה). על שאלתו מדוע אני כל כך בטוח, עניתי כי אני מכירה כעקשנית וכאחת היודעת מה שהיא רוצה. על כך הוא השיב: ביי מיר איז שטוב זעה איך נישט איהרע העלדישקייטן.

„החלוץ" הכניס שנוי ערכין ומהפכה גמורה ביחסים בין הצבור לתנועה הציונית. מי שחי בבית המדרש, יכול להעריך תמורה יסודית זו.

הקבוצה החלוצית הראשונה, שאושרה ועלתה ארצה בשנת 1925, עוררה התפעלות והערצה. היה זה מאורע בלתי נשכח בשביל הצבור השרנסקאי. החלוצים שעלו היו, רוזנבוים ושרה קורליציק, א. בורנשטיין, רחל פריידנברג, פועה קורליציק, יונה קרוק וצביה אסתר פעפער. חלוצי עליה ראשונים אלה סללו את הדרך לעליה נוספת. הודות להם, הארץ נעשתה קרובה ללבנו, וזה הביא לעלית


הועד המרכזי של הסתדרות „החלוץ" בפולניה
כרטיס-חבר

בודדים ומשפחות בודדות נוספות. ה„חלוץ" התמיד במשך שנים בהכשרת קבוצים נוספים. חברים נשלחו גם להכשרה חקלאית. בשמחה אני מציין שאף עולה אחד לא חזר לגלות המרה.

בספר „יזכור", שאני מתאמץ להציב בו יד־וזכר לקהלת שרנסק, אינני מעונין לכתוב היסטוריה. נוכח השואה האיומה הזו שהשמידה את היקרים והחביבים שלנו, הנני מעונין לתת תמונה שלמה והערכה נכונה להסתדרות „החלוץ", שתשאר בזכרוננו כמחוללת המהפכה בחיי הנוער. טוב שגם הילדים שלנו יקראו וידעו את יציאת ההורים מן הגלות הנירה למולדת החדשה והישנה. חוב מוטל על כל אחד ואחד מאתנו לתת מקום כבוד להסתדרות זו, שפעלה רבות והצליחה במשימתה, עד כי רוב הנוער נטש חיי הגלות לפני הסוף המר והנמהר, ועי"כ נוצל רוב הנוער משני השטן.

<u>יוסף ליב פעטער ז"ל</u>

## הספריה הציונית — ופחד שוא.

היה זה במלחמת העולם־הראשונה, בעת שהנוער התעורר מתדהמה וקפיצתו הראשונה לעבודה צבורית היתה עשיה למען ציונות ותרבות. לביצוע מטרה זאת הוחלט שאחת הפעולות הראשונות תהיה ייסוד הספריה בעיירה. פעולה זו היתה קשורה בהשגת אישור־מהממשלה. מגיש הבקשה היה צריך להיות הקהילה היהודית בעיירה. כחבר ועד הקהלה חתמתי על הבקשה בשם הקהילה בסתר, מבלי לשאול או להתיעץ עם יתר החברים. כאשר הספריה נוסדה, פרצה מהומה חדשה בעיירה. יהודים חרדים ויתר הקנאים שראו בספריה סכנה לדת רגשו; געוואלד בחורים ובחורות נפגשים יחד, וכל הנוער עלול לצאת ח"ו לתרבות רעה, ועי"כ תגדל הפריצות ר"ל. תביעתם הראשונה מהרב והקהילה היתה שעליהם לפנות לממשלה בדרישה לאסור את הביבליותיקה ולסגור אותה. לאחר שפניותיהם אל הרב לא נשאו פרי, טכסו עצה ושיגרו מכתב למלבה להקרייז־שעף. המכתב היה מלא השמצות כיד הטובה של כותביהם. הם בקשו ודרשו לבוא ולבקר בספריה, ע"מ לראות את הרעה הטמונה בה. הקרייז־שעף העביר את המכתב ישר לקומנדנט בשרנסק, בלי כל הערות. הקומנדנט, בשם הער שימל, היה או מיודד אתי, וכמעט בכל יום היה נוהג לבוא לביתי מתוך ידידות. פעם נקראתי אל הקומנדנטורה והער שימל מסר לידי מכתב השמצה נגד הביבליותיקה. נדהמתי מרוב כעס ובושה. ביחוד חששתי מהעובדא שאני בעצמי חתמתי בשם הקהילה על הבקשה לקבל הרשיון לספריה. הייתי כמובן במבוכה רבה, אבל כלפי חוץ לא גליתי מבוכתי. כששאל אותי מה לעשות, עניתי כי לדעתי מוטב

להמנע מלעשות דבר. באם ברצונו לערוך חקירה אהיה מוכן לזהלוות אליו. הוא ענה לי, שיחד עם השאגדר פיגגר ביקר בספריה ומצאו מספר בחורים שישבו וקראו ספרים בעברית, ולא גילה כל שמץ של דופי. אבל בכל זאת הוא חייב עוד לערוך חקירה ודרישה נוספת. מצדי הוכחתי לו שהדבר לא כדאי לו, ועליו להסתלק מכל הענין הזה, כי כאן סתם מלשינות על־ידי אנשי־דיב. זוכר אני שימים ולילות הייתי נתון בפחד, אם כי אף אחד לא ידע ע״כ. היה זה בזמן שכל היהודים בעיירה — וכמעט כולם — היו עסוקים ב„שמוגל״ (הברחה), וכמה גאלה נתפסו ונקנסו ואף הושמו בבית סוהר. באותו זמן הייתי עוסק אצל הקומנדנט להמתיק את דינם בכל האפשר. במקרים כאלה הייתי יוצא ונכנס אצל הרשות לעתים תכופות. פעם אחת כשישבתי בקומנדנטורה והבחנתי שהקומנדנט עסוק באותו רגע, הוצאתי את המכתב, וחיש מהר זרקתי אותו בסל שמתחת לשולחן. בזה חסלתי את הענין. בכל זאת פחדי לא פג זמן רב, וחששתי שמא הקרייז־שעף עוד ידרוש חקירה.



ועדת ה„תרבות״ של ה„ספריה״

עומדים לשמאל יושבים: ש. צ. מיצנמכר ז״ל, צ. טעטער, קורלציק, ש. מלובנציק, ב. הרשקוביץ, י. א. רבינובסקי הי״ד, ש. אקס־גלמן. עומדים: י. ג. רוזנברים, ליכטמן, המבורגר, יוסף שפירא, ג. יורעל.

יוסף רמון (גרגם)
מיט פרטים און מיטהילף
משה ניבארסקי.

# דער עקאנאמישער און גייסטיקער מצב פון לעצטן דור אין אידישן שרענסק, זיינע פרנסות — זיינע אינסטיטוציעס פון יאר 1918 — ביז 1/9/1939 — אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

## אריינפיר

צווישן ביידע וועלט־מלחמות

אויף די חורבות פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז אנטשטאנען פוילנ׳ס באפרייאונג, דער חלום פון דורות איז געווארן א ווירקלעכקייט.

די אידישע באפעלקערונג צוזאמען מיטן גאנצן פוילישן פאלק האבן מיט שמחה און ענטוזיאזם אויפגענומען פוילנס ווידער־געבורט, די אידישע באפעלקערונג האט געהאט א גלויבן אין איר היימלאנד, דעריבער איז קיין וווּנדער וואס ביים אויסברוך פון דער פויליש־סאוויעטישער מלחמה, ווערט אויך מיטגעריסן די אידישע יוגנט און גייט מאסנווייז אין דער פוילישער אר׳מיי, סאיז נישט באקאנט געווען דער פאל פון דעזערציע.

פון דעם רוסיש־פוילישן קריג אין יאר 1920 קומט נישט צוריק אהיים משה ביעלאווסקי דער בן יחיד פון חוה ביעלאווסקי (זעה דעם מאמר משה־לה).

ליידער איז דער זיסער חלום, דאס גלויבן אין א גוטע זיים, שנעל צערונען געווארן, אידיש בלוט אין פוילן איז געווארן הפקר, אין גאנצן לאנד גיסט זיך אידיש בלוט, מען ווארפט אידן פון די באנען, האלערטשיקעס (סאלדאטען פון גענעראל האלער׳ס ארמיי וואס זענען געקומען פון אמעריקא) כאפן אידן און שניידן זיי אפ די בערד, אין שרענסק ביים וועלדל ווערן דערמארדעט 3 אידן: נחום האדעס, קאפעראן, אברהם יצקאוויטש, אויף דער אידישער באפעלקערונג — איבערהויפט אין די קליינע שטעטלעך — באפאלט א פחד, די אידישע יוגנט פיהלט אז סקומען אן שלעכטע צייטען, דער עקאנאמישער מצב ווערט ערגער פון טאג צו טאג, אין שרענסק למשל לעבט די גרעסטע טייל פון דער אידישער באפעלקערונג פון דער שטיצע וואס זי באקומט פון אמעריקע, פאר די באפרייטע אידישע סאלדאטן פון דער פוילישער ארמיי, שטייט די פראגע פון פרנסה.

די גאנצע אידישע בעפעלקרונג, בפרט די יוגנט, זעט נישט אין שרענסק

קיין שום פערספעקטיוון אויף דער צוקונפט, און דא שטעלט זיך די פראגע לאן? אדער וואו־אהין?

אלע ווי איינער זוכן א „תכלית”, עס שטעלן זיך אין דער שפיץ פון ציוניסטישער טעטיקייט נייע יונגע כוחות, ס׳ווערט פארשטארקט די ארבעט פון „תרבות”, דער הויפט־געוויכט ווערט געלייגט אויף דער ארבעט פון הסתדרות „החלוץ” (זעה דעם מאמר הסתדרות החלוץ בשרנסק). אלע לערנען העברעאיש, אין קליינעם שטעטל רעדט די יוגנט העברעאיש.

די ערשטע חלוצים פאר׳ן נאך ארץ־ישראל: שמואל רוזנבוים, שרה קורלציק־רוזנבוים, פועה קורלציק־שפירא, רחל (ויקל) פריידנבערג־עפשטיין, צביה אטותר פעפר, נאכהער קומען אנדערע; משפחות ש. קרוק, יוסף שפירא, שלמה נח ליכטיג, מרים ליכטיג־זיידמן, ברידער און שוועסטער פעפער, שוועסטער ליפשיץ, שוועסטער אין ברידער זיסא און יוסף גראנאט (רימן), די ברידער מרדכי און אברהם קורלציק, רחל דבורה גראנאט־זלמנס הייטשא גראנאט־לוי, לבדוי חייטשע, דוד יזראל און עבערט יצחק א. א. פון דער צווייטער וועלט מלחמה, האבען אלע לעבנגעבליבענע זיך באמיט צו קומען קיין ארץ־ישראל.

איינצעלנע האבן גענומען דעם וואנדער־שטעקן און זענען געפארן אין לענדער ווי זיי האבן באקומען רייזע דערלויבעניש, ווי, קירשנבוים, יוטע און יוסף מרדכי זימאן נאך אמעריקע, גראנאט וואלף נאך לאנדאן, יעקב גראנאט נאך ארגענטינע, טעשא צוקער מיטן מאן נאך אורוגוויי. משפחות נאאך נאך אמעריקא, ז. ל. גיבארטקי נאך לאנדאן.

דער חנוך אין שטעטל

וועגן „חנוך” אין אונזער שטעטל איז נישטא פיל צו שרייבן. דורות אויף דורות האט חנוך־דערציאונג געהייסן; חדר, בית־המדרש, ישיבות. וועגן חנוך פאר מיידלעך האט מען נישט געזארגט, מען האט זיך באצויגען מיט בטול צום גאנצן ענין פון לערנען פאר די טעכטער, מען האט געהאלטן, „כל כבודה בת מלך פנימה”, אין אויב ר׳ ברוך קאהן׳ס טאכטער האט יא באזוכט א פוילישע שולע (כבין נישט זיכער אין דעם) איז עס געווען א אויסנאם. כ׳געדענק פאר דער ערשטער וועלט־מלחמה א מלמד׳קה חיה איידעל וועלכע האט געלערנט די מיידלעך דאווענען, און ביי לייביע הויזמאן ז״ל האבן זיי זיך געלערנט שרייבן אידיש, צו שרייבן א בריוול און קענען אנשרייבן א אדרעס. אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, ביי די דייטשן, האט זיך געעפנט א אידישע שול פאר אינגלעך און מיידלעך אונטער דער לייטונג פון נחמן קורן (היינט אין לאנד) — און הגם א גוטע שולע איז זי

ליקווידירט געווארן נאך פאר׳ן סוף פון דער מלחמה. די שולע האט אבער אריינגעבראכט דעם בעוואוסטזיין אז מיידלעך דארפן לערנען, און אויב אידישע מיידלעך הויבן אן סיסטעמאטיש צו באזוכן די פוילישע פאלקס־שולע אין שרענסק, מיט דער צושטימונג פון די עלטערן, איז עס צו פארדאנקען די ערשטע אידישע שולע.

כ׳מוז בעמערקן אז די תקופה צווישןביידע וועלט מלחמות האט געבראכט בכלל אן איבערקערעניש אין ענין דערציאונג. אינגלעך האבן אויך אנגעהויבן צו באזוכן די פוילישע אלגעמיינע פאלקס־שולע, זאל מען נישט מיינען אז דאס איז געווען מחמת צוואנג. אידן האבן שטענדיק געפונען מיטלען אויס־צומיידן די גזירות. נאר די עלטערן אליין זענען געווען פאראינטערעסירט אז די קינדער זאלן קענען די פאלקס שפראך פון לאנד.

די חדרים האבן אויך געענדערט זייער שיטה, מלמדים זענען געווען נישט סתם בטלנים, נאר למדנים וואס האבן פארשטאנען ווי צו פארשטיין די נשמה פון קינד, זיי האבן די קינדער געוואלט מגדל זיין לתורה ועבודה, און געוווסט שוין ווי צו מאדערניזירן דאס חדר, וואס זאל באשטיין פון א ריינעם צימער און גוטע לופט א. א. וו.

ד׳ער פראגמענט „דער לעצטער דור״, נעמט ארום אלע פאכן, מסחר, און רכוש און די אינסטיטוציעס צווישן ביידע וועלט מלחמות. דער עקאנאמישער מצב אין דער צייט פון פולנ׳ס זעלבסט־שטענדיקייט איז לא די, וואס ר׳האט זיך נישט פארבעסערט, נאר ר׳האט זיך פארערגערט, דער אנטסימעטיזם איז פארשטארקט געווארן, ס׳האט נישט געהאלפן די הונדערט יאריקע פארוואורצלונג צווישן פוילישע בירגער אין שטעטל, ווען ס׳איז געקומען דער ביטערער יום הדין, איז דער ייד געבליבן פערזאמט אין דער ארומיקער סביבה.

אז איינמעלדן א געבוירן קינד אדער אויסמעלדן אין א טויט פאל, האט מען דאס איבערגעגעבן דעם רב, און דער רב האט געשיקט דעם שמש אין דער גמינע צו דערליידיקן די ענינים, ווי אויך מיט חתונות.

די גמינע האט פארמאגט א באנק, א אידישן בעל־בית אין שווער געווען צו באקומען א הלואה, כ׳געדענק א פאקט, ווען אלס וואיט, איז אויסגעוויילט געווארן א שטאטישער בעל־בית מלאטקאווסקי, האב איך אים געפרעגט פאר וואס די באנק איז נישט אפן פאר אידן, אזוי ווי פאר קריסטן, האט ער געענטפערט; אירך פארלאזן די שטאט, און אייער זענען לויט זיין מיינונג נישט קיין גוטע גוואראנציע אויף א סכום וואס די גמינע בארגט ארויס, ס׳איז דעריבער נישט קיין וואונדער, וואס די אנטיסעמיטישע העצער׳ס האבן געפונען א גוט פעלד פאר זייער טעטיקייט. אידישע הייזער האבן אנגהויבן איבערצוגיין צו קריסטן, מענדעל זימאנס הויז איז ממש מיט כח צוגענומען געווארן, בינעם דוד׳ס הויז, און אברהם מאיר רייכגאט׳ס הויז זענען איבער געגאנגען אין גויאישע הענט, פוילישע געשעפטן זענען אויפגעשטאנען, האבן אנגעווענדעט אלע העך־מיטלן ארויס צו רייסן אלע פרנסות פון די אידישע הענט, איין אידישע אליארניע האט עקזיסטירט, איז עס איבערגעגאנגען צום גוי מלאטקאווסקי, אין אויב אמאל אין א שבת, האט מען קיין גוי נישט אנגעזען אין מארק, נאר געקענט זען ווי אידן גייען פון דאווענען מיט טליתים, אדער די יוגנט שפאצירט און דיסקוטירט איבער פארשידענע טעמעס --- האט מען שוין אין דער לעצטער צייט געקענט טרעפן, ווי גויים קומען שבת מיט זייערע וועגענער איינקויפן אין גויאישע געשעפטן.

ס׳איז ווערט צו דערמאנען אז פאר דער ערשטער וועלט־מלחמה איז געווען אין שטאט דריי גארבערייען, פון משפחה טאראווסקי־גרינבוים, פון דוד שערפסקי ז״ל, אין פון מענדעל ראזענבוים ז״ל. ס׳איז אויך געווען א קאפעלוש־פאבריק אנגעפירט דורך א ווארשעווער איד לאנדא, ס׳איז געפירט געווארן גרויסע געשעפטן מיט גענז. אין שטאט זענען געווען צוויי־סקאלדעס מיט בוי־מאטעריאל און דאס אלעס איז געווארן חרוב מיטן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ס׳האט זיך געשאפן נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה א פאברייק פון פוסטאקעס (בלוקען פון צימאנט) וו ס׳האבן געארבעט אונזערע חלוצים וועלכע האבן זיך געגרייט עולה צו זיין, אבער אויך דאס האט זיך שנעל ליקווידירט, אזוי זענען איינגעשרומפן געווארן די אידישע פרנסות.

די לעצטע אידישע קהלה — פארוואלטונג

פרעזעס, אסטאן יעקב אהרן.

מיטגלידער

אייזנשטיין מנחם, זימאן אהרן זעליג, ליפשיץ פנחס, ליפשיץ פייוול, מאנוס מתתיה, גיבארסקי איסער.

די קהלה באאמטע

סעקרעטאר גדליה גיבארסקי,

אליעזר ביעלאווסקי (זון פון חיים ביעלאווסקי) חזן און שוחט.

שמש יעקב משה סאלדאנער.

מקוה׳ניק יעקב ליכטמאן.

דער רכוש פון די קהלה

דער בנין פון די שוהל, דער בית המדרש, (אין בנין פון בית המדר״ש איז געוועזן א דירה פארן רב אבד״ק), די מקוה, (אין בנין פון דער מקוה, א דירה פארן מקוה׳ניק). 2 בית הקברות, דאס אלטע, און דאס נייע.

די שוהל, דער בית הכנסת

די שוהל — א שיינער בנין, אריינגייענדיק אין שוהל פון דער רעכטער זייט, איז געוועזן א צימער פאר זיצונגען פון דער קהלה און פאר אנדערע אינסטי־טוציעס, צ. ב. ש., די באנק און גמילות חסד, אויינקומענדיק אין דער שוהל האט מען באדארפט אראפצוגיין 3 טרעפלעך, אזוי ווי אין אַלע שוהלען — מקיים צו זיין דעם „ממעמקים קראתיך יה״. די שוהל אינעווייניק האט דערוועקט א געפיהל פון הייליקייט ביי יעדן (באזוכער) מתפלל, דער ארון־הקודש מיט די כרובים, די הויכע גלאטע ווענט האבן אנגעזאגט יעדן איינעם אז ער געפינט זיך אין א הייליק ארט (מקום קדוש).

ביים אריינגאנג אין דער ווייבער־שוהל, האט יעדער אויסגעמיטן צו ווארפן דעם בליק לינקס, ווייל דארטן איז געשטאנען דאס טהרה ברעט, און דער קאסטען פאר אַ בר מינן.

די יונגע בעלי הבתים פלעגן דאווענען שבת און יום־טובים אין שוהל — אַ גאנצע וואך האט מען אין שוהל נישט געדאוונט — דער גבאי איז געוועזן שמואל מאיר באניסלאווסקי, דער שמש יעקב משה סאלדאנער, דער בעל קורא אברהם זלמן גיבארסקי, דער חזן אליעזר ביעלאווסקי, וועלכער האט שבת און יום־טוב געדאוונט אין שוהל.

דער בעל מתחיל אין ימים נוראים איז געוועזן דער בעל־קורא א. ז.

ניבארסקי, ימים־טובים האט זיך געהערט א שטים ווי פון אָרגלען פון דער מזרח־ווענט זייט שוהל, נאכן בעל מוסף ״המלך״...

משה־הערש גורינבוים מיט זיינע זין משוררים, מרדכי יוסף, אשר, האבן געדאוונט שחרית, ער האט פארמאגט א איידעלע צארטע שטימע וואס האט געמאכט ציטערן יעדעס הארץ.

דאס בית המדרש די צווייטע היים פון שרענסקער אידן

אם יש את נפשך לדעת את המעיין

ממנו שאבו אחיך המומתים

לעלות על המוקד

— — — —

ו״באחד״ למות מות קדושים

— — — — — —

אל בית המדרש סור, הישן הנושן

(משירי ביאליק ז״ל)

לינקס אין בית המדרש איז געהאנגען א כיור־נחשת פול מיט וואסער, ווו מענטשן וואשן זיך די הענט, אריינקומענדיק אין בית המדרש. צייטנווייז פלעגט זיך באווייזן א האנט־טוך, אבער דאס איז גלייך פערשווונדן געווארן. אין דער רעכטער זייט איז געשטאנען דער גרויסער קאפלאנע־אויון וואס פלעגט ווינטער ווארעמען דאס בית המדרש, איבערהויפט פאר די בחורים וואס זענען געזעסן גאנצע טעג ביז שפעט אין אווגט און געלערענט. ארום אויון זענען געווען בענק ווו עלטערע אידן פלעגן זיצן און הנאה האבן אויסצובריען די פלייצעס. די בחורים לערנער׳ס פלעגן צו ריקען די בענק צום אויון ס׳זאל זיין ווארעם צו זיצן ביים לערנען.

נישט ווייט פון אויון זענען געשטאנען שענק מיט ש״ס און אנדערע ספרים. הערציק דעם גמרא־ניגון אין בית המדרש האט מען געפיהלט ווי מען וואלט געהערט דאס געזאנג פון דורות (דאס בית המדרש ווערט דערמאנט אין פערשידענע ערטער אין בוך).

דאס בית המדרש האט געהאט באשטימטע בעלי־תפילות; יחיאל אליעזר רייספערער און שלמה אסמאן. דער שטענדיקער בעל קורא איז געווען אליהו יצחק ליפשיץ.

די מקוה

משה ניבארסקי שרייבט; אלע יארן זינט כ׳בין געווען א קליין אינגל איז

דער מקוה'ניק געווען „איצל" דער רבי, ער האט געלערנט מיט אינגלען. דאס „הדר" איז געווען אין דעם זעלבן אינציקן צימער, מיט די בעטען און די קיך — אלעס צוזאמען. דער ר'בי האט געהאט אסאך קליינוואַרג און שטענדיק זענען דארט ארומגעגאנגען עטליכע היגער מיט אפגעזענגטע ווידלען.

די לעצטע יארן פאר דער מלחמה איז יעקב ליכטמאן געווארן דער מקוה'ניק. ווען די דייטשען ימ"ש האבן ארויסגעפירט די אידן פון שרענסק האבן זיי גלייך פונאדערגענומען די שוהל, בית המדרש און מיקוה. אויפן שטח פון שוהל האבן זיי אויפגעשטעלט אַ תליה, אבער ווען איך בין געקומען „צוריק" קיין שרענסק איז אויך די תליה געווען צעפאלן, די גויים פלעגן ציטערן פאר אימה און זאגן: משין קרעוו ניע כצע שיע טשימאטש (הינטיש בלוט, עס וויל זיך נישט האלטן) ; מיינענדיג אז צוליב דעם מקום קדוש ווו די שוהל איז געשטאנען וויל זיך קיין בנין נישט האלטן. געבליבן איז נאר אַ טרעפל פון שוהל, וואס איז איינגעזונקען געווען אין דער ערד.

2 בתי קברות

ווען דאס אלטע בית הקברות איז געווארן פארפולט האט מען געקויפט אַ נייעם פלאץ פאר אַ בית הקברות. צום באדויערן האט קיינער נישט געליינט די אלטע מצבות, אין וועלכע ס'איז געווען אסאך היסטארישן מאטעריאל. ווי מען האט איבערגעגעבן, זענען דארט געשטאנען מצבות 100־טער יארען און אלץ איז געווען אפגעמעקט.

דער שומר פון בית־הקברות איז געווען אַ דייטש. ביי די היטלעריסטישע סמאים זענען זיי געווארן פאלק'ס דייטשן.

פאר אַ נייעם בית הקברות איז אנגעקומען געווען שווער איסקלויבן א פלאץ, מחמת דער געלט פראגע, נאך פיל מיה און אנשטרענגונג, איז געלינגען צו קויפן אַ פאסנדיקן פלאץ אויף אַ בית הקברות, פון די לעצטע באריכטן וואס מיר האבן דערהאלטן, איז דאס בית הקברות געווארן פאראקערט, ס'איז געבליבן בלויז דער אהל.

די חברה קדישא גחו"א (גמילות חסד של אמת)

אין אלע ציטן, אין דער גאנצער וועלט, ווו אידן האבן זיך נאר באזעצט, איז דאס ערשטע געשאפן געווארן די „חברה קדישא", אַ מאכט פאר זיך, מיט שטרענגע תקנות פאר די חברים אינוועניק. די אידישע באפעלקערונג אין שטאט האט זיך באצויגן צו איר מיט כבוד אין גלייכצייטיק מיט מורא און קיינער האט

נישט געוואגט צו רעדן א שלעכט ווארט אויף די חברה קדישא. ווער האט געקענט זיין א מיטגליד אין דער חברה? לויט די תקנות פון די חברה־קדישא, ווען א קינד איז געבוירן געווארן ביי א חברה־קדישא־מאן איז ער פארעכנט געווען ווי א קדוש מרחם און אז ר׳איז געווארן מבוגר — האט ער געקענט אן שוועריקייטן אריינטרעטן אין דער חברה און גלייך ווערן גלייכבארעכטיקט מיט אלע מיטגלידער. גאנץ אנדערע בעדינגונגען האבן בעהערשט ווען ס׳איז געווארן אנגענומען א נייער מיטגליד. עטלעכע יאר איז ער געווען א „מלאדש" א איבגערער, אזוי ווי א רעקרוט אין מיליטער, האט ער געמוזט דערפילן אלע שווערע ארבעטן, ברענגען דאס טהרה־ברעט פון פרוזדור אין הייבער שוהל, שלעפן וואסער א. א. וויטער.

ביי יעדע געלעגנהייט האט מען איינגעארדענט א סעודה׳לה, יעדן חודש, יום כפור קטן, איז געפראוועט געווארן א קליין סעודה׳לה. ביים בר־מינן פלעגט מען מאכן א גוטן שנאפס מיט פארבייסעכץ, אבער די הויפט סעודות זענען געווען 2 מאל אין יאר, ז׳ אדר, אין טאג פון משה רבינו׳ס פטירה און שמחת תורה, צו די 2 סעודות האט מען זיך געגרייט מערערע וואכן, ס׳האבן זיך ביים גרייטן באשעפטיקט עטלעכע מענטשן, און דאס איז צוגעגרייט געווארן מיט א גרויסן פארנעם.

צו דער חברה קדישא. האט מען זיך געמוזט בעציהען מיט דורך ארץ, אלע יארן וואס מיר געדענקען איז דער גבאי פון חברה קדישא געווען ר׳ הערצקע גראנאט, ווען ר׳ הערצקע איז נפטר געווארן האט דאס גבאות איבערגענומען וועלוול דאדזאגאווסקי, אדער ווי מ׳האט אים גערופן „וועלוול מלאך".

ווען וועלוועל מלאך איז געשטארבן האט דאס גבאות איבערגענומען שלמה אטמאן, די חברה איז באשטאנען פון יעקב משה סאלדאגער, אברהם זלמן ניבארסקי, אלחנן קודזבארסקי, יצחק קודזבארסקי, מנוח אייזענשטיין, היניך סטאוויסקי, פיוול ליפשיץ, אליהו נחמן גרודע, יהודה בער שערפסקי, די חברה קדישה האט רעגירט מיט א שטארקע האנט; איז מסתלק געווארן א ארימאן אויף יענער וועלט, האט מען אים אינגט אין צווי געטאן זיין רעכט אן ס׳איז געווען שא שטיל, איז אבער געשטארבן א איד א נגיד, אדער איבערגעלאזן רייכע קינדער, האט זיך אפגעטאן געפערלעכע זאכן; די חברה האט געפאדערט געלט און די קינדער האבן נישט געוואלט באצאלן. נישט איינמאל האט זיך דער רב זצ״ל, געמוזט אריינמישן און זען דער בר מינן זאל קומען צו קבורה.

### ביקור חולים — לינת הצדק

אמאל זענען דאס געווען 2 קערפערשאפטן, מיט דער צייט, האט זיך דאס פאראייניקט און געווארן איין אינסטיטוציע, אן אחים און אחיות. די היטער׳ס

ביינאכט זענען געווען אידן, מיטגלידער פון בקור־חולים, זיי האבן אויך געזארגט צו שאפן געלד ווען דער קראנקער איז געווען נישט פארמעגלין, אלץ איז געטון געווארן לשמה, לשם מצוה. אין שפיץ פון בקור חולים איז געשטאנען ר׳ יעקב משה סאלדאנער הי״ד.

די גמילות־חסד־קאסע

אין אלע צייטן האבן אידן זיך באמת מקיים צו זיין די מצוה פון גמילות־חסד, מען מוז בעצייכענען, אז צום מערסטן האבן דאס געטון די פערד־הענדלער׳ס אין שרענסק, מען פלעגט אמאהל זאגען, אז ר׳ ישראל מאיר מארינאוויץ, און ר׳ ישראל גוז, אדער ישראל דזשעזשינגער, פלעגן טוען פיל גמילות־חסד. נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז געגרינדעט געווארן, מיט דער הילף פון „דזשאינט״, אן אלגעמיינע גמילות־חסד קאסע, וואס האט ארויס געהאלפן אלע אן אויסנאם.

אויך פערניעגלעכע אידן האבן זיך באנוצט מיט דער גמילות־חסד קאסע, יעדן זוגטאק איז אין געצאלט געווארן 10% פון סכום וואס מען האט געבארגט. כ׳געדענק נאך דעם בעריכט פון יאר 1932. דעמאלט האט די קאסע פערמאגט 800 זל׳ אייגענע, אויך פון דז׳שאינט 800 זל׳, און פון „אורט״ 400 זל׳. צוזאמען — 2000 זל׳ אבשפארונגען. ס׳האט זיך אויך געטראפן וואס פריוואט מענטשן האבן אריינגעבארגט, פאר אזא קליין שטעטל איז עס געווען א גוטע שטיצע פאר די בעפעלקערונג. די לעצטע פארוואלטונג אין 1939 איז באשטאנען פון 3 מיטגלידער; אייזענשטיין מנחם (משה גראנאט׳ס איידעם) ליפשיץ פייוול, פריידענבוג אליהו משה.

די אידישע פאלקס־באנק

די פאלקס־באנק איז געשאפן געווארן אין יאר 1931 לויט דער איניציאטיוו פון יוסף גראנאט (רמון). אין לעצטן יאר 1939, פאר דער וועלט־מלחמה, איז געשטאנען בראש פון דער באנק: איסער ניבארסקי, אייזענשטיין מנחם, ליפשיץ פייוול, ליפשיץ פנחס, בוכהאלטער גדליה ניבארסקי.

אין פוילן זענען געווען 2 רעוויזיאנס־פערבאנדן וועלכע זענען געווען פעראנטווארטלעך פאר דער פוילישער רעגירונג אין אלעס וואס איז נוגע די אידישע קאאפעראטיוו־בענק אין פוילן. די פארבאנדען פלעגן קאנטראלירן די נייע געשאפענע בענק, און באשליסן אויף זייער עקזיסטענץ, דעצידירן וועגן זייער מיטגלידערשאפט. די צוויי פערבאנדען זענען איינגעשטאנען אין ווארשע און אין לעמבערג, די גרעסטע צאל בענק האבן אנגעהערט צום ווארשעווער רעוויזיאנס

פאַרבאַנד". אין יאָר 1931 איז פאָרגעקומען די גרינדונגס־פערזאַמלונג אין זאַל פון בית־משפט, אונטערן פאָרזיץ פון יוסף גוראַנאַט. די גרעסטע מעהרהייט אידן פון שטעטל האָבן זיך באַטייליקט.

ס'איז געוויילט געוואָרן א פאַרוואַלטונג. פּרעזעס פון באַנק איז געוויילט געוואָרן ר' מענדעל זימאַן ז"ל, אלס בוכהאַלטער ניבאַרסקי גדליה הי"ד. דער וואַרשעווער "רעוויזיאָנס־פאַרבאַנד" האָט נישט מסכים געווען אנצונעמען א באַנק פון אזא קליין שטעטל, און די פאַרוואַלטונג האָט אונטערגעהאַנדלט מיט לעמבערג. נישט קוקנדיק אויף דער ווייטער שטרעקע איז געקומען א דעלעגאַט קאָנטראָלירן די טעטיקייט, און די באַנק איז געוואָרן מיטגליד אין לעמבערגער רעוויזיאָנס־פאַרבאַנד".



די פאַרוואַלטונג און דער ראַט פון דער באַנק מיט'ן גאַסט פון אמעריקא ליב מאַנדרי:
פון רעכטס אויף לינקס די ערשטע רייע: איסר ניבאַרסקי, ליב מאַנדרי פון אמעריקע, עזריאל האַמבורגער. די צווייטע רייע: הירצקא הילער, מנחם אייזנשטיין, א. מ. גרייעדנבערג, ח. ב. שערעסקי, גדליה ניבאַרסקי, מנדל לגדזי, י. א. אטמן, ז. פּיטעל, מנשה קאַלקאָווסקי, פּ. ליפשיץ. פייבל ליפשיץ.

די באַנק איז געוואָרן געשטיצט דורכן "דזשאָינט" און "אָרט". ס'איז כמעט נישט געווען קיין אידיש הויז וואָס זאָל נישט אנקומען צו דער באַנק, ווער ווענן א הלואה, אדער א וועקסל צו צאָלן, א גאַראַנציע פאַר סחורות. עס איז כדאי צו פאַרצייכנען, אז דער וואַרשעווער פאַרבאַנד, אָראַבשיקנדיק א דעלעגאַט,

צו קאנטראלירן די טעטיקייט האט זי פארגעשלאגן אז די באנק זאל איבערגיין צו זיי.

זונטיק איז געווען דער אקטיווסטער טאג, אין דער געזעלשאפטלעכער טעטיקייט, אלע זיצונגען פון אלע געזעלשאפטן זענען פארגעקומען אין דעם טאג: דאזאזין־זיצונגען, באנק, גמילות־חסד א. א. וו. אין די זונטיק׳ס פלעגן אלע געזעלשאפטלעכע סוחרים פארלאזן זייערע געשעפטן, אדער ווערקשטעלן און לויפן אין צימער פון קהלישער טעטיקייט, אדער ווי מען האט דאס גערופן, דער „גזור־חיי״ צימער, וואס האט זיך געפונען אין בנין פון דער שוהל.

האט ווער געדארפט צאלן אַ וועקסל איז ער געלאפן צו איטר׳ן בעטן אפצולייגן דעם טערמין. דאס גאנצע קהילה לעבן האט זיך קאנצענטרירט אין דער באנק, און ס׳איז נישט געווען קיין אין מינוט ס׳זאל ווער נישט אריינקומען מיט עפעס א סכסוך, אבער יעדער סכסוך אדער מחלוקת איז געווארן דער׳ליידיקט צופרידנשטעלענדיק פאר ביידע צדדים.

זיי שרענסקער אסאטיימי אין אמעריקא און אירע הילף פאר די פאלקס באנק אין די גמילות חסד קאסע

מיט צופרידענהייט שטעל איך פעסט די גרויסע זארג פון שרענסקער לאנדסלייט אין אמעריקע, פאר זייער געבורט־שטעטל.

זיי האבן זיך נישט בענוגנד מיט די יערליכע הילף אין פארם פון „מעות־חטין״ וואס פלעגט איבערגעשיקט ווערן גרויסע סכומען געלטער אויפן אדרעס פון שרענסקער רב פאר נויטבעדערפטיגע איף פסח, נאר פלעגט סיסטעמאטיש שיקן הילף (געלט) צו די ביידע פינאנס־אינסטיטוציעס, וואס האבן געהאלפן ליגדערן דעם געלט־מאנגל אין שטעטל, ווייל די פוילישע רעגירונג האט נישט געפונען פאר נויטווענדיק קומען צו הילף דעם אידישן סוחר, אדער דעם אידישן בעל מלאכה, מיט געלט־קרעדיט, זיי זאלן קענען אנטוויקלען זייערע געשעפטן און ווארשטאטן.

דער „ערן־דיפלאם״ פון די שרענסקער־באנק, צייגט די דאנקבארקייט פון שרענסקער אידן פאר די אמעריקאנער לאנדסלייט פאר זייער מיט הילף, צו פארבעסערן דעם מצב פון דער באנק און גמ״ח קאסע.

דער ערן־דיפלאם פאר ה׳ לייב ניאנדרי אלס וויצע פארזיצער פון דעם פאריין פון שרענסקער לאנדסלייט, איז ווירקלעך געווידמעט דעם גאנצן פאראיין.

## פאלקס-באנק
### אין שרענסק

# ערן־דיפלאם

אויף דער פייערלעכער זיצונג פון דער באַנק־לייטונג, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 24 מאַי 1934, געווידמעט דעם געערטן גאסט פון אַמעריקא, וויצע פרעזידענט פון פאַריין פון שרענסקער לאַנדס לייט

# ה׳ לייב מאנדרי

איז געווארן באשטימט אים צו פאַרשרייבן אַלס

## ערן-מיטגליד

פון אונזער פאַלקס־באַנק און צום אנדענק ווערט דעם ה׳ לייב מאַנדרי אַרויסגעגעבן דער דאָזיקער דיפלאָם.

שרענסק, ד. 15 יוני 1934

פרעזעס פון דער פארוואלטונג: איסר גיבאָרסקי

קאסירער: מנחם אייזנשטיין

וויצע פר.: יעקב אָסמאן

פרעזעס פון אויפזיכטס ראט: פיוול ליפשיץ

וויצע: עזריאל האַמבורגער

מיטגליד: א. מ. פריידנבערג

בוכהאלטער: גדליהו גיבאָרסקי

דער האנטווערקער — און קליין הענדלער פאריין

די צוויי עקאנאמישע ארג. וועלכע האבן די לעצטע יארן פארן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, נישט געהאט קיין גרויסע באדייטונג אין אידישן שרענסקער לעבן, קענען נישט דערציילן פון גרויסער טעטיקייט. אין די ערשטע יארן פון פוילישער זעלבסטשטענדיקייט, ביי גראבסקי׳ס שטייערן־סיסטעם, וואס האט רואינירט דעם אידישן האנטווערקער אין קליין־הענדלער האט גורם געווען צו שאפן אין אלע שטעטלעך די צוויי אויבגעדערמאנטע אינסטיטוציעס. די געזעצן וועגן האנדווערקעריי און האנדעל זענען געווען דירעקט קעגן די אידישע האנט־ווערקער אין הענדלער.

בכדי צו האבן א באגריף וועגן די געזעצן וואס האבן פערשאפט צרות די בעלי־מלאכות און הענדלער, וועל איך ברענגען אלס ביישפיל 2 געזעצן.

1. דער געזעץ פון די עקזאמענס פאר די האנטווערקער, איז געווען דער עיקר צו קענען די פוילישע שפראך, אין שריפט און ווארט. אזא שטעטעלע ווי שרענסק מיט בעלי־מלאכה׳ס פון די רוסישע צייטן, האבן געמוזט ליקווידירן די ווערקשטאטן, און געצילט האט מען זיכער דעם איד, ווייל נישט דער פאך איז געווען וויכטיג ביי די עקזאמענס.

2. דער געזעץ פון „צענניקעס״ און רעכנונגען פארן קליין הענדלער. דאס האט געגעבן די געלעגנהייט יעדן פאליציאנט און בעאמטן צו נישטערן און געפינען חטאים בכדי אויס צו פרעסן געלט, אדער און אנדער פערגיניקונג, ווייל דער „צענניק״ איז געווארן ארויסגעגעבן איין מאל אין מאנאט. אבער די פויי־ון־ענדערונג איז געווען א אפטע דערשיינונג. א דאנק די צוויי ארגאניזאציעס מיט די 2 פרעזעסן, איסער ניבארסקי און פייוול ליפשיץ, און דער סעקרעטאר גדליה ניבארסקי, וועלכע האבן געארבייט אומדערמידלעך, געשטאנען איז קאנטאקט מיט דער צענטראלע אין ווארשע, וווּ ס׳זענען געזעסן גרויסע אדוואקאטן, איז געלונגען צו דערהאלטן דעם מצב. נעמענדיק אין באטראכט גראבסקי׳ס שטייערן־גזרות, קען מען שוין פערשטיין וואס די ארגאניזאציעס האבן אויפגעטון אין שטעטל שרענסק.

די קרן קיימת לישראל־קאמיסיע

דער קרן קיימת איז שטענדיק געווען דער בארמעטער פון ציוניסטישער

טעטיקייט. אין די יארען פאר דער וועלט־מלחמה, ווען דער אנטיסעמיטיזם און דער קאמף פאר'ן קיום האט אטאך אפגעשוואכט די ציוניסטישע טעטיקייט, איבערהויפט אין די קליינע שטעטלעך, איז גראד די קרן קיימת־ארבעט געווארן פארשטארקט ס'איז איינגעפירט געווארן א „קרן קיימת באזאר", וועלכער האט געבראַנגט א שיינע הכנסה פאר'ן פאנד. ס'איז ווערט צו דערמאנען, אז די גאנצע ארבעט פארן קרן־קיימת, איז צו פארדאנקען איין מענטשן, יהודה גרשון רוזנבוים הי"ד, נישט בלויז די ליבע זיינע צום „קרן־קיימת" האט געהאלפן די אנטוויקלונג פון דער קאמיסיע, נאר אויך זיין שטארקער אידעאליזם, און אומדערמידלעכע עקשנותדיקע ארבעט, וואס האט נישט געגעבן קיין רו דער יוגנט, נאר געפאדערט ארבעט, אדאנק אים האט זיך צעבליט די ארבעט פון קרן קיימת אין שרענסק.



ועד'ת ק. ק. לישראל
מימין משמאל שורה ראשונה יושבים: ד. ל. אקס, י. ג. רוזנבוים, דבורה שפירא. שורה שניה עומדים: דבורה ליפשיץ, משה ניבארסקי, רבקה עליישער, משה גאי, רבקה קורלציק.

די אלגעמיינע ציוניסטישע ארגאניזאציע

אין דער ארגאניזאציע זענען געווען פארייניקט די עלטערע ציוניסטן, פאקטיש דער בעל בית־ישער קרייז, דער פארזיצנדער, ד. ה. אנפירער פון דער ארגאניזאציע, איז געווען דער גרויסער כלל־טוער איסר ניבארסקי, נישט קוקענדיג וואס ער איז געווען אן אקטיווער מיטליד אין אלע געזעלשאפטלעכע אינסטיטוציעס, ווי אין באנק, דאזאר א. א. וו האט ער געפונען צייט פאר ציוניסט־

טישע טעטיקייט, ס'איז געווען צו בעווונד'ערן פון וואנעט ער האט גענומען צייט צו זיין טעטיק אין אלע ציוניסטישע קעמפער'שאפטן, אין אלע ציוניסטישע געזעלשאפטלעכע פייערלעכקייטן צו זיין ד'ער הויפט-רעדנער. ווען דער החלוץ האט שוין אויפגעהערט צו עקזיסטירן, גאענט פארן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט-מלחמה, האט ער זיך באמיהט צו שיקן חברים אויף הכשרה דורך דער אלגעמיינער ציוניסטישער ארגאניזאציע, זיין פריוואט־ווינונג פלעגט ער מקדיש זיין פאר ציוניסטישע טעטיקייט, און פערזענלעך פלעגט ער העלפן אלע ציוניסטישע פינאנץ־אינסטיטוציעס. כ'ווילי בעצייכענען אז די ציוניסטישע ארגאניזאציע אין שרעגסק האט שטענדיק אדורכגעפירט אלע נאציאנאלע און ציוניסטישע אקציעס, ווי וואהלען און א. ז. וו. דאס האט אנגעהאלטן ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

דער קן פון „השומר הצעיר"

דאס איז די איינציגע יוגנט־ארגאניזאציע, וואס האט עקזיסטירט ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווי זי האט מקיים געווען דעם „עוד נמשכת השרשרת" און אריינגעבראכט פיל ליכטיקע מאמענטן אין טרויעריקן לעבן פון דער אידישער יוגנט, פאר די צווייטע וועלט־מלחמה.



קבוצת הצופים מתנועת השומר הצעיר
מימין לשמאל שורה ראשונה: דוד זימן, חייציה גוז, אברהם גורדנברג. שורה שניה: יעקב המבורגר, מנשה ליפשיץ, דבורה שפירא, פייגא שרפסקי, חיציה לנדוי, משה מאי, אשר גרינבוים, רבקה קורלציק.

כמעט די גאנצע יוגנט האט זיך קאנצענטרירט אין „השומר הצעיר", די ווירזע זייערע האט זיך געפונען אין איין צימער, ביי ר' יוסף ליב פעפער ז"ל, נאך זיין אוועקפארן קיין אמעריקא. ס'איז אינטערעסאנט, אז ביים אויסברוך פון דער מלחמה האט דער „השומר הצעיר" איינגעפאקט דעם מאטעריאל מיט די סטעמפלען אין א קאסטן און בעהאלטן ביים גוי לענדשין אין דער סטאדאלע.

הסתדרות „המזרחי" — ואגודת ישראל

דאס זענען געווען 2 רעליגיעזע ארגאניזאציעס, וואס די צענטראלע האט געהאט פארצייכנט עטלעכע נאמען פון פרומע בעלי בתים אין שטעטל. אין דער צייט פון וואלן (אלגעמיינע אדער ארטיקע) פלעגן זיי ווערן טעטיק, לויט די אינסטרוקציעס פון דער צענטראלע, צייטנווייז אויך שיקען א געוויסן אפצאהל.

די „מזרחי" פלעגט מיטהעלפן אלע ציוניסטישע קרנות און נעמען אן אנטייל אין ציוניסטישע ארבעט.

דאס איז דער עקאנאמישער צוזאמענשטעל פון די פרנסות:

דער רב אבד"ק
א חזן־שוחט
1 קהלישער פקיד (סעקרעטער)
1 מקוה'ניק
1 שמש
3 מלמדים
4 תבואה־סוחרים
3 שניט געשעפטן
6 קאלאניאל־געשעפטן
3 גאלאנטעריע־געוועלבער
2 האלץ־סקלאדעס
2 צוקערלעך־געוועלבער
1 אייזן־געשעפט
1 שפילעטער
2 לעדער־סוחרים
1 קאשע־מאכער
4 פערדס־הענדלער
3 דארפס־הענדלער
2 אויבס סוחרים

3 בעלי עגלות
1 מלעצארניע און אייער פוטער האנדל
2 באשטעלטע שניידער
7 טאנדייט־שניידער
1 גרויסער שניידעריי־ווערקשטעל פאר הורט פערקויף
1 שניידערין
2 בעשטעלטע שוסטער
4 טאנדייט־שוסטער
2 קאמאשן־מאכער'ס
2 וואלקער'ס
1 שטריק־מאכער, וואס האט זיך אויך באשעפטיקט מיט פיש־פערקויף
1 גלעזער
2 היטל־מאכער'ס
3 בעקערייען
4 קצבים
2 העמדער־נייער'ס
1 שלאסעריי־ווארשטאט

שניידערס

דאס שניידער־פאך האט זיך געטיילט אין 2 טארטן:

1) בעשטעלטע שניידער, דאס הייסט, גוטע שניידער, זיי האבן געמאכט דעם אנצוג לויט דער לעצטער מאדע, צו זיי פלעגט דער קליענט קומען אין ווארשטאט אריין און באשטעלן דעם אנצוג, לרוב מיט דעם שניידער'ס סחורה;

2) טאנדייט־שניידער. די טאנדעטניקעס האבן געהאט געשטעלן אין מארק, זיי האבן א גאנצע וואך געארבייט שווער, בכדי דאנערשטיק — אין א מארק־טאג ארויסצוטראגן די סחורה אין מארק אריין, אויפהענגען די קורטקעס, צייגעגע הויזן אין רעקלעך, ד. ה. די ביליקע אויסארבעטונג, דאס אלץ צו פערקויפן דעם גוי.

ביז מען איז דערגאנגען צו א מקח האבן זיי זיך אויסגעריסן דאס הארץ, ס'איז צו געגאנגען א דינגעניש און א פאטשעניש אין די הענט, אזש דאס ווייכע הענטל ביים בעל מלאכה איז געשוואלן געווארן פון די פעטש. דער גרעסטער טאנדייט־שניידער איז געווען שלמה אסמאן ז"ל.

שלמה אסמאן הי"ד

פון די ערשטע דאוונער'ס אין בית המדרש, ווען ס'איז נאך געווען פינסטער, ווינטער אין די גרויסע פרעסט, איז ער געלאפען אין בית המדרש דאוונען מיט דעם ערשטן מנין. 3 פוטערנע וועסטן און 4 ווארעמע „קאשולקעס", האבן איהם געווארעמט ווינטער־צייט. צו דעם אלעמען האט ער געמורמלט אז ס'איז איהם קאלט. אלץ איז ביי איהם צו געגאנגען שנעל, ווי נאר ער האט איבערגעטרעטן די שוועל פון בית המדרש, פלעגט ער שנעל זאגן „גוט מארגן" און גלייך אנהויבן זאגן תהלים, ביז ס'איז צוזאמען געקומען דער ערשטער מנין, איז ער גלייך צוגעטרעטן צום עמוד, אנגעהויבן אויפן קול זאגן די ברכות, אבגעדאוונט, ביים אראפנעמען די תפילין און טלית פלעגט ער קרעכצן, וואס ער האט נישט קיין צייט צו לערנען א פרק משניות, געענדיקט, לויפט ער שנעל אהיים אין דעם טאנדייט־ווארשטאט. אלע קינדער אין שטוב — און קינדער האבן נישט געפעלט — האבן איהם ארויס־געהאלפן, גיטל האט געשמירט קלייסטער אויף די „פשאדקעס" און געבאקן מיטן אייזן, אזש די קורטקע איז געווארן שטייף ווי א ברעט,ביילע איז געזעסן ביים מאשין און „געפלויגן", זי איז געווען זייער א שנעלע, און נישט אומזיסט האבן מיר זי גערופן, „ביילע קאזאק". יוסף הערש, דער איינציקער לעבן געבליבענער פון דער גרויסער משפחה — יעצט אין מדינת ישראל — איז געזעסן ביי א צווייטע מאשין, און יצחק האט אויך געארבעט. יעדן מאנטיג פארטאג האט שלמה אסמאן איינגעפאקט די סחורה אויף א וואגן און געפארן קיין סטשעגאווע אויפן „טארג".

שלמה, ביים אנבייך די קנעפּ צו די קורטקעס, האָט געבעטן ביי די געזעלן, אַז די קנעפּ זאָלן אַנהאַלטן ביז ליבראַדז ד. ה. ביז צו דעם „באַטשנע וועג" ווי די פור שאַקלט זיך ווייניקער, ווי אויפן שאָסיי, ווייל פון צופיל שאָקלען, קענען נאָך די קנעפּ אָראָפּפאַלן, אַרויספאַרנדיק פון שרענסק אויפן טאַרג באַגינען, האָט ער מיטגענומען טליות און תפילין, געדאַווענט אויפן וועג ביז ליבראַדז, פאַרטיק געוואָרן מיטן דאַווענען, געקרעכצט, וואָס ער האָט נישט געקענט דאַווענען מיט מנין.

יעקב אהרן אסמאן ז"ל, אויך אַ טאַנדייטער

לײדער איז נישט מקויים געוואָרן זיין פאַרלאַנג, אַלס קינד האָט ער שוין געבעטן, ער זאָל נישט זיין קיין שניידער (ווי זיינגט אַ חבר האָט מיר איבערגעגעבן, אַ חבר פון די קינדער יאָרן, אַז זיי האָבן ביידע צוזאַמען געלערענט אין חדר, ביי לייביש הויזמאַן. ווינטער פלעגן די קינדער קומען פריה, אַז ער האָט געזען, אַז יעקב אהרן פעלט, איז ער געלאָפן אהיים זען די סיבה, ער האָט אים געטראָפן העלפן דעם פאָטער ר' דוד אסמאן ז"ל — אויך געווען אַ טאַנדייטער — ביים פּאַקן די סחורות אויפ'ן וואָגן, גייענדיק אין חדר אריין, זאָגט ער אים „דו ווייסט נישט ווי אין האָב דאָס פיינט, בעט גאָט צו זאַמען מיט מיר, כ'זאָל נישט זיין קיין שניידער, בפרט אַ טאַנדייט־שניידער). אַ געוויסע צייט איז ער געווען אַ בעל עגלה, געווען מער צופרידן, ווי צו זיין אַ שניידער, לײדער איז נישט ווי מען וויל, דאָס לעבן האָט אים געצוואונגען זיך צו נעמען צוריק צו שניידעריי. ער האָט באַשעפטיקט געזעלן ביז לעצטנס. אַז זיינע טעכטער זענען אויסגעוואַקסן, האָט פריידע אַרויסגעהאָלפן. אין אַ דאָנערשטיק האָט מען געשלעפּט אויפן אַקסל ציינענע אַנציגער, אַז מ'האָט געמיינט ס'וועט זיך איבערברעכן. יעדער פון די שניידער האָט זיך געהאַט זיינע „שניידער־ישע שטיקלעך" און ווערטלעך. איינמאָל ווען אַ גוי האָט געוואָרט אין הויז, מ'זאָל אים אויפנייען אַ פאָר דרעליך־הויזן, איז אַריינגעקומען יעקב אהרן, איבערגעקוקט די אַרבעט אין גענומען זידלען און שרייען — כ'האָב דאָך דיר אָנגעזאָגט, זאָלסט נייען „שווה געבסטאַ, אַ מייל אַ שטאַן!!!" דער גוי פאַרשטייט זיך איז געווען זייער צופרידן אַז דער מייסטער פאָדערט פון מיר גוטע אַרבעט פאַר אים און ער האָט באַצאָלט נאָך אַ פאָר גראָשן...

שאול אלטוס ז"ל אויך אַ טאַנדייטער

די גוים פלעגן אים רופן „שאוא קאַבילקאַ". דאָס גאַנצע לעבן שווער געאַרבעט, אָבער שטענדיק געווען אין אַ גוטן הומאָר, געווען אַמאָל פון די גרעסטע טאַנדייטער, אין דער צייט ווען ער האָט נאָך געווינט ביים גוי מגיעשאַגעק, אָבער

די לעצטע יארן איז ער בלויז פארבליבן ביים גרויסן טיש מיט עטלעכע קורטקעס. ביי אים האט משה ניבארסקי באקומען זיין ערשטע לערע, דורכגעגאנגען אלערליי שפיצלעך, ווי זיצען אויף א גאדל, טאפן דעם שטערן מיט א פינגערהוט א. א. וו. שאול, זייענדיק א וויצלער, פלעגט נאכן אויפגייען עטלעכע פאר הויזן, האט זיי צוגויפגעלייגט אויף א בענקעל און א געשריי געגעבן: חברה, זעצט זיך ארויף און ס'וועט זיין אויסגעפרעסט!

עקיבא איידליץ אויך א טאנדייטער (שלמה'ס בארילקעס איידעס)

נאך א שניידער, א ייד, איז געווען אין שרענסק, עקיבא איידליץ (שלמה בארילקעס איידעס) ער האט אליין געגייט אפאר שטיק ארבעט, אוועקגעפירט זיי קיין סטשעגאווע און באלד געקויפט אביסל סחורה פאר דער קומענדיקער וואך. אויך ביי אים האט מען געארבעט א יאר צייט פאר דריי זל' אוואך, פארשטייט זיך אז ביי די אלע שניידערס איז נאך געווען שווער איינצופירן „פון שעה צו שעה" ארבעט און ס'איז כדאי צו דערמאנען א פאקט פון ניבארסקי'ס קאמף וועגן דעם. אזוי ווי קיין זייגערל האב איך נישט געהאט (ווייניק ווער אין שרענסק האט געהאט) האב איך נישט געוואוסט ווען אהיים צו גיין, אז כ'האב געארבעט ביי „קיווען" האב איך אפגעמאכט מיט אברהם איצקאוויטש (אברהמ'ל) אז 8 אזייגער אין אונט זאל ער אריינקומען צו מיר וועל איך שוין וויסן, אז איך דארף גיין אהיים. בפרט ווען מיר, ד.ה. דער „השומר הצעיר" האט געהאט דעם „קן" אין יוסף לייה פעפער'ס הויז די קיך מיטן קליינעם צימערל, דאס איז אנגעגאנגען אזוי א לאנגע צייט, ביז איינמאל האט זיך אברהמ'לען פארגלוסט צו זאגן מיר אין עברית, אז ס' איז צייט צו גיין אהיים, כבר שמונה. דאס האט געדארפט הערן אברהם יוסף עקיבא'ס זון, וועלכער איז געווען אין מיין קבוצה, זאגט ער צו אברהמ'לען, ס'איז נאך נישט שמונה, און מיין מייסטער, מיט די מייסטראווע זענען אים באפאלן און געזידלט, אזוי אז מיין „זייגער" איז קאליע געווארן.

יעקב שאפט ז"ל א שניידער

ער האט געארבעט האלב טאנדייט, האלב בעשטעלט. קורץ פאר דער מלחמה איז יעקב שאפט מאביליזירט געווארן אין פולישן מיליטער, און אוועק אין דער מלחמה אריין.

דער גרויסער ווארקשטעל ביי דער משפחה גרינבוים אין הויז

די משפחת גרינבוים האט זיך פריער באשעפטיקט מיט דער גארבעריי.

ר' משה הערש, א זיידענער יונגערמאנטשיק, האט געהאלפן דעם שווער ביי דער ארבעט און בכבוד געצויגן פון דעם זייער פרנסה, זיי האבן נאך אפגעשפארט אויף צובויען דאס הויז, וווּ זיי האבן געוווינט. ווען פון דער גארבעריי האט מען קיין פרנסה נישט געקענט ציהען, האבן זיי געעפענט א גרויסן שניידער־ווערקשטעל, וואס וואָלט אפילו אין א גרויסער שטאט אויך פערדרעכענט געווען צווישען די גרויסע ווערקשטאטן.

מרדכי יוסף איז געוועזן מייסטער, זיין ברודער אשר האט אויך געארבייט. זיי האבן באשעפטיקט אסאך געזעלן, סחורות האבן זיי געברענגט פון דער פאבריק־שטאט לאדז, זיי האבן גענייט פאלטענעס, קורטקעס פאר מלאווער הורטאווע שניידער, מיט קיין איינצל־פארקויף האבן זיי זיך נישט פארנומען, אלע געזעלן זענען געווען באַשעפטיקט א גאנץ יאר, געארבייט אין ווערקשטעל האבן:

שמחה רוזנבוים, זלמן בעקער, אסתר ליכטמאן.

יהודה גאלאבוראדא — אסתר ליכטמאן, הי״ד

נאך זייער חתונה, האט דאס פאר פאלק, געארבעט פאר מלאווער טאנדייט שניידערס.

איסר ניבארסקי הי״ד דער בעשטעלטער שניידער

די לעצטע יארן פאר דער מלחמה איז אין שרענסק פארבליבן איין באשטעל־טער שניידער, דער אומפארגעטלעכער איסר ז״ל, וועלכער איז געווען א מומחה אין זיין פאך, ער האט פארמאגט זיין אייגענע סחורה און גענייט אנצוגער, פוטערס, פאלטאס, בכלל אלץ וואס האט צו טאן מיט קליידונג. ער איז געווען באוואוסט אין דער גאנצער געגענט, אפילו אויך אין ווייטערע מקומות, ווי פאמערן.

ער האט ארויסגעגעבן פון זיין לער פיל שניידער, אבער די לעצטע יארן פאר דער מלחמה האבן געארבעט ביי אים, אברהם זשעלאזקא ציביעס (יצקאוויטש) מאן ,שלמה זלמן פליישער, און איטה פליישער, נח פליישער און הערצל שפירא. חוץ פון שניידעריי איז זיין הויז געווען דאס צענטראלע פונקט פון גאנצן קהילה'שן, קולטורעלן און געזעלשאפטליכן לעבן, דאס איז געווען א הויז ווו מענטשן זענען אריין און ארויס, ווו נאר א קהילישער ענין איז מען באלד געגאנגען צו איסר'ן, ווו נאר א ענין וואס בעהאט צו טון מיט די פוילישע אנגעלעגנהייטן, שטייערן, פאליציי וכדומה, איז ער געווען דער איינציקער משתדל אין ערליידיקט דאס צום גונסטן פאר דעם געליטענעם. ער איז געשטאנען אין צענטער פון לעבן אין יעדן פרט, חוץ מזה אין ער געווען פון די איינציקע וואס האט געהאט א ראדיא

און אלע זענען זיך צוזאמענגעקומען ביי אים אין הויז הערן נייעס. איך האף אז עמיצער וועט זיך בעמיען און באשרייבן ברייטער וועגן איסר ז"ל וועלכער האט זיך דאס ערלעך פארדינט.

שמואל מרדכי בעקער הי"ד, א בשטעלטער שניידער

א צוויטער שניידער פון די באשטעלטע איז געווען שמואל מרדכי בעקער, באירס, פון קידזבארג, א זוהן, ער האט גענייט פאר די פראסטע גויים פון די דערפער אויך ביי אים האב איך געארבעט א געוויסע צייט, ער האט באשעפטיקט זיין ברודער לייב אין שטענדיק געהאט עטלעכע לערן־יונגלעך, ווען א גוי האט אים געפרעגט, מאסקא, ווער נייט בעסער דו, אדער ניבארסקי האט ער געענטפערט; „בא, טאטש ניבארסקי טיש דאבושע ראבי", ער האט חתונה געהאט אין 1936 און געהאט צוויי קינדערלעך, זיין פרוי פון טשעכאנאווע, איז אין מלאווער געטא דער שאסן געווארן, וויל מ'האט ביי איהר געפונען 5 מארק.

שוסטער

דאס שוסטער־פאך האט זיך אויך געטיילט אין בעשטעלטע־שוסטער און מאגדייט־שוסטער.

אין שרענסק זענען לעצטנס געווען 2 באשטעלטע שוסטער, יעקב יזראל און אליהו משה פריידברג, אדער ווי די פויערים האבן זיי גערופן „יאסעק און מענדעל". „יאסעק" איז געווען יעקב יזרעאל, און „מענדעל" אין געווען אליהו משה, אויפן נאמען פון פאטער מענדעל פריידענבערג.

יעקב יזרעאל ז"ל א בשטעלטער שוסטער

ער איז געווען זייער א גוטער בעל מלאכה, געמאכט א פאר גוטע שטיוול, געהאט מערסטענס קליענטן ביי דער אידישער באפעלקערונג ווי אויך ביי די בעסע־רע גויים, ער האט באשעפטיקט זיינע זין, דוד (יעצט אין ישראל) און שלמה, וועלכן מ'האט גערופן „פראפעסאר שוסטער". ביי יעקל שוסטער האבן שטענדיק געארבעט פיל לערן־יונגליך און געזעלן, ספעציעל לעצטענס ווען די זין זענען זיך צעפארן. נח האט חתונה געהאט אין סטשעגאווע, שלמה איז אוועק אויף הכשרה, יעקב איזרעאל ז"ל, איז געשטארבן אין שרענסק אין יאהר 1940, געלאזט זיין ווייב דבורה (זוהן מלכה'ס) אין 2 טעכטער פיגה, און איטה.

אליהו משה פריידענבערג ז"ל, א בשטעלטער שוסטער

האט פערנומען די דירה פון זיינע עלטערן, נאכדעם ווי די מוטער איז

געשטארבן, און דער פאטער האט עולה געווען נאך מדינת ישראל.

אין א צימער האט ער איינגעארדנט דעם ווארשטאט, נישט קוקנדיק וואס ער איז געווען א גוטער פאכמאן, געהאט א גוטן נאמען, אליין א אנשטענדיקער מענטש, האט ער שטענדיק געלעבט אין זייער שווערע מאטעריעלע באדינגונגען, די צווייטע פרוי וואס ער האט געהייראט, קינדערגעבוים, איז געשטארבן עטלעכע וואכן נאכן פארנעמען טיילן דורך די דייטשן.

טאגדייט שוסטער'ס זענען געווען צוויי, זיי האבן געקלאפט מיט די האמערס טאג און נאכט.

נחום אלטוס

נחום אלטוס (יעצט אין פולין) א זון פון שאול אלטוס, דער שניידער־טאגדייטניק, וועלכער האט געוווינט אין זעלבן הויז מיט אונז, איז געווען פול מיט לעבן. ער האט ליב געהאט די ארבעט, זיין געזאנג האט זיך הילכיק צעטראגן איבער די גאס, ער האט באשעפטיקט קריסטלעכע ארבעטער, אנפאנגער און געזעלן.

גדליה הירש שושנפקאסקי ז"ל

האט געוווינט אין מיטן מארק, דארט ווו יצחק עבערט האט אמאל געהאט זיין שניידער־ווארשטאט. גדליה הערש, א זשוראמינער, האט חתונה געהאט מיט מלכה, משה פייקעס. ער האט בעשעפטיקט זיינע צוויי קינדער יחיאל יוסף, און יעקב, און אויך עטלעכע קריסטלעכע געזעלן, זיינע צוויי זין זענען דערשאסן געווארן אין מלאווער געטא. און גדליה הערש איז פון דעם אראפ פון זינען.

יצחק ציכוביץ (שוסטער) א אבגעקומענער שוסטער

אויפן שוסטער־בענקל האט ער קיינמאל נישט געקענט איינזיצן, ער האט שטענדיק געזוכט זייטיקע געשעפטן, אביסל צוגעהאנדלט, געדונגען א סעדל, מאשע די פרוי זיינע, האט פערקויפט א ביסעל מילך, קעז א. א. וו. און פרוכט. געווען ביי זיי א פול הויז מיט קליינוואר"ג, בלויז מיידלעך, און קוים געהאט איין זון, אברהם, א קדיש.

משה קורזבורסקי ז"ל א שוסטער

יוסף קודזבארקי'ס א זון, געארבעט אביסל בעשטעלט, אביסל אויף

טאנדייט אין אויך געמאכט תקונים, ד. ה. צורעכט געמאכט.

די טאנדייט שוסטער זענען אין די טארג־טעג ארויס אין מארק אריין, אויס געהאנגען די שטיוול אויף די „סטאלינגעס" און פארקויפט צו די ארומיקע גויים. מאגטיק פארטאג זענען די שוסטערס אזוי ווי די שניידערס געפארן קיין סטשעגאוויץ אויפן טארג.

לעצטנס איז שרענסק געווען פארפלייצט מיט פוילישע שוסטער, וועלכע האבן בהות געוואלט ארויסרייסן דעם גראשן פרנסה פון די אידן, אבער דער דארפישער גוי האט ליבער געהאט צו קויפן ביים איד.

קאמאשען מאכערס

אין שרענסק זענען געווען צוויי קאמאשען־מאכער'ס מתתיהו ניטוס, און ליב רוזנבוים.

ליב רוזנבוים הי"ד

א אידעם פון חנה קודזשבארסקי, וואס האט געהאט א לעדער־געשעפט, געקומען א פוילישען גדן, אליין א ענערגישער בחור, קריגנדיק א דירה פון וועלכער האט ער איינגעארדנט א ווערקשטעל אין א גרעסערן מאסשטאב, אין ר'איז אבגעגאנגען אלס רייכער קאמאשען־מאכער.

לעצטנס האט ער באשעפטיקט זיין ברודער שלמה, בונם גרינבערג, יחיאל בונם, דוד משה קודז'שבאסקי א. א. דער שווער האט געהאט א שפייכלער האט ער עס איבערגעבויט אויף א בית מלאכה און דארט האט מען געארבעט.

מתתיהו מטוס הי"ד

א אמתר פאלקס־מענש, מעורב בין הבריות פלעגט זינגען ביי דער ארבעט, דאס לידל „אט אזוי נייט א שניידער".

האט אמאל באשעפטיקט זייטיקע ארבעטער, ווי יעקל האמבורגער, דוד שאפט (יעצט אין ישראל) ביז דיגע זין זענען אונטערגעוואקסן, הערשל, און זיין ברודער, אהרן־ארטשע. האבן געארבעט שווער און פון דער גאנצער הארעוואניע קוים זיך דערנערט.

א יאר פאר דער מלחמה איז צוריקגעקומען קיין שרענסק אברהם קודזבארסקי מיט זיין ווייב זלאטקע און האט אויך געארבעט קאמאשנמאכעריי, זלמן שערפסקי, יהודה בערס זון (נפטר געווארן אין ישראל), און ישעיהו שערפסקי, חיה שוריקה'ס זון, האבן אויך געארבעט קאמאשנמאכעריי פאר זיך.

וואלקער׳ס

אמאל זענען אין דעם פאך געווען באשעפטיקט עטלעכע משפחות און האבן געצויגן זיונה בכבוד און זענען אויך ריין געווארן צב״ש דוד שרפסקי, אין משפחה טורובסקי, מגדל רויזנבוים, נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז דער פאך כמעט אין גאנצן אונטערגעגאנגען, דאס לעצטע יאר פאר דער צווייטע וועלט־מלחמה איז געבליבן נאר 1 וואלקער.

יהודה דב שרפסקי הי״ד

קיין פרנסה האט יהודה בער שערפסקי פון וואלקעריי נישט געהאט. בעווען א צייט, ווען דער פאך האט יהודה בער׳ן דערמעגלעכט צו פירן א שיין לעבען, און מפרנס צו זיין א גרויסע משפחה, אבער לעצטנס האבן אים די קינדער געמוזט איינהאלטן. זלמן, און אליהו מרדכי, האבן אים אסאך ארויסגעהאלפן.

די לעצטע צייט איז צוגעקומען נאך א וואלקער אין שרענסק, חיה שרקה׳ס, שערפסקי׳ס א איידעם פון מלאווע, ער איז געבליבן לעבן (יעצט אין ישראל).

היטל־מאכער׳ס

געווען איז אין שרענסק 3 היטל־מאכער׳ס, שלמה דוד מיצענמאכער, און יצחק קודזבארסקי, און אברהם זלמן ניבארסקי הי״ד.

שלמה דוד מיצנמאכער ז״ל

שטאמט פון א משפחה היטל־מאכער׳ס, זיין פאטער משה, האט געפירט א גרויסן ווארשטאט, עטלעכע זין האבן אים ארויסגעהאלפן, ער האט געפירט א אנשטענדיק לעבן. אלע זיינע קינדער האבן פערלאזט שרענסק און אויסגעוואנ־דערט קיין אמעריקע, ר׳ משה איז נפטר געווארן, און דער ווארשטאט איז איבער־געגאנגען צום זון, שלמה דוד, געארבעט זייער שווער, א גרויסער ארימאן געווען. עטלעכע יאר פאר דער וועלט־מלחמה איז ער געשטארבן, אין די בליענדיקע יארן. אין שרענסק זענען געבליבן 2 היטל־מאכערס, יצחק קודזבארסקי, זיין שוואגער, און א. ז. ניבארסקי.ביידע האבן געפירט א שווערן קאמף פארן עקזיסטענץ.

לויט דער צאל פון דער באפעלקערונג אין שרענסק וואלט אין היטל־מאכער געקענט האבן פרנסה, אבער פאר 2 איז געווען ווייניק, ב׳ווען זיך אביסל אפשטעלן אויף די היטל־מאכער׳ס וואס ווערט אויך אפשפיגלען דעם רוב בעל מלאכות אין שרענסק. פרנסה ווי איך געדענק, איז געווען בדוחק, נישט איינמאל האבן

די קלייגע קינדער געווינט פאר א שטיקל ברויט און קליינוואַרג האט נישט געפעלט. אויך קעלט אין ווינטער איז געווען זייער שטענדיקער באַגלייטער, מיט אויסגעלאַטעטע אויגן האבן זיי געוואַרט אויפן „טאָרג״ ארויס־צוטראָגן די „שטעל״ מיטן „קאסטן״ פאר די פויערים, ווען א קונה איז שוין צוגעקומען און צוגעפּאַסט זיך א היטל, האט זיך ערשט אנגעהויבן א דינגעריש, איינקלאַפּן דעם מקח, אראָפּלאָזן א „צענער״, און צוגעבן א„פּיגוועז״, ביז מיט גרויס מי, געשרייען, געוואַלדן איז געלונגען ארויסצוציען ביז א זלאָטע. און „אַגי האַגדעל שעט״, פון דעם אלעס איז קיין פּרנסה נישט געווען, די אויגן אין תפילות זענען שטענדיק געווען געוואַנדן מעבר לים, צו אמריקע, צו דערוואַרטן הילף פון די משפּחה. דאס זעלבע איז אויך געווען מיט דער מערהייט פון שטעטל, אין משה גיבאָרסקי דערצעלט זייער מצב: אלס זיטל־מאַכער אין מיין זכרון זע איך אַ'מאל די קינדער אונזערע אין צו גרויסע מל־בושים, גרויסע שיך, איך, זייענדיק שוין א בחור פון 15 יאר האב געטראָגן צו גרויסע שיך, אנגעשטאָפּט מיט פּאַפּיר בכדי אויסצופּילן די ליידיקייט. די דירה וואו מיר זאָבן געווינט איז זומער געווען נאַס פון „ווילגאָטש״ און שימל איז געוואַקסן אויף די ווענט, ווינטער איז די פּייכטקייט פאַרפרוירן געוואָרן און דער „זאַמרוז״ האט געשיינט ווי דימענטן, די שויבן זענען געווען פאַרקאַזוועט מיט פראָסט א גאַנצע ווינטער. פאַר פורים־צייט האט „אויפגעדייעט״ פון זיך און האבן מיר אראָפּגעקראַצט דעם פראָסט מיט א שויפעלע פון אש.

ווי לאַנג מען האט געקאַכט דאס געקעכטס איז נאך געווען אביסל וואַרעמ־קייט אבער מערסטנס איז דער טאָרף געווען פייכט און נישט געוואָלט ברענען.

מיין עלטער ברודער אליהו ז״ל, איז געשטאָרבן אין שרענסק נאך מיין פאַרלאָזן די היים, מיין צווייטן ברודער איסר האבן די דייטשן דערשאָסן אין מלאווער געטאָ, מיין מוטער איז אומגעקומען צוזאַמען מיט די קינדער שרה־הינדע, רבקה'ן־בילה זיסה לאה'ן אין ישראל־מאיר'ן אין אוישוויץ, באַלד ווי זי איז דאָרט אנגעקומען, מיין טייערן פאָטער האבען די רוצחים אומגעבראַכט צוזאַמען מיט זיין ברודער, גדליה ניבאָרסקי (פאַרברענט לעבעדיקערהייט דאס איז דער טרויע־ריגער סך הכל פון אונזער גרויסע משפּחה).

בעקער'ס

3 אידישע „פּיעקאַרניעס״ און 1 גוישע איז געווען אין שטעטל, וואס האט בעדינט די פּוילישע באַפעלקערונג, די אידישע בעקערייען האבן געאַרבעט בייטאָג, שווער געאַרבט, און צוגעגרייט פרישע ברויט פאר דער באַפעלקערונג.

טוביה בעקער ז״ל

איז צוריקגעקומען פון אמעריקע, געברענגט אביסל געלט און איינגעארדנט א גרויסע בעקעריי, געהאלטן א בעקער, א גוי, און אלע אין שטוב האבן מיטגעהאלפן.

טוביה איז געשטארבן אין מיטן מארק אין „יעשענבע״ יאריד, שלעפנדיק א קויש מיט זעמל, די בעקעריי האט איבערגענומען זיין איידעם, עליאש פון זשוראמין.

וואלף קאראלציק ז״ל

אליין א חסידישער איד, האט ער געהאלטן דאס בעקער־פאך פאר א מצוה — מען שפייזט די שטאט. ער פלעגט בעטן די קינדער, זיי זאלן נישט פארגעסן אים אויף צוזעקן, ער פלעגט אפט זאגן: מען מוז צו גרייטן שפייז פאר דער שטאט.

און דער „פיעקארניע״, איז געווען דער גייסטיקער צוזאמענטרעף־פונקט פאר דער ציוניסטישער חלוצישער יוגנט, שטענדיק אין אוונט האט מען געקענט הערן וכוחים איבערן ציוניזם און חלוציזם, אין ווירקלעך זענען אלע קינדער פון וואלף קאראלטשיק — אויסער די עלטסטע איטא — אין לאנד.

ווען וואלף קאראלטשיק איז געשטארבן האט די בעקעריי אפגעדונגען א בעקער פון זשעלין, שלמה פלאצקי.

פייגא יעקב נסלוס׳ם ז״ל

געווען איז דאס א היימישע בעקעריי, געבאקן ביי נאכט, דאס ברויט האט מען גערופן „היימיש ברויט״, ווייל דאס ברויט איז געווען געשמאק אין בעטעמט, שפעטער האט די בעקעריי אויפגעהערט צו באקן.

דאס באקן מצות אויף פסח.

מצות פלעגט מען באקן נאר אין טוביה׳ס בעקעריי, יעדער אידישער איינוווינער פלעגט קויפן מעהל, בצאלן דעם בעקער, דעם רעדלער די וועלגערינ׳ס — און אליין אכטונג געבן אויף די מצות, געגאנגען איז דאס לויט די רייע. ערב פסח פלעגן די חסידים אליין בראש מיט דעם רב באקן מצה־שמורה.

מצבי׳ס

באלד נאך פילסודסקיס טויט האבן זיך א שאט געטאן אויף אידישע

קעפ פארשידענע גזירות אין צרות, ספעציעל האט זיך אנגעהויבן א קאמפף ארויסצווייסן דעם האגדל פון די אידיישע העגט, די אנטיסעמיטישע רעגירונג האט ארויסגעגעבן א לאזונג, „סוואי דא סוואיעגא״ ד. ה. קויפן נאר ביי פאלאקן. א פארבאט אויף ריטועלער שחיטה. ס׳איז געפאלן א קלאפ אויף א קלאפ, צוערשט האבן זיי געגומען רודפן בלומרשט אוליב היגיענישע טעמים, די קצבים זאגן געמוזט בויען גייע יאטקעס, מאלעווען די אלטע, באלד אבער האבן די גזירות דערפירט צו דעם — אז די גרעסטע צאל קצבים אין שרענסק האבן געמוזט פארמאכן די יאטקעס. געבליבן זענען: שלמה אנשעלעוויש, דוד הערש ליכטמאן, אלטער איצקאוויטש און אפרים איצקאוויטש, פאקטיש זענען נאר געווען 2 קצבים, דוד הערש, וועלכער האט געהאט די יאטקע אין „מעיער׳ס״ סינדיקאט אין מענדל קרוק׳ס הויז, און שלמה (פוקס) אין נתן דאבראשקלאנקעס הויז, ווו זיין מוטער פיגה ז״ל״ האט געהאט דאס שניט קרעמל... די איבעריקע קצבים האבן זיך פארנומען מיטן האגדל פון בהמות. צוליב דעם זענען לעצטנס אויפגעקומען „מקר׳ס״ וועלכע האבן געטרייבערט די „זאדיקעס״ בכדי אידן זאלן מעגן עסן, אזוי ארום האבן מיר געהאט מער פלייש. די קצבים האבן באלאנגט צום רייכערן קלאס, בלויז דערפאר וואס זיי האבן געהאט א שטיקל פלייש אפצועסן. ביי די מערסטע אידן אין שרענסק איז עס געווען א זעלטנהייט.

איין קצב איז געווען א פערמעגלעכער, דאס איז שלמה אנשעלאוויטש.

קרעמער

**דער** רייכסטער קלאס אין שרענסק זענען געווען די קרעמער. אין דער ערשטער ריי זענען געווען אליעק (אליהו יצחק ליפשיץ ז״ל) און זיין ברודער פנחס ליפשיץ, צוויי סוחרים איינגעפונדעוועטע מיט גרויסע פארצווייגטע משפחות. אליהו יצחקן האבן די קריסטן, זיינע קונים, גערופן „סטאָרי האפשמייער״ און פנחס איז געווען ביי זיי „מלאדי האפשמייער״. און מנשה (אלי׳ איצעק׳ס זוהן — יעצט אין ישראל) האט געפירט דאס געשעפט.

פנחס׳עס געשעפט האט געפירט אברהמ׳ל, וועלכער איז געווען א פייער־דיקער סוחר, אין זייער א אינטעליגענטער יונגערמאן. פון די גרויסע משפחות זענען נאר איבערגעבליבן 4 נפשות 2 זין פון אליהו יצחקן, מנשה און יעקב שמשון (אין רוסלאנד) און פון פנחס׳ן 2 טעכטער וועלכע זענען עולה געווען קיין ארץ־ישראל, אדעלע און טאדזשיע.

א קלענער געוועלב איז געווען ביי שמואל מאיר באגיסלאווסקי (פעריליעס זוהן). נאך א קרעמל האט זיך געראנגלט מיטן עקזיסטענץ, דאס איז געווען הערצקע

הילער וועלכער האָט זיך אנגעכאַפּט אין יעדער פּרנסה, ווי צו פאַרקויפן „גראָשן ביבלאָטעק״־ביכלעך, אָדער אויסבאַרגן איבערצולייגן פאַר 5 גראָשן. פון ־דעם אַלעם האָט זיין ווייב דבורה מיט 2 טעכטער און איין זון נישט געהאַט וואָס צום עסן.

איינער פון די וויכטיקסטע קרעמער איז געווען דער געלער איטשע־מאיר וועלכער האָט אויך געהאַט אין זיין געוועלב שול־אַרטיקלען און בכלל וואָס האָט געהאַט א שייכות מיט דער שרענסקער „פּאָווּשעכנע שקאָלע״. געבן דעם געלן איטשע־מאיר איז געווען א גאַלאַנטעריע־געוועלב פון פייוול ליפּשיץ (עטקיעס) ער האָט פאַרקויפט שניידער צוּדאַטן, וואָל און סוועדערס. קיינמאָל איז ער נישט געווען אין געוועלב, אלעמאָל ערגעץ געלאָפן וועגן קהילה׳שע געשעפטן. א צווייט געוועלב פון גאַלאַנטעריע האָט אנגעהערט צו גדליהו הילער, נאָך זיין עולה זיין קיין ארץ ישראל איז עס איבערגעגאַנגען צו זיין שוועסטער איטה־גאָלדע מיט איר זאַראַמיגער מאַן ישעיהו קליינמאַן.

א גאַלאַנטעריע־געוועלב האָט אויך אנגעהערט צו ר׳ מענדל לאַנדאַ, א גיט איינגעאָרדענט געשעפט אגיטע קליענטעלע, און פערמאָגט א שיין בעל הבתיש הויז ווו מיר האָבן געוווינט אלס לאָקאַטאָרן, געווען זעהר א פאַרצווייגטע משפחה אָבער אלע זענען אומגעקומען, געבליבן איז בלויז איין טאָכטער, וועלכע איז עולה געווען קיין ארץ ישראל, יעצט אין מרחביה, און א אייניקל פון די טאָכטער חנה.

ס׳איז כדאי צו דערמאָנען, א קליינטשיקע געוועלבל, אָבער וואָס האָט געשפּילט א וויכטיקע ראָלע פאַר אונז קינדער. יעדעס קינד האָט געחלומט צו לויפן אין „בודקע״ אריין, קויפן א צוקערל, אָדער א לעקעכעל. באַלד איבערדערפריי האָט מען שוין געוואוסט ער זאָל עפנען, ווען ס׳האָט זיך אנגעשמעקט עמעצן א גוט זויערע אוגעריקע, איז מען געגאַנגען צום „כאַרקאָווער״. אינטערעסאַנט, אז די בודקע האָט עקזיסטירט ביז ל׳עצטנס, דאָס הייסט ביז דעם גירוש פון די שרענסקער אידן אין מלאַווער געטאָ. (זיין זוהן, אברהמ׳ל סטאַוויסקי, איז אין ישראל, פון די טעטיגסטע חברים אין אונזער אירגון).

## שניט געוועלבער

חיים ברוך שעפּסקי ז״ל

האָט געהאַלטן די סחורה אין שטוב, דאָנערשטיק אין מאַרק טאָג פלעגט ער זיך לאָזן אין גאַס אריין, פאָהרן אין דער אַרומיקער סביבה אויף „טערגער״, און אזוי ציען די חיונה. נאָך זיין טויט האָט זיין פרוי שיינדל געפיהרט דאָס געשעפט ווייטער, זי האָט צום צווייטן מאָל חתונה געהאַט, מיט א וואַרשעווער בחור, יאַסטשעמבסקי, ד׳האָט מיטגעהאָלפן אין געשעפט.

מנחם איינשטיין הי״ד (משה גראבאַט׳ס איידעם)

ער איז פאַקטיש געווען דער רייכסטער איד אין שרענסק, זייענדיג אַ לאָדזשער, פלעגט ער ברענגען סחורה גלייך פון לאָדזש. ער האָט געהאַט אַ גרויסן אויסוואַל, און גרויסע קליענטעלע צווישן די גויים אין דער סביבה, און אויך פון אידן, טראָץ דעם וואָס ער איז געווען אַ רייכער איד, האָבן זיי געלעבט אויסגערעכנט.

ער, זיין פרוי חנה ז״ה, און די צוויי טעכטער העניא און פאַלע, זענען אַלע אומגעקומען.

מנחם איז קיינמאָל נישט געווען אין דערהיים, זייענדיג פון דער נאַטור אַ עסקן צבורי, איז ער שטענדיק אַרומגעלאָפן מיט קהלישע געשעפטן.

האָלץ־געשעפטן־סקלאַדעס.

דער האָלץ־האַנדל איז שטענדיק איינגעשטאַנען אין די הענט פון בני תורה׳ס. אַ האָלץ־סוחר האָט געמוזט קענען גוט רעכנען, און זיין אַ גוטער האָלץ־פאַכמאַן. אַרום שרענסק זענען געווען וועלדער, און וועלדלעך (זעה די פוילישע וועלדער פון אָפּאַטאָשאַן וויא ער בעשרייבט מאַסטאַוועץ) אָבער דאָס האָלץ איז נישט געווען אויף קיין בוי־מאַטעריאַל, די פויערן פון דער סביבה פלעגען קויפן אין די וועלדער גאַנצע בוימער און אַליין בעאַרבעטן, מאַכן קלעצער. ברעטער האָבן זיי געמוזט קויפן אין אַ סקלאַד. דעריבער זענען די הויפּט־געשעפטן באַשטאַנען פון ברעטער, אויך דער סטאָלאַר האָט געמוזט אָנקומען צום סקלאַד פון ברעטער.

ברוך שטיינער הי״ד (ר׳ מנדל קרוק׳ס איידעם)

זיין פרוי אסתר, און דער זון אהרן אַלע 3 זענען געווען באַשעפטיקט אין האָלץ־סקלאַד, אסתר קרוק־שטייער זייענדיק אַ פאַך־ספּעציאַליסטין און געהאַלטן די פעדער אין האַנט האָט זי אָנגעפירט מיטן געשעפט.

די לעצטע צייט האָבן זיי ליידער קיין פרנסה נישט געהאַט, ווייל דער אַנטיסעמיטיזם האָט געהערשט. זיי זענען געפאָרן קויפן ברעטער אין גויאשן טאַרטאַק, און געבליבן בעלי חובות זענען די סטאָלאַרזשעס יאַנישעווסקי, און פּיבישעווסקי, וועלכע האָבן גענומען „נאַ־בורג״.

יחיאל קרוק הי״ד (ר׳ מענדל קרוק׳ס זון)

יחיאל קרוק און זיין פרוי האָבן געאַרבעט אין געשעפט, אָבער יחיאל איז

עטלעכע יאר פאר דער מלחמה אוועק פון שרענסק, געבליבן איז ברוך (בירד) מיט אסתרן.

## פערדס הענדלער

געווען אמאל אין שרענסק א סאך פערד־הענדלער, רייכע, אבער לעצטנס איז דער צווייג פון אידישער פרנסה אינגאנצן אונטערגעגאנגען. דער לעצטער אין געווען מנשה אליהו מרדכי׳ס, וועלכער איז אוועק פון שרענסק קיין ציעכאנאווע. געבליבן זענען פאקטיש עטלעכע אפגעקומענע „יורדים". יעקב ליכטמאן ריגה מלכה׳ס, האט נאך פון צייט צו צייט געהאט שטיין א שקאפע אין שטאל הינטער דער מקוה, אבער די לעצטע פאר יאר פאר דער מלחמה איז ער געבליבן יעקב „דער מיקוה׳ניק". א צווייטער יורד איז געווען יוסף פליישער, „יוסקא", וועלכער איז זונטיק פארטאג ארויס בעגאנגען צופוס קיין טשעגאווע, ווו ס׳האבן זיך געשטעלט לעצטנס גרויסע פערד־מערק, צו כאפן א פאר גראשן ביי מעקלעריי, מערסטנס איז ער צוריקגעקומען מיטן זעלבן, מיט וואס ר׳איז אוועק, קיין גראשן פרנסה איז נישט געווען, ער האט אבער געהאט טייערע קינדער, גוטע און זייער אידישע וועלכע האבן אויסגעהאלטן דאס הויז. און ס׳איז געווען א גרויסע דערגרייכונג פאר אונז אין שרענסק, וואס רבקה ז״ל זיין טאכטער האט געלערנט אידישע רעליגיע מיט די אידישע קינדער אין שרענסקער שקאלע. זי האט געענדיקט אין ווארשע דעם סעמינאר און געווארן אפיציעל די לערערין פון אידישער געשיכטע. זי איז געווען זייער געבילדעט און האט פיל בייגעשטייערט צום וויסן פון תנ״ך. מיר אינגלעך האבן געלערנט אין חדרים, אבער מיידלעך האבן נישט געוואוסט וועגן אידישער געשיכטע. א דאנק רבקה׳ן האבן די אידישע קינדער אין שרענסק געלערנט און געהאט א ידיעה אין חומש און פסוק. אין לעצטן יאר פאר דער מלחמה איז זי קראנק געווארן, און פונקט ווען ס׳איז אויפן מלאווער פראנט געפאלן דער ערשטער שאס, פארטאג דעם 1־טן סעפטעמבער 1939 איז איר לויטערע נשמה אויסגעגאנגען, זאל איר אנדענק און נאמען פון א טייערע אידישע טאכטער, פאראייביקט ווערן אין דעם בוך.

אין שרענסק זענען געווען א גרופע הענדלער, אדער ווי מ׳האט זיי גערופן דארפס־גייער, זיי האבן געהאנדלט מיט וואס ס׳האט זיך געלאזט, א קעלבל, א פעלעכל פון א האז, א טכויערש, א פאר אלטע כאלעוועס אויף אונטער נייען — ביז צום קלענסטן וואס א גוי האט געפילט אז ער קען קריגן א פאר גראשן. פון די אמאליקע דארפגייערס איז געווען אברהם אהרן קארנשין בוראלאק, וועלכער קומענדיק אין דארף אריין האט זיך צעשריגן: „אומעטעדיראטא נא כאנדעל"

מאטא״... פנחס מרדכי און זיין ברודער הירש זענען געווען פון די גרעסערע הענדלער אויפן דארף געהאט א אייגן פערד און וואגן. הערש האט זיך אליין גענומען דאס לעבן אויף די עלעקטישע דראטן אין אוישוויץ, נישט קענענדיק מער צוזען דאס שוידער און די טראגעדיע פון זיינע ברידער און שוועסטער ד׳אכט זיך אז כ׳האב פארגעסן אין 2 געוועלבער פון שטייפע לעדער־זוילן אדער פאדעשוועס: יעקב משה שערפסקי און אלחנן קודזשבארסקי, יעקב משה אין פריצייטיק געשטארבן אין אנהייב פון די 30־גער יארן, און חיה שרו׳קה האט געפירט דאס געשעפט און אויך א שיינע בעל הביתישע הויז. געפאורן אליין קיין ווארשע נאך סחורה, אלע זענען אומגעקומען, געבליבן איין טאכטער לעבן על פי נס (געווען אין רוסלאנד) יוכבד, יעצט אין מדינת ישראל. א 10 יאר פאר דער מלחמה איז געקומען קיין שרענסק א״פריזיער״ זלמן פיטעל און געעפנט א ״רעזוח־ע״ אין מיטן מארק, אין פשיבישעסקעס הויז, נעבן ״חנה הערצקעס״. אבער מער ווי א פריזירער איז זלמן געווען דער שטאטישער דאקטאר, ווארום ער האט געהאט א דערלויבעניש צו געבן ערשטע הילף און איז אויך געווען א מומחה אין דאקטאריע. ערשטנס האט ער געריסן ציינער, ווי נאר א צאן האט ווי געטאן האט פיטעל גענומען די צוואנג און איידער מהאט א קרעכץ געטאן איז ער שוין געווען אין דרויסן, כל ערליי איינשפריצונגען איז געווען פיטעל. ער האט נישט איינעם אין שרענסק געראטעוועט דאס לעבן מיט זיין הילף, אין מערסטע פאלן איז זיין שכר געווען א יישר כח, בייטאג צו אפילו אינמיטן נאכט טאמער איז עמעצער אוועק־געפאלן — איז מען געלאפן נאך פיטלען, זלמן פיטעל מיט זיין גוטהארציקייט האט איסגעלערנט אברהם קודזשבארסקי, יצחק׳ס זון, בחינם דאס פאך און דערנאך געהאט א קאנקורענט פון וועלכן ער איז אויסגעשטאנען פיל רדיפות און צרות, די גאנצע משפחה זיינע איז אומגעקומען אין אוישוויץ. פיטעל אליין איז געווען אין אוישוויץ אין ז׳ער ״זאנדער קאמאנדא״. געריסן די גאלדענע צייך פון די טויטע, געריסן און געווארפן אין א פאס אריין... ער איז אויך געווען צווישן די אויפשטענדלער און לאגער, וועגן דעם וועל איך באזונדער באשרייבן ער האט זיך זייער ערליך פארדינט אלעס איינער פון די וויכטיקסטע אידן אין שרענסק, ער זאל פארבלייבן אלס אנדענק אין אונזערע הערצער.

## בעל עגלות

אין אנהויב פון די 30־קער יארן און נאך פריער, כ׳בין נאך דעמאלט געווען א קליין קינד, געדענק איך דעם ערשטן בעל עגלה אין מיין צייט שמואל מאנדרא, ער האט געהאט א גרויסן אמניבוס מיט גוטע פערד און געפירט

פאסאושירן קיין מלאווע, דערנאך האט ער בשותפות מיט שמואל איצעקן געקויפט א אויטאבוס „יאסקולקא״. פאר שרענסק איז דאס געווען א גרויסע זאך. דערנאך זענען צוגעשטאנען צום געשעפט יחיאל גריינבערג (בינם דוד'ס) און דניאל נאָרדענבערג. דאס איז אנגאנגען עטלעכע יאר מיט גרויסע מחלוקות און אפילו געשלעגן, ביז דאס האט זיך צעפאלן. אויך צוליב א צווייטע סיבה: די גוים האבן ביסלעכווייז ארויסגענומען די פרנסה פון די אידישע הענט, פון די אויטאס איז צוריק געווארן פערד. יחיאל האט זיך געקויפט א קארעטע און געפארן פון שרענסק קיין מלאווע, דניאל איז געווארן א בעל עגלה, געפירט סחורות פון מלאווער הורטאווע געשעפטן פאר די שרענסקער געוועלבער. אבער דער וויכטיקסטער בעל עגלה איז געווען יוסף אוסמאן, „יושא קאליקע״, ער איז געווען דער שטענדיקער פורמאן אין שרענסק, געהאט א לאנגן וואגן וואס האט זיך שטענדיק געבראכן פון צופיל לאדונג. ווען ער איז אנגעקומען אין אוונט פון מלאווע האט מען שוין פון ווייטן געקענט הערן זיין שרייען אויף די פערד, מערסטנס נאר איין פערד, געפארן פון קראם צו קראם און יעדן געגעבן זיין סחורה.

איין פערזאן האט אים אפגעווארט מער פון אלעמען, דאס איז געווען הערש מאיר ליפשיץ, אדער ווי מהאט אים גערופן הערש מאיר זאנעס, ער איז געווען דער טרעגער, אפגעלאדנט די סחורה פאר שעפטעלען אביסל אייזנווארג, פאר פנחס'ן 2 זעק צוקער, 1 זאק זאלץ, א פאר פעטער הערינג, פאר אליצעקן א קאסטן קאלך אין עטלעכע זעק מעהל, אויך פאר מרדכי יוספן א וואל מיט סחורה אויף יעשענקעס א. א. וו.

יעדן ערב יום כיפור איז אים א פערד געפייגערט, ווי נאר א יום כיפור האט מען שוין געהערט יושען שרייען און רייסן זיך די האר פון קאפ, דאס פערד׳ האט זיך אים אויס געצויגן... איז מען געלאפן, געריסן שטיקער פון דער משפחה אין שרענסק און אין אמעריקע ביי זיינע ברידער, צונויפגעשלעפט א פאר זלאטעס און געקויפט א קארע פערד און יוסף האט ווידער געשפאנט אין געפארן.

דניאל נאָרדענבערג האט אמאל געהאט א קאלאניאל־געוועלב, ס'איז אבער איינגעשרומפן פון יאר צו יאר. לעצטנס האט ער געהאט א מין צוקערניע, ווי מהאט געקענט אויסטרינקען א גלאז ביר, סאדע, קוואס, לעמאניאדע און פארשידענע נאשערייען. מיר די יוגנט פלעגן אריינגיין צו דניאל'ן נאך א גלאז קוואס מיט כאלווע. פון די קרעמלעך האב איך פארגעסן מלכה די „קאשע מאכערין״. מלכה משה לייבס, אמאל האבן זיי געהאט א געוועלב מיט פארשידענע פראדוקטן, אבער זינט משה לייב ז״ל איז געשטארבן איז געווארן ווייניקער און ווייניקער.

געבליבן איז מלכה מיזז איר קאשע גילעכל, געמאלן קאשקע פאר זיי פוילישע קיילערס אויף קאשאנקע און פאר די קראמען פארשידענערליי קאשעס. הערש מאיר האט געדרייט די מאשין. געבליבן פון דער משפחה איז א זון יצחק (אברהם) עבערט, יעצט אין חיפה, געווען אין שרנסק א גרויסע צאל איינוואוינער וואס האבן נישט געהאט קיין פאכן, אזער קראמען, און זענען נישט דערמאנט געוואוין ביי מיר, די אלע מענטשן האבן געלעבט מערסטנס פון שטיצע פון זייער'ע קינדער, געווען אין שרענסק אסאך אלמנות אבער יעדע איינע האט זיך געלעבט בכבוד און בלויז געדארפט אנקומען צו קינדער. אמעריקע איז געווען א גרויסער קוואל פון שרענסקער פרנסה. א קליינער סוחר איז געווען פון אויבסט און גרינסן, מאיר שצעפקאווסקי, אדער בעסער פייגע־מאיר׳ס — זיי האבן אויפגעקויפט אייניסוז ביי סעדערס און פארקויפט — און דערפון געצויגן חיונה. מעגלעך אז איך האב פארגעסן געוויסע מענטשן, בעט איך ביי זיי מחילה פאר נישט דערמאנען זיי.

שרענסק האט געהאט א מלעציארניע אויף „זאודעס" וועלכע האט באלאנגט צו גוים, אבער די לעצטע צייט האט זי איבערגענומען אהרן זליג זימאן מיט זיין ברודער דוד „דאווטשיא". זיי האבן אויסגעארבעט, פוטער, קעזן, סמעטענע, א.א.וו. נאכן אריינמארש פון די דייטשן איז די מלעטשארניע געווען פארמאכט, די דייטשן האבן פעראָרדנעט צו לאזן אין גאנג און גערופן די בעלי בתים, אהרן זליג מיטן ברודער זענען געקומע צולויפן און דער דייטש האט זיי זייער צעשלאגן ווייל ר׳האט געדארפט ווארטן אויף זיי צו לאנג...

אהרן זעליג מיט דוד׳ן האבן זיך פערנומען, אויך מיט אייער און פוטער־האנדעל אין שטעטל. אהרן זעליג פלעגט אויך ברענגען סחורה, פאר די שרענסקער סוחרים, פון ווארשע, ד. ה. שפיעלעטעריי.

## תבואה סוחרים

דער תבואה־האנדל איז אמאל געווען א גרויסער צווייג פון די אידישע פרנסות אין שרענסק. ווען ס׳איז געקומען דער סארג־טאג, דאנערשטיק, האט מען געקענט זעהן א גרויסע טייל פון די שרענסקער איינוואוינער, דרייען זיך צווישען די פויערישע פורען, אין טאפען די זעק, פירן אינטערהאנדלונגען מיט די פויערן, וועגן די פרייזן, נאך צייט ס׳איז געווארן אויפגעבויט די דאמפמיל, (ווינט־מילן זענען געווען עטלעכע אין שרענסק) אין ס׳איז געמאכט געווארן א שאסיי — נאך מלאווע, האט זיך די לאגע ראדיקאל געענדערט.

אין שרענסק זענען געבליבן 4 תבואה סוחרים: 1. אברהם אהרן שערפסקי; 2. הירש מאיר ליפשיץ; 3. פרץ שפירא; 4. יוסל ליפשיץ.

ס'איז געווען נאך איין תבואה־סוחר, א גוי בשאשאווסקי, אויסגעמישט מיט אידן, געשטאנען ווייט פון אנטיסעמיטיזם. ווי מען גיט איבער איז ער געווארן דערשאסן דורך די היטלעריסטן ווייל ר'האט געהאלפן אידן אין דער געטא.

אברהם אהרן שערפסקי הי״ד, א תבואה סוחר.

ער איז געווען דער גרעסטער תבואה־סוחר, נאכדעם ווי ער איז צוריקגע־קומען פון אמעריקע, געבראכט געלט, האט ער זיך אריינגעווארפן מיט דער גאנצער ענערגיע (בלב ונפש) אין תבואה האנדל, אז ער האט דערטאפט א זאק קארן, איז איהם נישט געווען צו דערקענען, ער האט שוין דעם פויער, נישט אפגעלאזט. ער איז געווארן דער קאנקורענט פון אלע תבואה־סוחרים. אין א קורצע צייט איז אים געלונגען צו מאכען א גרויס פערמעגן. און אנגעהויבן פירן געשעפטן מיט די אורומיקע פריצים, אפקויפנדיק ביי זיי די גרינע תבואה, נאך שטייענדיק אויפן פעלד.

צייטנווייז ווערט ער אשותף צו דער דאמף־מיהל.

הירש מאיר ליפשיץ הי״ד. א תבואה סוחר.

א גרויסער תבואה־סוחר, געהאנדלט מיט פריצים, אפגעקויפט די גרינע תבואה, וואס איז נאך געווען אויפן פעלד.

אויפגעבויט א שפייכלער ביים פאטער אויפן הויף. אין אנפאנג האבן אים געהאלפן די ברידער, עפעס מער געצאלט אויפן זאק די פויערן זיי זאלן וויסן גלייך צו פערפארן אין שפייכלער. ביידע גרויסע תבואה סוחרים — האבן אפגעקויפט דאס הויז פון ר' מענדל קויק ז״ל ווען ער האט עולה געווען נאך ארץ־ישראל.

פרץ שפירא הי״ד, א תבואה־סוחר.

איז אויך געווען אין אמעריקע, צוריק קומענדיק האט ער געפירט א קאלאניאל־געוועלב. און צוגעהאנדלט מיט תבואה, מיט דער צייט איז דאס געוועלב ליקווידירט געווארן און זיך פערנומען בלויז מיט תבואה־האנדל, דער הויפט־האנדל־טאג, איז ביים אים געווען דער מארק אין דאנערשטיק, ווו ער פלעגט אויפקויפן די תבואה ביי די פויערן אין מארק, ער איז געווען א אנשטענדיקר סוחר, ער האט נישט פארלוירן דעם צורת־אלקים ווען ער האט דערטאפט א זאק קארן און געליטן פון זיער קאנקורענץ מיט איבגעריע אין רייכערע פון אים. ווען זיין זון האט עולה געווען, איז אים געוואר'ן שווער'ער, ס'האט זיך ביי אים דער מצב אסאך פערערגערט, און געזאגט האט ער אלעמאל א גוטן וויץ — כאטש ער האט

קיינמאל קיין שמייכל נישט געטאן — און אריינגעברענגט יעדן איינעם אין א גוטע שטימונג.

יוסל ליפשיץ הי״ד, א תבואה סוחר.

יוסל ליפשיץ איז פערהייראט געווען מיט מענדל פריידענבערג׳ס טאכטער, שרה, און ביים שווער אויפן הויף אויסגעבויט א שפייכלער, געהאנדלט מיט תבואה, דער טאטע האט געהאלפן, האבן פאר זיך געהאט א גרויסע צוקונפט, זיי וואלטן מיט דער צייט עולה געווען אין אונזער לאנד, דער אכזריותדיקער גורל האט אנדערש געוואלט זיי זענען אומגעקומען, מיטן גאנצן שרענסקער אידנטום.

א שלאסעריי־ווארשטאט

שעפסל אקס הי״ד

אין ווארשטאט האבן געארבעט בלויז זיינע קינדער, פאקטיש איז דאס געווען א טעכנישער ווארשטאט. דער זון הערשל, וועלכער איז היינט אין תל־אביב, האט אין שרענסק זיך פערנומען מיטן טעכנישן אפטייל, דער נאמען זיינער איז געווען בעוווסט, אין דער גאנצער סביבה, די משפחה האט געצויגן זייער חיונה בכבוד.

די ארבעט אין ווארשטאט; האט געפירט שעפסל מיט זיינע קינדער. מיטן ברענגען סחורה, האט זיך פערנומען די איידעלע פרוי חנה.

א אייזן־געשעפט

עזריאל האמבורגער הי״ד.

אמאל איז דאס געווען א גרויס אייזן־געשעפט געהאט דערביי גוט פרנסה, דער מצב איז געווארן ערגער פון טאג צו טאג, ער איז געווען אמאל א גרויסער עסקן צבורי, ער אליין האט געארבעט אין געשעפט. דאס געשעפט איז געוואקסן, ער האט כסדר געברענגט טראנספארטן סחורות. נאענט פאר דער צווייטער וועלט־מלחמה איז דאס געשעפט אין גאנצן אראפ. אים איז געווען זייער שווער ארויס צו ציען פרנסה פון אייזן־געוועלב.

באשע גרינבערג הי״ד.

ארומגעפארן מיט א טישל אויף טערגער אין ארומיקע שטעטלעך מיט גריקאטאזש העמדער אייגענע אויסארבעטונג. זי איז געווען די שנור פון בונם דוד גרינבערג ז״ל. דער מאן יעקב גרינבערג איז געשטארבן אין די יונגע יאהרן,

און זי אליין האט געמוזט שווער ארבעטן צו דערציען די יתומים. אן זייטיקע הילף איז איר געלונגען צו דערציען די יתומים און פירן א שיין בכבודיקן לעבן, אבער דאס פאר׳ן אויף די טעריגער האט איר געשעדיקט דאס געזונט.

דאמען קאנפעקציע
יהודה גרשון ראזענבוים הי״ד.

טריקאטאזש און גאלאנטעריע האט ער געברענגט פון װארשע, העמדער און נאך פערשידענע ארטיקלען האט ער אליין אויסגעארבעט. זיין פרוי אלס ביינערין האט אים ארויסגעהאלפן אין געשעפט, די אויסגעארבעטע סחורה פלעגן זיי פערקויפן צו די פויערן אין דער ארומיקער סביבה.

איך האב זיך נישט באנוגנט מיט די תלמידים וואס איך האב מיט זיי געלערנט אין בית־המדרש, איך האב ארגאניזירט א גרופע פון 10 איינגלעך און געפירט מיט זיי א קורס פון דער העברעאישער שפראך, דאס האט לאנג נישט אנגעהאלטן, ווייל אייגמאל אין מיטן דער לעקציע איז דערשינען דער רוסישער פאליציאנט פון שטעטל און געמאכט קעגן מיר א פראטאקאל. אזאנק ר׳ משה

גראנאט ז"ל וועלכער איז דאמאלס געווען „דאזאר", איז דער פראקטיקאל אגולירט געווארן, געהיים אבער האב איך ווייטער געפירט מיין טעטיקייט פארן ציוניזם און פאר דער העברעאישער שפראך.

איינער פון מיינע תלמידים איז געווען אונזער חבר דא אין ישראל, נחמן קארן, וועמענס פאטער ר' ברוך קארן ז"ל איז געווען א איד א משכיל און האט געוואלט אז זיין זון זאל באקומען א אידיש־משכילישע דערציאונג. די פאנאטישע מענטשען פון שטעטל האבן מיך שוין געהאלטן פאר איינעם וואס איז אוועק פון דרך־הישר, פאר ר' ברוך קארן אבער איז געווען א כבוד איך זאל זיין דער דערציער פון זיין זון. צו דער בר־מצוה האב איך נחמנען אויסגעלערנט א משעטל און ר' ברוך קארן האט איינגעארדנט א גרויסע בר־מצוה־פייערונג, וואס דאס אליין איז געווען א זעלטענהייט אין שטעטל.

ר' יוסף־לייב פעפער ז"ל צוריקקומענדיק פון אמעריקע האט צו זיין איבער־ראשונג אין צופריזנהייט אנגעטראפן א ברויזענדיקע יוגנט־באוועגונג פארן ציוניזם און פאר העברעאיש. איך, שלמה־זלמן און יוסף־לייב האבן אויסגעארבעט א פלאן פון ארגאניזירן העברעאישע אווענט־קורסן פאר דערוואקסענע אין דער וואוינונג פון ר' ברוך קארן. די גאנצע דערמאנטע טעטיקייט איז געפירט געווארן בלויז צווישן די מענלעכער יוגנט. איינמאל איז געמאכט געווארן א פרווו פון א קליינע פארזאמלונג מיט בחורים און מיידלעך. אלס רעדנער איז ארויסגעטרעטן ר' יוסף־לייב. פון אט דער פארזאמלונג האבן זיך דערוווסט די פאנאטיקער, באלד צומארגנס זענען זיי אריין צום רב און געמאכט א רעש אז זייגס א תלמיד איז זיך צוזאמענגעקומען מיט מיידן. דער רב האט מיך גערופן און אויסגעמוסרט, אז עס פאסט נישט פאר מיר אזעלכע זאכען, אינסטינקטיוו האט ער אבער געפילט אז מיין אידעאליזם וועט באזיגן דעם פאנאטיזם פון עלטערן דור. עס איז אויך געלייגט געווארן א יסוד פאר גרינדן א העברעאישע ביבליאטעק, ארום וועלכער עס האבן זיך קאנצענטרירט בחורים און אינגלעך, וואס האבן געלעכצט און דורשטיק געשלונגען די שיינע העברעאישע דערציילונגען וואס מיר האבן געקויפט פאר דער ביבליאטעק.

פון מיידלעך האבן זיך צו יענער צייט ארויסגערוקט אלס צוקונפטיקע קולטור־טרעגער: לאה רייכגאט, מיין שוועסטער רעלא און צערקא קארן. בכלל אבער האבן די מיידלעך נישט געהאט די מעגלעכקייט קולטורעל זיך צו אנטוויק־לען, די בחורים האבן יעדן שמחת־תורה ארגאניזירט גרויסע פארוויילונגען, געהאט ספעציעלע יוגנט „מגינים" און א גאנצן יו"ט פארבראכט מיט געזאנג און טענץ. די מיידלעך האבן אזעלכע געלעגנהייטן נישט געהאט, נאר ווייניק

און עלנט איז טאקע געווען דאס לעבען פון דער פּרוויען־יוגנט (דאס עלנטקייט האט געבראכט צום אויסדרוק דער בארימטער העברעאישער דיכטער צו יענער צייט, י. ל. גארדאן אין זיין שיר „בת־ישראל") און אט אין א געוויסן טאג איז דאס שטעטל אויפגעציטערט געווארן פון זעלבסט־מארד וואס איז בעגאנגען דאס שיינע 18 יעריקע מיידל רבקה ארביטער. אזעלכע מיידלעך־בלומען האבן זיך געריסן צום לעבן און ליכט, זייער עלנטקייט האבן זיי געטראגן אין זיך פארשלאסן, בישט האבנדיק פאר וועמען זיך פון הארצן אראפצורעדן.

קרע שבלב

צו יענער צייט האב איך דורכגעמאכט א איגעלעכען קאמף מיט זיך, דער קאמף וואס איז באקאנט אין דער משכילישער ליטעראטור אונטערן נאמען „קרע בלב" א קאמף צווישן צוויי וועלטן, די אלטע און די נייע. זייענדיק פון די יוגנט־יארן דערצויגן אין אן אטמאספער פון גלויבן און טראדיציע, שטויסט מען זיך פלוצים אן אין פראבלעמען העומדים ברומו של עולם!

די השכלה אזוי ווי דער עץ־הדעת ביי אדם הראשון האט געעפנט די אויגן פון דעם בחור־משכיל, וועלכער האט אנגעהויבן שטעלן פראגן וואס האבן געעגבערט אין מוח. דער אלטער חנוך וואס האט פערטושט דעם איינגלישן פארשטאנד און אלעס איז פאר אים פארגעקומען אבסטראקט, איז פאר דעם בחור־משכיל געווארן רעאל אוןווירקלעך. שוין דעם תנ"ך האט ער אנגעהויבן אנדערש און רעאלער פערשטיין. ער האט געזוכט א סינטעז צווישען די אלטע און די נייע וועלט. דער בחור־משכיל איז דערצויגן געווארן אויף אידישער טראדיציע, ער האט נישט געקאנט מיט איינמאל איבערייסען מיט אט טראדיציע, נישט געקאנט וועלן ביי זיך צו מאכען אן אונטערשייד צווישן אמונה צרופה, ריינע רעליגיעזיטעט און רעליגיעזע דאגמען, צווישן גרונט־רעליגיעזע געבאטן פון תורת משה און סייגים וואס זענען געשאפן געווארן שפעטער — ווען מיר האבן שוין געהאט פערלארן אונזער זעלבסטשטענדיקייט, און די סייגים זענען שוין געווען מער א פראדוקט פון גלות. אט דער אינערלעכער קאמף, דער קרע שבלב, האט ביי מיר אנגעהאלטן אייניקע יאר, און איך דערמאן זיך אין יענעם טאג ווען עס איז פאר מיר מיט אמאל קלאר געווארן דער זין פון רעליגיע, אז זי איז נישט געשאפן געווארן בכדי צו בינדען דעם מענטש, נאר זי איז באשאפן געווארן אויפצוהויבן דעם מענטשן העכער, אים געבן א אינהאלט אין לעבן, א אידעאל וואס זאל אים מאכן פאר „מותר האדם מן הבהמה".

עס איז מיר ליכטיק געווארן אין די אויגן פון דאן אן איז אוועקגעגומען

געוואָרן די מחיצה וואָס האָט ביז יעצט פונאַנדערגעטיילט צווישן מענטש און מענטש, צווישן פרומען איד און גישט פרומען. און עס איז איינגעטראָטן א ווענדע־פונקט אין מיין לעבען. מיין אידעאַל איז געוואָרן: ותחית העם, האָרץ והשפה. איך האָב מיין לב ונפש איבערגעגעבן אַט דעם אידעאַל וואָס איז פאַר מיר פאַררעכענט געוועזן אלס חיי־עולם, חוץ אַט דעם איז פאַר מיר אַלץ געוועזן גאָר חיי שעה.

דער ערשטער וועלט־קריג

ווען עס איז אויסגעבראָכן דער ערשטער וועלט־קריג אין יאָר 1914, בין איך דאַן אַלט געוועזן 20 יאָר. אונזער געגנד איז באַלד דעם ערשטען מאָנאַט באַזעצט געוואָרן דורך די דייטשען. די יוגנט וואָס האָט זיך געריסן צו קולטור און פאָרטשריט האָט געפונען יעצט א מעגלעכקייט קולטורעל זיך צו אַנטוויקלען. די צאַרישע מאַכט וואָס האָט געשטערט יעדע קולטור־טעטיקייט איז פאַרשוואונדן געוואָרן און אויף איר אָרט זענען געקומען די דייטשען, וועלכע זענען פאַר דער יוגנט פון יענער צייט געוועזן א סימבאָל פון קולטור און ציוויליזאַציע. די יוגנט האָט געגרינדעט א „תרבות" ביבליאָטעק, אַרום וועלכער עס האָט זיך גרופּירט כמעט די גאַנצע יוגנט פון שטעטל. צווישן אונזערע חברים האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט א שטאַרקן רעדנער־טאַלענט בוגים ווידאַסקע (אומגעקומען דורך די נאַציס אין פּוילן) וועמענס רעפעראַטן אויף ליטעראַרישע טעמעס האָבן געהאַט גרויס דערפאָלג ווי אויך די חברים יוסף רמון־גראַגאַט (יעצט אין ישראל) און הירש־לייב גאָאָן (יעצט אין אַמעריקאַ). עס האָט זיך געשאַפן אן אַמאַטאָרן־גרופּע וועלכע האָט אויסגעפירט טעאַטער־פאָרשטעלונגען, עס איז געגרינדעט געוואָרן א כאָר. מיט איין וואָרט: די קולטור־טעטיקייט איז געפירט געוואָרן אויף אַלע געביטן. אין יענער צייט האָט מען ביי אונז נישט געוואוסט פון קיין פּאַרטיי־קאַמפן, אַלץ איז געווען באַהויכט מיט א הייליקן אידעאַל אויפצולעבן די יוגנט, איר צו קולטיווירן און באַוואוסטזיניק מאַכן. עס איז געפירט געוואָרן אויך א ברייטע ציוניסטישע טעטיקייט. די אונטערן־אַקסנדיקע קינדער זענען דערצויגן געוואָרן אין ציוניסטישן גייסט און ליבע צום פאָלק, ארץ־ישראל און העברעאישע שפּראַך. אונזער שטעטל האָט געשמ'ט אין דער גאַנצער סביבה ווי אן אַקטיווער כוח אויף אַלע ציוניסטישע געביטן. עס איז פאַרשוואונדן געוואָרן ביי אונז דער קלאַסן־אונטערשייד פון אַרבעטער־קינדער און סוחרישע קינדער: אַלע זענען געווען פאַראייניקט. אַדאַנק דער פרידלעכער אַטמאָספער איז ביי אונז די קולטור־טעטיקייט און די ציוניסטישע אַרבעט געפירט געוואָרן פערהעלטניס מעסיג שטאַרקער ווי אין אַנדערע שטעט, וואָס האָבן א טייל פון זייער ענערגיע פאַרווענדעט אויף פּאַרטיי־רייסערייען.

דער מצב האט אנגעהאלטן איניגע יאר ביז עס האט זיך געענדיקט די וועלט־מלחמה, מיט דער מפלה פון דייטשלאנד־עסטרייך, און מיט דער רעוואלוציע אין רוסלאנד און מיט א זעלבסטשטענדיקע באפרייטע פוילען. די ארבעטער ארגאניזאציע „בונד" האט זיך שטארק צעוואקסען אין פוילן, ארייגעדרונגען אין אלע שטעט און שטעטלעך, אויך אין שרענסק האט משה־ניטן טאסקי ארגאניזירט א בונד־אפטיילונג. דער בונד, וועלכער האט געבראכט פאזיטיווע נוצען פאר די ארבייטער־מאסן, פארשפרייטנדיק צווישן זיי קלאסן־באוואוסטזיין און פארבעסערנדיק זייער עקאנאמישע לאגע, איז אבער געווען נעגאטיוו און פיינדלעך צום ציוניזם. משה ניטן'ס פאטער איז מיט איניקע יאר פריער דערמארדעט געווארן דורך א פוילישן מערדער. דער „בונד" אין שרענסק האט עקזיסטירט איניקע יאר ביז משה ניטן האט זיך איבערגעצויגן קיין מלאווע.

אין יאר 1920 האב איך געהייראט מיט מיין קוזינע הענטשע בירמאן פון ציעכאנאוו, (איינע פון די 5 טעכטער פון מיין מומע מרים־רויזע). גלייך נאך דער חתונה האבן מיר געמאכט א רייזע קיין בערלין, ווו עס האט געוווינט א שוועסטער פון מיין פרוי. אין צווישן צייט איז אויסגעבראכן דער פויליש־רוסישער קריג און מיר האבן זיך פארהאלטן אין בערלין אגאנץ יאר. אין פארלויף פון דעם יאר האב איך זיך באשעפטיקט מיט העברעאיש לעקציעס. איך האב אויך געגעבן תלמוד־קורסן דעם באקאנטן ד"ר ראבינער זינגערמאן.

דעם 14 יאנואר 1921 האט מיין פרוי געבוירן אין אידישן שפיטאל אויף עליזאבעט־שטראסע אונזער זון מנחם ב"ל, אין צווישן צייט האט מיין מוטער אונז אלארמירט מיט בריף מיר זאלן צוריק קומען קיין שרענסק (די הויפט סיבה איז געווען די קראנקהייט פון מיין שוועסטער רעלא), קיין באזונדערע זאכן האט אונז נישט פארבונדן מיט בערלין, האבן מיר באשלאסן צוריק צו פארן קיין פוילן. אין מאי 1921 זענען מיר אנגעקומען אין שרענסק, מיר האבן זיך איינגעארדנט צוזאמען מיט מיין מוטער. איך האב אנגעהויבן אויפריכטן דאס געוועלב, וואס איז ביי דער באלשעוויסטישער אינוואזיע צעראבירט געווארן, און בין ווידער אריינגעצויגן געווארן אין געזעלשאפטלעכער־ציוניסטישער טעטיקייט. די יוגנט אין שרענסק, וועלכע האט געהאט א ציוניסטישן יסוד איז ווייטער געגאנגען אין דעם וועג, עס איז געגרינדעט געווארן א חלוציש̇ע ארגאניזאציע און א גרויסער טייל יוגנטלעכע איז ארויסגעפארן אויף הכשרה־פונקטן.

תקופת עליה לארץ־ישראל

עס האט זיך אנגעהויבן א תקופה פון עולה זיין קיין ארץ־ישראל, צוערשט

איז עולה געווען שמעון קרוק מיט זיין פאמיליע, וועלכע זענען ארויסגעפאדערט געווארן דורך דער פרוי׳ס פאטער פאמפער, וואס האט געוווינט אין תל־אביב. דאן האבן מיר באקומען 2 סערטיפיקאטן דורכן „מזרחי" און עס זענען עולה געווען אהרן בארענשטיין און מנשה ליפשיק, די צענטראלע פון דער אלגעמיינער חלוץ־צישער ארגאניזאציע האט אינז פארשפראכן גרעסערע עליה־מעגליכקייטן; מיר האבן אבער געדארפט זיך באשטייערן מיט א גרעסערע געלט־סומע פארן קרן־עליה. דאן זענען מיר איניגע חברים איך, יוסף רמון גרנט און שמואל ראזענבוים ארויסגעפארן אין שכנות׳דיקען זשוראמין, ווי עס איז פארגעקומען א גרויסע פארזאמלונג אין דער ארטיקער שוהל. טראץ די באמיאונגען פון ארטיקן „בונד" צו פארקלענערן דעם רושם וואס מיר האבן געמאכט מיט אונזערע רעדעס, האט די ארטיקע אידישע באפעלקערונג פרייגיביג געשפענדעט פארן קרן־עליה. מיר האבן דאן באקומען 4 סערטפיקאטן מיט איינמאל און עס זענען עולה געווען 4 חברים פון החלוץ. די באגייסטערונג פון די אידן אין שטעטל איז געווען אומגעהויער, כמעט די גאנצע אידישע באפעלקערונג האט באגלייט די עולים, די יוגנט האט געזונגען ציוניסטישע לידער און די עלטערן האבן זיך געוווּנטשן אז אויך זייערע קינדער זאלן זוכה זיין צו עליה.

מיין וואהל אלס ראש־הקהל

אין יאר 1924 בין איך ביי די דאזאר־וואלן אויסגעקליבן געווארן אלס דאזאר, צוזאמען מיט ר׳ מענדל זיטאן, עזריאל האמבורגער, אברהם קאהן. ביי דער ערשטער זיצונג בין איך איינשטימיק אויסגעוויילט געווארן אלס ראש־הקהל.

דער בודזשעט איז געווען זייער א באגרענעצטער, קוים אויף אויסצוהאלטן דעם רב, שוחט און סעקרעטאר. דאך אלס ראש־הקהל האב איך געהאט מער מעגלעכקייטן אויפצוטרעטן עפענטלעך אין שוהל, אין בית־המדרש און פירן א אויפ־קלערונג צווישען דער אידישער באפעלקערונג. עס דערמאנט זיך מיר א פאל, ווען איך האב אין א יו״ט פארן עולם אין דער ארטיקער שוהל אויפגעקלערט די באדייטונג פון די אידישע ימים־טובים; דערביי האב איך ארויס געזאגט מיין געדאנק, אז די חלוצים אין ארץ־ישראל, הגם זיי זענען נישט מקיים די מצוות פון דער תורה, איז אבער זייער בויען דאס לאנד אזוי חשוב ווי זיי וואלטן מקיים געווען אלע מצוות (אויך אין תלמוד איז פאראן א ענלעכער רעיון וועגן די גרויסקייט פון מצוות ישוב ארץ־ישראל). דאס איז אפנים נישט געפעלן געווארן איניקע אנוועזענ־דיקע און זיי זענען אריין צום רב און געמאכט אן אלארם, אז איך פרעדיק אין שוהל אפיקורסות. דעם צווייטן שבת האב איך געהייסן פארשליסן די בתי־תפלה

און געדרופען אלמען אין שוהל, ווו איך וועל דערקלערן מיין שטאנדפונקט אין שייכות צו די חלוצים. פאר קריאת־התורה בין איך ארויף אויפן בעלעמער און דער־קלערט אז מיינע געדאנקען וועגען די חלוצים באזירן זיך אויף דברי חז״ל. דער גאנצער עולם האט אויפגענומען מיין דערקלערונג מיט צופרידנהייט והכל על מקומו בא בשלום. אין דעם מאמענט איז מיר געקומען דער געדאנק וועגן דעם דורש וואס די רבנים האבן אין זייער צייט ארויסגערופן אויף שפינאזא. מיר האט אויך געדראט אזא ענלעכע זאך ווען איך וואלט נישט גלייך רעאגירט און געלאזט די פאנאטיקער פירען זייערע העצערייען.

אויסער די מעגלעכקייט צו פירען מיין אויפקלערונגס־ארבייט האט מיר מיין ראנג אויך געעפנט די טירען צו דער פרעסע. עס איז אויפגעשווומען אין אידישען לעבען אין פוילען אקטועלע פראבלעמען, מיינע ארטיקלען, טראגענדיק אויף זיך דעם שטעמפעל פון ראש־הקהל זענען גערן געדרוקט געווארן. עס זענען דערשינען אין די יארען 1924/5 מיינע ארטיקלען אין דער העברעאישער צייטונג „היום" — „מכתב גלוי להסתדרות המזרחי", ווו איך האב רעאגירט אויף דעם קאמפף וואס דער מזרחי האט געפירט געגן די ארבעטער־פארטייען אין ארץ־ישראל. און א צווייט ארטיקל „למרנן ורבנן", האב איך באריררט פראבלעמען וואס דארפן באהאנדלט ווערן אויף א רבנים־צוזאמענפאר וואס איז צו יענער צייט פארגעקומען. אין דער צייטונג „היינט" איז דערשינען מיין רוף „א צוזאמענפאר פון די אידישער קהלות איז א געבאט פון דער שעה" און א „בריף אין דער רעדאקציע", אין צוזאמענהאנג מיט א ארטיקל פון אדוואקאט הארטגלאס וועגן די וואלען צום סיים.

מיינע ארטיקלען אין דער פרעסע, וועלכע זענען שטענדיק געווען אויף אקטועלע פראבלעמען האבן געהאט א שטארקען אפקלאנג אין דער עפנטלעכער מיינונג. זיי האבן ארויסגערופן א דיסקוסיע אין דער פרעסע, און איך האב אויך באקומען פריוואטע דאנק־בריף פאר מיינע טרעפלעכע ארויסגעזאגטע געדאנקען.

מיין טאכטער זהבה (גאלדעלע)

אין אפריל 1924 האט מיין פרוי געבוירען אונזער צווייט קינד, א טעכטערל, וועמען מיר האבן געגעבען א נאמען נאך דער באבע גאלדע.

אונזער פייערונג ביי דער דערעפנונג פון דער
העברעאישער אוניווערזיטעט אין ירושלים אין יאר 1925

אויב שרענסק האט געשמעקט אין דער גאנצער סביבה אלס ציוניסטיש

געשטימטע שטעטל, האט זי דעם נאמען ערלעך פארדינט אין אט דעם היסטארישן טאג. נאך א געהעריקער פארברייטונג האבן די אידישע איינוואוינער שוין פון גאנץ פרי אנגעהויבן צו דעקארירן די הייזער און באלקאנען מיט דיוואנען, בילדער פון ציוניסטישע מנהיגים און פארשידענע אויפשריפטן, אזוי אז דער מארק וואס איז געווען באוווינט כמעט אויסשליסלעך פון אידן האט אנגענומען זייער א פייערלעכן אויסזען. 11 אזייגער פארמיטאג זענען אלע געשעפטן געשלאסן געווארן און די אידישע באפעלקערונג האט אנגעהויבן שטראמען אין שוהל אריין. איניקע רעדנער האבן דערקלערט די באדייטונג פון דעם היסטארישן אקט. נאכדעם ווי איך האב געמאכט די ברכת „שהחיינו״ האב איך אנגעהויבן מיין רעדע מיטן פסוק: „והיה כי ישאלך בנך מחר לאמר מה זאת״ ז. א ספעציעל צוגעגרייטער כאר האט געזונגען „מזמור שיר חנכת״ און אנדערע שירי ציון, די באגייסטערונג איז געווען אין לשער, ווי עס איז געקומען צום אויסדרוק אין אוונט ווען אלע אידישע פענסטער זענען שטארק געווען אילומינירט מיט פארשידנפארביקע באלויכטונגען מען קאן מיט רעכט זאגן: „מי שלא ראה התלהבות זאת לא ראה התלהבות מימיו״!

תקופת גראבסקי

אין די יארען 1924־26 איז אין פוילן געווען פינאנץ־מיניסטער דער בארימטער סטאניסלאוו גראבסקי. ער האט זיך בארימט געמאכט מיט זיינע שטייער־אויספרעסונגען פון דער אידישער באפעלקערונג; דאס האט שטארק זיך אפגערופן אויף דער עקאנאמישער לאגע פון די פוילישע אידן. נאך דער קראנקהייט פון מיינע שוועסטער איז די מאטעריעלע לאגע ביי מיר געווארן וואס אמאל ערגסטער, עס האט זיך ביי מיר דערוועקט דער געדאנק פון עמיגראציע, קרובים אין מעקסיקא האבן מיך צוגערעדט איך זאל זיך לערנען שחיטות, דארט וועל איך אלס חזן־שוחט זיך קאנען גוט איינארדנען, דאס איז געווען גישט אזוי איינפאך, ווייל די שוחטים אין פוילן זענען געווען ארגאניזירט אין א פראפעסיאנעלן פאראיין, און די צענטראלע האט גישט דערלויבט צו לערנען אן איר הסכמה. איך בין געווען צו מאדערן און באקאנט אלס ציוניסטישער עסקן, איך וואלט די הסכמה פון דער צענטראלע נישט באקומען, דאך האב איך אין שכנות'דיקן שטעטל ראדזאנאוו געלערנט שחיטות און באקומען סמיכות פון ארטיגען רב. 2 יאר האט געדויערט ביז איך האב דערלערנט שחיטות; דער פלאן אבער פון עמיגרירן קיין מעקסיקא איז צונישט געווארן, ווייל די קרובים אליין האבן געטראכט צו פארלאזען מעקסיקא, אין צווישען בין איך איינגעלאדן געווארן אין א שטאט

וועלמנא — פאמערן ביי טהארן, די אידישע באפעלקערונג איז דארט געווען א קליינע; פון דאָרט איז אבער עקספּאָרטירט געווארן געשחטענע עופות קיין דאנציג. איך האב געדארפט האבן די סמיכות און הסכמה פון דאנציגער רב, הרב סעגאלאוויטש, איך בין ארייגעפארן קיין דאנציג צום הרב סעגאלאוויטש וועלכער האט מיך עגזאמינירט און מיר געגעבן סמיכות.

גיין פּעולאָזן שרענסק

אין יאר 1932 האב איך מיט מיין פאמיליע פארלאזט שרענסק. פאר דעם אפפארן פון שרענסק האט מיר די יוגנט איינגעארדנט א באנקעט ווו עס זענען געקומען צום אויסדרוק מיינע לייסטונגען פאר דער שרענסקער יוגנט, וואס האט שוין צו יענער צייט געהאט ביי 30 חברים אין ארץ־ישראל. די יוגנט האט מיך באשאנקען מיט א תעודת־כבוד, האנט־ארבעט פון עדזה ליפשיץ (יעצט אין ארץ־ישראל).

„על חגיגת פרידה שנערכה ביום כ״ז טבת תרצ״ב לכבוד חברנו נתן דאבו אשקלאנקא החלט לכבדו בתור נשיא הכבוד של המוסדות הלאומיים, הציוניים והתרבותיים שבעירנו בעד עבודתו החרוצה והמסורה לטובת המוסדות האלה״.

די תעודה איז מיט פאלגענדיקע סטעמפלען; „אגודת הציונים״ — א. ניבורסקי; „תרבות״ — י. מ. גרינבוים; „החלוץ״ — א. קורלציק; קרן קימת — י. רוזנבוים; „השומר הצעיר״ — א. ליפשיץ.

פון יענער צייט זענען שוין אדורך 25 יאר; די תעודה איז אלע יארן ביי מיר געווען הייליק, אין מיין שפעטערדיקן וואנדער־וועג, בין איך פון פאמערן איינגעלאדען געווארן נאך ווארשא איבערצונעמען דעם הויכן אמט אלס סעקרעטאר אין דער צענטראלע פון „החלוץ בעלי־מלאכה״. שפעטער ביים אויסברוך פון צווייטן וועלט־קריג, וואס האט געבראכט דעם חורבן פון פוילישן אידענטום, בין איך מיט מיין פאמיליע דורך א נס געראטעוועט געווארן און בשלום אנגעקומען קיין ארץ־ישראל, קיין ספר האט מען נישט געקאנט מיטנעמען, קיין בילד האט מען נישט געטארט האבן ביי זיך. אבער די תעודה איז מיר זאך געלונגען אפצו־ראטעווען און אויסצובעהאלטן אין מיין באגאזש און זי צו ברענגען קיין ארץ־ישראל, ווו זי באצירט מיין וואוינונג; אויף דער תעודת בין איך שטאלץ!!!

בעצם היום הזה

כ״ח טבת תרצ״ב, ווען איך בין אלט געווען 38 יאר, האב איך מיט מיין פאמיליע פארלאזט שרענסק מיט׳ן באוואוסטזיין אז איך האב מיין שליחות דערפילט

ערלעך און כ'האב די יוגנט געפירט אין ריכטיקן וועג, האב עוסק געווען באר'כי צבור באמונה און האב געקאנט זאגען ווי שמואל הנביא אין זיין צייטן הנני, ענו בי נגד ה' ונגד משיחו, את שור מי לקחתי, את מי עשקתי וכולי... ירושלים...

---

תעודת כבוד

על חגיגת פרידה שנערכה ביום כ"ז טבת תרצ"ב

לכבוד חברנו

# נתן דוברושקלקנה

הוחלט לכבדו בתור

## נשיא הכבוד

של המוסדות הלאומיים הציוניים והתרבותיים שבעירנו, בעד עבודתו החרוצה והמסורה לטובת המוסדות האלה

בשם הקרן קימת לישראל י. ג. רוזנבוים

בשם ההסתדרות „תרבות" י. מ. גרינבוים

" " הציונית איסר גיבוה־סקי

" " „החלוץ" א. קורלציק

" " השומר הצעיר א. ליפשיץ

שרנסק כ"ז טבת תרצ"ב

# זכרונות און פאקטן פון די קינדער יארן.

## פון ז׳ק רובערטס — יעקב גראבארד

מיר גיבן דעם בריוו פון יעקב גרובארד, דער זון פון ר׳ מנדל גראבארד אין שום ענ״עריונג.

חשובער פריינד יוסף רימון!

איך האף אז איר וועט פארשטיין, אז פאר א שרענסקער איד וואס איז שוין אוועק פון דארט 53 יאר, איז ניט אזוי לייכט צו גריבלען זיך אין זכרונות וואס זאלן האבן א ממשות׳דיקן ווערט פאר א „יזכור״ בוך.

ספעציעל, ווען די 18 יאר וואס איך בין געווען אפיציעל א שרענסקער, האב איך מער ווי א העלפט פון די יארן פארברענגט אין מאקאווע, ווארשע, מלאווע, לאדזש, און דאטשוינז. אבער גלויבט מיר באמת, אז ביז היינטיקן טאג אטעם איך נאך אליך, און חלום אפט פון מיין געבורט־שטעטל שרענסק. איך שוידער אויף יעדעס מאל, ווען איך דערמאן זיך אז צוזאמען מיט די זעקס מיליאן קדושים וואס היטלער ימח שמו האט אומגעבראכט, און די צענדליקער ספעציפיש אידישע שטעט, דערפער און געמיינדעס, וואס זיינען אזוי טראגיש חרוב געווארן האט זיך אויך געפינען מיין ליב שטעטעלע שרענסק.

גלויבט מיר, אז אויב איך האב מיט מיינע ארימע כוחות, עפעס בייגע־שטייערט צום אויפבוי פון דער אידישער ארבעטער־באוועגונג דא אין אמעריקא, און בין אויך דא אקטיוו אין אלע קולטורעלע און געזעלשאפטלעכע אינסטיטוציעס, וואס קעמפן אין לעבן אנצוהאלטן דעם אידישן קיום און אידישע טראדיציעס, איז דאס זיכער אין א גרויסער מאס די יניקה פון די קינדער יארן מיינע, אינעם שטעטל שרענסק.

וואלט איר מיר ניט געשריבן, אז דער „יזכור״־בוך איז שוין גרייט צום דרוק, און איבערהויפט דאס וואס איך ווייס ניט דעם אינהאלט און מאטעריאלן וועלכע דאס בוך אנטהאלט, וואלט איך זיך זיכער באמיט דורכגיין מיינע ארכיוון און קארעספאנדענצן וואס איך האב פון די ערשטע יארן מיינע אין אמעריקא.

אבער דערלויבט מיר איך געבן עטלעכע קורצע פונקטן פון זכרונות. וואס איך דענק אז זיי זיינען ווערט פארצייכנט צו ווערן לזכרון.

דאס איז געווען אין די יארן פון 1902 — 1903. ווען די ערשטע שטראלן

פון השכלה האבן זיך אריינגעריסן דורך שמאלע שפּאַרונעס צו אונז אינם שטעטל שרענסק.

איך געדענק, ווי עטלעכע אונזערע יינגלעך האבן זיך אריינגעגנבעט אין דער שוהל, פרייטאג ביי נאכט, און אונטערן גלאז פונעם עמוד אריינגעקלעפּט אן ערשטן־מאי פּראקלאַמאציע, וואס מיר האבן געקריגן צוגעשיקט פון מלאווע. שטעלט אייך פאר וואס סהאט זיך אפּגעטון א גאנצן טאג שבת אינעם שטעטל.

איך געדענק, ווען אין שטעטל איז עפּעס אנגעגאנגען אן אפּידעמיע פון א קינדער־קראנקהייט, און מען האט גענומען זוכן חטאים צווישן דער יוגנט. אין א געוויסן שבת פארנאכט האבן זיך באוויזן אין „פּשובעראָווסקיס" גאָרטן אדער סאד, אויפן בעזוינער וועג, דריי פרומע אידן האבן געכאפּט צוויי בחורים און צוויי מיידלעך זיך הוידענדיק אויף א הוידעלקע אינם גארטן.

איך געדענק, ווי מיר יונגוואַרג האבן אמאל אין א יום טוב, ווען די כהנים האבן געדוכנט, און אלע אידן האבן געהאט די טליתים איבער די קאפּ, האבן מיר צוזאמען געבונדן אלע ציצות, און פון אלע טליתים מיט די אידן איז געווארן איין קנויל פון וועלכן זיי האבן זיך ניט געקענט אויספּלאנטערן.

איך געדענק, ווען מען האט פּרובירט אין שרענסק איינשטעלן א שטיקל ישיבה אינם בית המדרש. און א באדזענאָווער יינגל איז דאָרט אנגעקומען לערנען ער האט מיטגעבראכט אביסל טריפה׳ענע ליטעראטור, און גענומען עטלעכע אונזערע יינגלעך שבת נאכמיטאג צום „וויאטראַק" אויפן ראדזיגאווער וועג און פאר אונז דאס פארגעלעזן. צומארגנס האט מען אפּגעהאלטן א אסיפה ביי אברהם ביאלאסטאק אין הויז, און אויס ישיבה.

איך געדענק, ווי מען האט געוואלט אוייינלייגן אין חרם, הערש משה ניכעס דעם וואסער טרעגער, ווייל ער איז ניט געווען קיין מקפיד אין הלכות נדה.

איך געדענק, ווי דאס שטעטל איז געגאנגען כאדראם, ווען חיים קאמיאנערס עלטערער זון האט באגנבעט זיין טאטן, און איז אין מיטן נאכט אנטלאפן. אבער ער איז נעלם געווארן. און מען האט קיינמאל ניט אויסגעפונען ווו זיין געביין איז אהינגעקומען.

איך געדענק, אדער ווער קען פארגעסן, א שמחת־תורה אין שרענסק, ווי מען האט געטאנצט אין די גאסן, און ביי חסידים איז געווען א מצוה אריינכאפּן זיך אין די הייזער, און ארויסכאפּען פון די טעפּ די „געפילטע מעגעלעך" און זיי קיען אין מיטן מארק.

איך געדענק, ווי מיר בית המדרש־בחורים האבן זיך פערגנבעט אויף דער

לאנקע קעגען איבער דעם בית עולם, און איבערשרעקן די מיידלעך וואס האבן זיך געבאדן אין דער זשיקא.

איך געדענק, ווען איך בין געקומען אהיים פון ראטשווינז, ווו מיר האבן שוין געהאט אן ארגאניזאציע „אחדות", און זיי האבן מיר מיטגעגעבן א „פיסטאלעט" וואס מיין טאטע האט דאס ביי מיר געשונען, און דאס האט פארחתמעט מיין גורל, אז איך מוז אוועק אין מעריקא.

יא, מיין חשובער פריינד רימון, איך וואלט געקענט אנגיין שרייבן מיינע זכרונות גאנצע שעהען, איך ווייס אבער ניט וויפל דאס איז אינטערעסאנט פאר אזא פנקס.

איך וויל אבער יא, אז איר זאלט וויסן, אז הגם שרענסק איז געווען א קליין שטעטל מיט א באשרענקטע צאל אידן, איז דאס אבער געווען אן אינטערעסאנט שטעטל, א תורה־קוואל פון וועלכן איך האב אסאך געגאסן. שרענסק האט ארויס־געגעבן אסאך גרויסע מענטשן, הגם קומענדיק דא אין אמעריקא האבן זיך אסאך געשעמט צו בלייבן שרענסקער און זיי האבן זיך צוגעשריבן צו פלאצק, אדער כאטש צו מלאווע.

איך בין זיכער, אז ניט איינער פון זיי שטאלצירן מיט אונזער געבורטס־שטעטל, איך האב דארט פארברענגט אן אינטערעסאנטע יוגנט און איך האב אסאך צו דאנקען שרענסק פאר מיין „גרסא־דינקותא"!

איך ווייס ניט צי מיין בריוול קען אייך נוצן ברענגען, איך האב אבער געפילט אז עפעס מוז איך שרייבן. אויב ט'געפעלט אייך ניט, האט איר מן הסתם א קערבעלע.

אייער, מיט דרך ארץ,

יעקב ראבערטס — גראבורד

---

## זושא גראנאט

## צו די עלטערן, ברידער, שוועסטער

כ'פערשטיי ווי איר האט זיך געפרייט ווען איך בין געבוירן געווארן, צו

---

*) זושא גראנאט, בנו של משה גראנאט ז"ל נפטר בגיל צעיר בן שלש עשרה והיה במותו מן היומן שהשאיר על חייו בחרתי את הנ"ל שמתאים לספר על שרענצק. ת.נ.צ.ב.ה.

געקומען נאך א מיטגליד אין דער משפחה, ווען כ׳קלער אריין שטעלט זיך מיר פאר, ווי 2 ארימע הרידער געפינען א ברילאנט ביי נאכט, א גאנצע נאכט פרייען זיי זיך ס׳איז א עוזדע צו זייערע צרות, אבער ווי שלעכט ווערט זיי ווען זיי ווערן געוואר אין דער פרי אז ס׳איז נאר א גלאנציקער שטיין, לײדער איז עס מיט מיר אזוי געשען.

איך בין געבוירן געווארן אין חודש חשון, ווען די נאטור איז זייער גרוויזאם, ווען אלעס וועלקט אין פוילט.

מיין ערשטער רבי, דוד יום־טוב. צו 3 יאר האט מיך מיין פאטער געבראכט אין חדר, דער רבי עפענט דעם גראבן סידור, איך קוק אריין אין סידור, און פלוצלונג פאלט א צווייער, דער רבי זאגט מיר, דאס ווארפט דער גוטער מלאך כען זאל לערנען תורה, און אז איך וועל לערנען, וועט מיר דער גוטער מלאך ווארפן ראזשינקעס און מאנדלען. גלייך הער איך א קלונג פון דער קלאמקע און מיין גוטער טאטע פארלאזט דאס חדר.

ליבער פאטער און ליבע מוטער

מיין פאטער ברענגט מיר פרייד, ער קומט פון בית המדרש פון דאווענען מיט א שמייכל און דערציילט מעשיות פון גוטע אידן, און אז גאסט הילף קען קומען יעדע מינוט, די הויפטזאך איז אמונה. די חכמי התלמוד זאגן אז מען מוז לויבן דעם רבונו של עולם סיי אויפן שלעכטן, סיי אויפן גוטן. מיין פאטער א איד א למדן לערנט מיט מיר אלעס וואס גיט מיר פרייד, נאך יעדן געשפרעך מיט מיין פאטער ווער איך פריילעכער און שטארקער.

מיין־ליבע מוטער רעד געבעך נישט, זי העלפט מיר אמאן, זיצט אויפן בעט און גלעט מיין איבערן קאפ. איך פיל ווי זי לייד, נאכן באזוך ביי ד״ר סאלאווייטשיק אין ווארשע איז זי פאר׳זארגט, איך וויס נישט די סיבה.

דער שרענסקער רב (מיין לעצטער רבי)

אין מיינע קינדערישע אויגן איז ער געוועזן משכמו ולמעלה גבוה מכל העם. איך האב מיר פארגעשטעלט אז שאול המלך האט אזוי אויסגעזען, לײדער האב איך ביי אים לאנג נישט געלערנט, נאר א קורצע צייט, כ׳האב מיר געטראכט, א איד וואס קען אזוי פיל לערנען איז גליקלעך.

די רבצ׳ן איז אמאל אריינגעקומען אין בית המדרש אין מיטן לערנען און האט מיטן רב גערעדט, דעם געשפרעך האב איך נישט געהערט, וואס כ׳האב געהערט איז, ווי דער רב האט געזאגט צו די רביצן מיט א שמייכל, אז אלע אידן זענען צדיקים, אז כ׳האב עס דערציילט מיין פאטער האט ער געזאגט, כ׳האב שוין לאנג געזאגט אז ס׳איז א איד א צדיק.

## יצחק מאיר גרינבוים

# די שרענסקער קאמוניקאציע

פארטאג ווען אידן למדנים זענען בעגאנגען לערנען אין בית המדרש, און אידן בעלי־מלאכות זענען געגאנגען מיטן טלית און תפילין אונטערן ארעם צום ערשטן מנין, האט זיך שוין ביי ר׳ ישעיה׳ן אין שטוב געלויכטן מיט א לאמטער אין דער האנט האט ער זיך שוין ארום געדרייט און בודק געווען דעם לאנגן און גרויסן וואגן, געקוקט צו ער איז פעאיק צו גיין אין וועג אריין. געשמירט די אקסן, אריינגעקלאפט דעם דישעל, פארפעסטיקט דיא קלאגיצעס, אריין אין שטאל צו די פערד זען צו זיי האבן אויפגעפרעסן דעם אברעק, אויפגעהויבן דיא פיס פון יעדן פערד מיט א הויכן געשריי „נאגא״, קאנטראלירט צו די פאדקאוועס זענען אין ארדנונג. ארופגענומען דאס געשפאן פון דער וואנט אנגעטון די פערד, אונטערגעלייגט זעק אנשטאט קישעלעך, אויף דעם ארט ווי דיא פעל איז געווען אפגעריבן, אלץ גרייט געמאכט איינצושפאנען. אריין אין שטוב, גענומען טלית און תפילין, אפגעדאווענט בחפזונדיק, אפגעגעסן דוקא נישט קיין שלעכט פרישטיק, איינגעשפאנט די פערד אין וואגן און געווארט ביז די פאסאזשירן וועלן זיך צוזאמענקומען. דערווייל האבן זיך פארזאמלט ארום וואגן אידן פערד־מעקלערס, הענדלער׳ס דארפ׳ס גייער, און נאך אזעלכע, זיי פלעגן יעדן אין דער פרי פארן אוועקפארן, זאגן מבינות אויף די פערד, געבן א שאקל דעם וואגן, גלייכמאכן דאס געשפאן, די געזעסן אויפן וואגן פלעגן באשטיין פון ברעטלעך פון אויבן איבערגעדעקט מיט א זאק. פאר חשובע פאסאזשירן איז געווען א געזעס מיט ספרענזשינעס, ווי יעדע איינע איז געווען א יוצא דופן פאר זיך, די מיטפארערס זענען זיך צו זאמענגעקומען נישט פונקטליך, איינער א האלבע שעה פריער, איינער א האלבע שעה שפעטער. אמלענגסטן האט מען געמוזט ווארטן אויף די יחסנים די אידן גבירים, אדער אידן בטלנים וואס נקיות און דאווענען, האט ביי זיי געדויערט שעהען. פארשידענארטיק איז אויך געווען זייער קליידונג, איינער אין א בוטע בירקע, דער צווייטער א כאלאטל נאך א כאלאטל א צוריסן טוך, מער לעכער ווי סחורה, און אויף דעם אלעם א בירקע, ווו ער האט געשטעקט די האנט האט ער געהאט אנ״ארבל, דערווייל זענען געקומען אינטערעסאנטן צו ערליידיקן בריוולעך, איינער צו א מחותן וועגן א שידוך, דער צווייטער א רעצעפט אין די אפטייק ווייל אין שרענסק האט געקאסט טייערער, אדער מ׳האט איבערהויפט נישט באקומען, איינער געלד צום מלאווער סוחר מיט א באשטעלונג וואס צו ברענגען,

און א מאמע מיט א פעקל קיכלעך פארן זון אין דער ישיבה, און נאך פארשידענע עניים.

מיט מזל האט זיך ר׳ ישעיה אויפגעזעצט אויפן וואגן, גענומען די לייזשן מיט דער בייטש אין די האנד אריין, מיט א באפעלערישן „וויא״! געהיימן די פערד ריר׳ען פון ארט. זיינו געזונד, פארט געזינטערהייט, זייט מצליח — האט אפגעהילכט אין דער לופט, דערווייל זעט מען פון דערווייטנס א איד לופט פארסאפעט, פארשפעטיקט דעם וואגן, אנגעטון מיט אזוי פיל שמאטעס און לאכעס, אנשטאט גיין, קאלערט ער זיך, פשוט מער שמאטעס ווי מענטש, די שטענדיקע באגלייטער הויבן אן נאכצולויפן און שרייען: ר׳ ישעיה — שטייט, מיט מזל האט ער זיך אפגעשטעלט ביי די צווייטע בריק און דאס ביגטל שמאטעס האט זיך צו געקוילערט צום וואגן און זיך אויפגעזעצט, אדורכפארנדיק די דערפער פלעגן שקצים באווארפן מיט שטיינער, אדער אראפנעמען דעם הוט אין ארייגצילן וויפיל אידן ס׳פארן, בכדי סזאל שולט זיין אן עין הרע, ס׳זענען געווען ערטער ווו אלע פאסאזשירן, האבן געמוזט אראפגיין און נאכשטופן דעם ליידיקן וואגן, נאך שעהן פארן איז מען מיט מזל אריינגעקומען קיין מלאווע, פארפארן צו ר׳ ישעיה מאנדרי אין הויף אויסגעשפאנט די פערד געגעבן זיי אן אבר׳עק, און דער עולם איז זיך פאנאנדערגעגאנגען ערליידיקן די געשעפטן, פארנאכט, ווען דער גרויסער וואגן איז שוין געווען אנגעלאדענט מיט פעסלעך, זעק אין קאסטנס, האבן זיך פאסאזשירן אנגעהויבן צוזאמענצוקומען, יעדערער האט מיט זיך געהאט עפעס

אין דער האנט, א קיישל מיט פלעשער, א בלעכל מיט איל, א בוזל׳ע מיט עפעס אפליסיקייט, ווו אוועק צו שטעלן איז שוין קיין פלאץ אין וואגן גיווען געווען, דער עולם האט זיך אנגעטון די בגדי־חורף, אוועקגעזעצט זיך ווער אויף א קאסטן, זאק אדער פאס, גענומען דעם האנט באגאזש און מיט מזל געפיירט פון מלאווע צוריק נאך שרענסק, דער וועג איז געווען בלאטיג, זאמדיק און בערגיק, און יעדע פאר מינוט איז געקומען א באפעל פון ר׳ ישעיהו, אראפ די פערד שטייען אפ! מדארף נאכשטופן, שיינע אידן האבן יוצא געווען מיט א קר׳עכץ, עמך האבן צו געלייגט כוחות, ביז ארום 12 - 1 ביינאכט איז מען בשלום אהיים געקומען

אזוי האט אויסגעזען א נארמאלע נסיעה, פון א גאנץ יאר.

פאר פסח און פאר די קריסטלעכע חגאות — ווען די קרעמער האבן באדארפט מער סחורה ווי געווינלעך — האט זיך די נסיעה געשלעפט לענגער, די שנייען זענען צעגאנגען, דאס אייז האט געלאזט, דאס וואסער האט פארפלייצט די וועגן, איז ר׳ ישעיה שוין נישט געפארן ווי געווינלעך, די פערד זענען אפגעשטאנען און מהאט געמוזט גיין אין א גאנצן דארף אריין בעטן א באקאנטן פויער ער זאל

זיינע פערד׳ צו שפאנען און ארויס שלעפן דעם וואגן, אין אזא פאל האט ר׳ ישעיה מיט זיינע פאסאזשירן געגעכטיקט אויפן פרייען פעלד און געווארט ביז ס׳וועט ליכטיק ווערן בכדי צו דערקענען די סימנים וון דער וועג איז.

די פרייען מיט די קינדער פון די פאסאזשירן וועלכע זענען יענעם טאג מיטגעפארן מיט ר׳ ישעיה׳ן, זענען שוין די גאנצע נישט געשלאפן, זיי פלעגן לויפן איינע צו די צווייטע און צוזאמען גיין צו די בריק און וועלן הערן צו ס׳פארט נישט עפעס א וואגן, זיי פלעגן צוריק גיין פארדאגהטע און פארזארגטע, נישט הערנדיק דעם הויכן „וויא״.

ווען דאס איז איז צוגאנגען, און די גרויסע שטיקער פלעגן זיך שטורמיש רייסן אין דער ריכטונג פון די האלצערנע בריקן, פלעגט די גמינע האבן א טוא־דיציע צו דינגען גויים מיט שארפע צוגען, בעלי דעות פון שטעטל, האלבע אונטערוועלט מענטשן, טרינקערס וואס זייער פרנסה איז באשטאנען פון ליידיק גיין, און נעמען מעקל־געלד פון די פויערן און סוחרים אויף די מערק, פון פערד, בהמות, חזירים און סתם פרעטערס נעמער׳ס, פון וואס סהאט זיך געלאזט זיי זענען געשטאנען מיט לאמטערן און באטאקעס מיט לאנגע דרענגער צו אפשטופן די גרויסע שטיקער אייז פון די בריק, זיי פלעגן זיך וויצלען אויף די קאנטע פון די אויסגעוואקסע פארזארגטע ווייבער און אויסטראכטן שלעכטע בשורות. אזא נאכט פלעגט זיין שלאפלאז פאר א האלב שטעטל אידן. צו מארגנס ארום מיטאג צייט איז ר׳ ישעיה אנגעקומען אין שטעטל אריין, אלע זענען ארויסגעגאנגען מקבל פנים זיין דעם וואגן. ברוך, די געלע חיה שרה׳ס, און יוסל משה טייקעס, די צוויי ברייטפלייציקע טרעגערס פלעגן אין אזא פאל שוין איבערנעמען די פערד און וואגן צו פארן צו יעדן סוחר אראפטראגן וועמען א פאס נאפט, א זאק קאלך, א פאס הערינג, א זאק צוקער, א באל מאנופאקטור, לאנג אייזן, הארטע לעדער, און נאך פארשידענע ארטיקלען, אין אזא צייט האבן זיך די סוחרס׳ס נישט געדונגען מיט די טרעגערס און זיי געגעבן א גראשן מער ווי בעווינלעך, די טעמע אין שטעטל פלעגט זיין: א בלאטיקער וועג, סוועט די וואך קיין מארק נישט זיין די פויערן וועלן נישט קומען, דער וועג איז צולייגט.

דער שאסיי

תשעה באב 1914 האט אויסגעבראכן די ערשטע וועלט מלחמה, א מהומה אין שטעטל, גענומען צום רוסישן מיליטער אלע אויסגעדינטע סאלדאטן ביז 44 יאר, טאטעס פון קליינע קינדער, אידן מיט לאנגע בערד, שוין אויסגעזען ווי זיידעס, דארפן גיין אין דער מלחמה און דינען פאניען, אבער פארפאלן גוירות

המלכות, פרויען און קינדער וויינען, די פרנסות האבן זיך אפגעשטעלט, פוירן ברענגען נישט קיין עסנווארג צום מארקפּלאַץ, אידישע קרעמער פארבאהאלטן אויך טיילוויז זייער ביסל סחורה — אדער ווי מהאט׳ס געררופן זייער ביסל ארעמ־קייט — טיילוויז צוליב פארזיכערונגסצוועקן פון זיין קאפיטאל משטייגס־געזאגט, גאר מערסטן־טייל צוליב די רויבערייען פון די אייגענע... רוסישע קאזאקישע ארמיי, אנגעוויזן דורך שכינס׳דיקע פאלאקן און אונטערגעהעצט צום ראבירן און הרגענען. ווען די רוסישע ארמיי האט אנגעפאנגען צו מארשירן נאך מזרח דייטש־לאנד, דאן איז אין שטעטל געווארן דער אמת׳ר תשעה באב: מ׳האט ראבירט און געשלאגן, גענומען אידן אלס זאקלאדניקעס, אידישע מיידלעך און פרויען האבן זיך געמוזט אויסבאהאלטן אין די קעלער׳ס אדער בוידעמס, בכדי נישט ארייִן צו פאלן אין די הענט פון די בעסטיעס און אויסמיידן א שענדונג. אזוי זענען אין יענע צייטן די רוסן געווען אונזערע שונאים, דאקעגן האט מען געהאפט ס׳זאלן שוין ארייִנקומען די דייטשן, אונז אויסצולייזן פון דער שרעקלעכער פיין און ליידן, דער דייטשישער משיח... איז ארייִנגעקומען, מיר אידן האבן אים באמת אויפגענומען מיט צופרידנהייט, מיר האבן אנגעהויבן פרייער אפצואטעמען, און זיך פילן אין אנפאנג אלס פריווילעגירטע לגבי דעם פאלאק ערשטנס צוליב די שפראך און צווייטנס זיי האבן געהייסן „אונזערע״, מיט דער באפרייאונג פון די רוסן, האבן זיי אויך באפרייט פון די בלוטיקע ווענן, אנגעהויבן מאכן א שאסיי פון שרענסק נאך מלאווע, הונדערטער גוים פון דער געגנט האבן געארבעט אויפן וועג, געהאקט שטיינער, צוגעגרייט מאטעריאל, און פאכלייט האבן דעם שאסיי אנגעשיט, א פרעס־מאשין וועלכע איז אליין געגאנגען האבן די שטיינער צוגע־פרעסט, און מיר האבן מיט שטוינונג געקוקט אויף דעם גרויס וואונדער.

פארן אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה איז געווען די פּוגסה פון א טייל אידען אין שטעטל מוליכעריי, שמוגלער, צווישען די, האט מען געפונען שיינע־אידען בעל־בתישע אידן, און אויך א ביסל ווילע יונגען... זיי האבן געהייסן לייכטע פארדינער, וויבער פלעגן זאגן, אז מדארף זיי נישט מקנא זיין, און צוגעזאגט דעם שפרוך „סוף גנב לתליה״, און „סוף מוליכער לפליטה״, נאכן אויסברוך פון דער מלחמה זענען די פרנסה׳ס פון פירען קאנטראבאנדע פון דייטש־לאנד נאך רוסיש־פוילן געווארן צו נישט, און די אידן האבן אנגעהויבן זוכען נייע קוועלן פון פרנסה, צווישן זיי איז אויך געוועזן דער גרויסער ר׳ שמואל, א איד א ברייט בייניקער, מיט דערוואקסענע טעכטער און זון פעסט געבויטע, א איד מיט א ערלעכן שם אין שטעטל, און ליב געהאט אין די מוליכעריי צייטן נאך צו האלטן פערד און וואגן, זיך געקויפט א נייעם וואגן, געלאזט ספּעציעל קאוון ביים בעסטן

האבן זיך אידן געווונטשן א גוט יאר. ידידים און נישט ידידים האבן נישט מקפיד געווען דאן אויף ברכות. מהאט זיך געדריקט די הענט און געווונטשן אלעס גוטעס.

אריינקומענדיק אין שול האבן הונדערטער גרויסע זייקע ליכט שוין געברענט, אריינגעזעצט אין די קאסטנס מיט זאמד, בכדי צו פארהיטן פון א שרפה. אויף דער פאדלאגע איז געווען אויסגעשפרייט היי. דער עולם האט שנעל אנגעטון טליתים און אטייל אויך קיטלען, און מיט התלהבות געזאגט תפילת זכה. ביים ענדיקן די תפילה, נאכן אויסגיסן דאס גאנצע הארץ פון חרטה פאר אלע עבירות בין אדם למקום ובין אדם לחברו, האבן זיי זיך אויפגעשטעלט, געגעבן זיך די הענט, די מתפללים האבן געווונטשן יעדן יחיד און כל בית ישראל א גוט יאר און א כתיבה וחתימה טובה.

צו דער העכסטער מדרגה פון קדושה האט דער עולם דערגרייכט ווען דער משמש האט געגעבן א קלאפ אין בלעמער אריין, אלס צייכן אז דער רב איז אריינגעקומען אין שול דאווענען כל נדרי. די הונדערטער ליכט און לאמפן וואס האבן געלויכטן אין שול פאר די הייליקע נשמות פון די אבות הקדושים, איז זייער ליכט פיל פאכיק פארשטארקט געווארן פאר דער אנוועזנהייט פון ליכטיקן געשטאלט פון שרענסקער רב ר׳ שרגא ליכטיג ז״ל. עפעס א געפיל פון חרטה און תשובה אויף מעשים רעים, האט זיין אנוועזנהייט דערוועקט ביי יעדן מתפלל, איבערהויפט ווען ער האט זיך באוויזן אויפן בלעמער, אנגעטון אין ווייסן קיטל, איינגעהילט מיטן טלית און עטרה. זיין שיין איידעלער געזיכט האט אויסגעזען הימליש מלאכמדיק. מיט א ציטערדיקע פרומע שטימע האט ער געדרשנט מעניני דיומא, א מוסר דרשה פאר כל־נדרי, דאס זענען געווען ווערטער וואס גייען ארויס פון א לב טהור, און ריינקן מיט זייער ערלעכן כח אלע זינדיקע און פארשטאפטע הערצער, א געפיל פון תשובה און חרטה. נאכן פארענדיקן די מוסר־דרשה איז זיין הויכקייט, דער שרענסקער רב צוגעגאנגען צום ארון הקודש, געעפנט און ארויס גענומען א ספר תורה. דאס בית דין וואס איז באשטאנען פון חזן ר׳ לייזר בילאווסקי און בעל תפילה משה צבי גרינבוים, האבן באקומען אין זייערע הענט ספרי תורות, און מיט א פארכטיקע שטימע אנגעהויבן זאגן, „אור זרוע לצדיק ולישרי לב שמחה״. און נאך דעם האט דער חזן געזונגען כל־נדרי. אין יענעם מאמענט האט זיך נישט געפילט קיין שמץ פון חטא ביי די שרענסקער קהלה, ריין ווי א טרער אין אויג זענען די הערצער פון די מתפללים געווען, און אזוי האט זיך איבער־געחזרט יאר יערלעך דער כל־נדרי אין שטעטל.

**חיים יעקב מזאריוזאוויטש**
ניו־יורק 1957

## דער משעכאנאווער צדיק ז״ל — מיין פאטער ז״ל, און איך

אין יאר 1906 האט שרענסק פארמאגט א גרויסע אידישע באפעלקערונג. אידן האבן זיך געווינלעך פארנומען מיט מסחר און מיט כל ערליי מלאכות. א סאך סוחרים האבן געהאנדלט מיט פערד, מען האט געקויפט פערד אין רוסלאנד און געפירט זיי קיין דייטשלאנד, „געמוגלעכט״ איבער דער גרענעץ קיין ניי זשעלין. מיין פאטער ישראל מאיר ז״ל איז געווען איינער פון די גרעסטע פערד־סוחרים



היושבים: ר׳ ישראל מאיר ז״ל אשתו אסתר רחל ז״ל
עומדים הילדים: יהושע, חיה הודעס, דוד

אין שרענסק, יעדן פרייטיק פלעגט א יונגערמאן פון ווארשע ברענגען צו פירן פערד פאר אונז. דער יונגערמאן איז געווען אין די זעלבע יארן ווי איך, ער פלעגט זיין איבער שבת ביי אונז און זונטיק פרי אוועק פארן מיט ישעיהו האמבורגער צו דער באן. צו יענער צייט איז די באציאונג צווישן אידן און גויים געווען נישט קיין שלעכטע. מען האט זיך געלעבט רואיג און בשלום, ספעציעל נאך

ווען דער איד איז געווען ערלעך. אזוי איז געווען מיין פאטער. ער איז געווען א שטילער בכבודיקער איד, נישט געטשעפעט קיינעם און דערפאר ארויסגערופן כבוד צו זיך  סיי ביי אידן, סיי ביי קריסטן, ער האט אלעמאל ארויסגעהאלפן דעם גויטבאזערפטיקן, געהאט אן אפענע האנט פאר צדקה און גמילות חסדים. ער פלעגט באורגן באדייטנדע סומעס געלד פאר קליינע קרעמערס, ווי עטקיע, שלמה וויגדער און פייגע דאבראשקלאנקע. און אזוי איז זיך דאס לעבן אנגעגאנגען שטיל, ביז איינמאל א שבת ווען מיין טאטע ע״ה איז געגאנגען פון דאווענען צוזאמען מיט דעם יונגעבמאן פון ווארשע, געוווינט האבן מיר אויפן מקום, ביי סציפיארסקען אויף בעזוינער וועג, אין מיטן פלאץ אויפן „מקום״ איז געשטאנען א צלם, מיין פאטער פארבייגייענדיק דארט האט באמערקט א שיינענדיקע זאך אויף דער ערד, האט ער דאס מיטן פוס א שאר געטאן צי זען וואס דאס איז. דערזעענדיק א צלמל האט ער עס געלאזט ליגן און זיך ווייטער געגאנגען אהיים, מיט א גוטן שבתדיק געמיט, אויסגעטאן פון אלע דאגות יום יום, אין זיין שבתדיקע קאפעטע מיט די שיינענדיקע שטיבלעטן, וואס האבן געסקשיפיעט ביים גיין. אנטקעגן דעם צלם איז געשטאנען דראפצינסקעס הויז, און דער גוי איז דארט געזעסן און באמערקט ווי מיין פאטער שארט עפעס מיטן פוס. אבער אנשטאט דעם יונגבמאן פון ווארשע, האט ער געמיינט אז דאס בין איך ער האט צוגעשיקט א שייגעצל זען וואס דארט ליגט, מיינענדיק עס מוז זיין געלט, ווייל א איד טאר דאך נישט טראגן קיין געלד אין שבת. דאס שייגעצל האט געפונען דאס צלמל און עס געברענגט צום גוי. דער גוי האט דער פון געמאכט א גרויסן בלבול און זיין גאנצע גויאישע רציחה איז געפאלן אויף מיין קאפ. ער האט איבעראל פארשפרייט די ידיעה, אז א „זשיד״ האט געטראטן און געשפיגן אויף א „קאטאליצקן״ צלם. דעם זעלבן מוצאי שבת ווען מיר זענען אהיימגעקומען פון הבדלה, איז אריין צו אונז אין הויז לעאן קאלאדזענסקי מיט א גרויס מעסער אין האנט, און געוואלט מיך דערשטעכן. אויף די געוואלדן און געשרייען איז אריין צו אונז א שכן, ביעזשונסקי, און קוים איינגעהאלטן לעאנען, די ערשטע זאך וואס אונזער שכן האט מיך געראטן צו טאן איז אנטלויפן פון שרעבסק ביז דער שטורעם וועט זיך איינשטילן. מיין פאטער איז געווען א שטענדיקער באזוכער ביים טשעכאנאווער רבי, וועלכן ער האט געצאלט ח״י קאפיקעס פון יעדן פערד וואס ר׳האט פארקויפט. אין אזא עת צרה ווען עס האט געדראט א פאגראם אין שטעטל, האבן אידן מורא געהאט אין אוונט ארויסצוגיין פון הויז, האט זיך מיין טאטע געלאזט צום טשעכאנאווער פרעגן א עצה. דער רבי האט אויסגעהערט די געשיכטע אין בארואיקט מיין טאטן אז אלעס וועט בשלום אדורך און ער זאל זיך נישט זארגן.

דער בלבול איז אנגעקומען אין געריכט אריין מיט אן אנקלאגע אויפן טאטן. איך ווידער, נאך אויסבאהאלטן זיך 6 חדשים אין דייטשלאנד, בין איך געקומען צוריק אהיים און אלעס איז געווען שטיל. די אנקלאגע האט זיך געשלעפט 2 יאר, אין צווישנצייט בין איך אוועק קיין אמעריקע. א האלב יאר שפעטער האט געזאלט פארקומען דער משפט, אבער א חודש פארן משפט איז דער אנקלאגער פלוצלונג געשטארבן און אזוי ארום איז דער משפט בטל געווארן. דאן האבן זיך אריינגעמישט עטלעכע גוים, מיין טאטנס גוטע פריינד, די נאוויצקעס, דער שרענסקער גלח און זיי האבן באשטימט אז דער טאטע זאל באצאלן 50 רובל קנס פאר דער תיפלה. דאס געלד איז באצאלט געווארן און דאס שטעטל איז אויסגעלייזט געווארן פון א שרעק. פון די אידן איז אראפ א גרויסער שטיין פון הארץ, און דער גאנצער זכות איז צוגעשריבן געווארן דעם טשעכאנאווער רבי. דאס האט דער רבי געמאכט, אז דער גוי איז געשטארבן און אזוי ארום אויסגעלייזט די באפעלקערונג פון א גרויסע צרה.

---



יהושע (צ׳רלי) מרינוביץ בנו של ר׳ ישראל מאיר
יו״ר של הארגון אנשי שרנסק באמריקה

אני יליד שרנסק, בעיירה הקטנה הזו למדתי שבן אדם צריך לאהוב את הזולת, לכן:

## „אני מעדיף להיות בונה במקום הורס"

הייתי בונה מושלם
הייתי בונה מנעים.
ייעודי למלא תפקיד
לעזור ולא להחריב.
בנינו נאבקים ונלחמים
הם נהרגים למען החיים,
הבה נעזור להם בעבודתם,

נעמוד אתם יחד מאוחדים
ונעזרם במאבק עד נצחונם.
אינני תר אחר כבוד
אינני מצפה לתודת־אות.
הנני כאן להשלים תפקיד,
למען חופש ודרור מתמיד.

**יהושע מרינוביין** (תורגם מאנגלית)

משה גיבאָרסקי

## מיין דינסט אין דער רויטע ארמע

ווען לנדיק זיך ארויסקריגן פון מיטל אזיע האב איך געבעטן מיך אריינצונעמען אין דער רויטער ארמיי.

אנפאנג 1944, נאך עטלעכע מאנאט דינסט בין איך אפגעשיקט געווארן אויפן פראנט.

אונזער אפטיילונג האט באקומען א באפעל צו ברענגען א „צייג" (א לעבעדיקן דייטש). מיר רוקן זיך לאנגזאם פאראויס, ס'איז האלבע נאכט, די דייטשן פאר שרעק האלטן אין איין שיסן אין אונזער ריכטונג, אבער מיר רוקן זיך פאראויס. מיר זענען 3 סאלדאטן, אט האבן מיר שוין דערגרייכט די דייטשישע שטעכדראט, און דא רוק איך זיך אליין פאראויס קריכנדיק אויפן בויך, איך בין שוין אין דייטשישן גראבן, מיינע אויגן דרינגען דורך די געדיכטע פינסטערניש און איך דערזע...

א 10 מעטער פון מיר זיצט ער, דער דייטש, א זיכערער נישט אוועקנעמדיק די הענט פון מאשין־געווער. פאר מיינע אויגן דערשיינען געשטאלטן אייגענע, טאטע מאמע, שוועסטער און ברודער, אבער עפעס אינגאנצן פארענדערטע, איך דערקען זיי נישט. קיין לעבעדיקן וועל איך דעם דייטש נישט ארויסלאזן פון מיינע הענט! — דאס איז געווען מיין שבועה. איך גיב א פארצווייפלטן שפרונג און מיינע 10 פינגער קלאמערן זיך קראמפהאפט אין זיין הייסן האלדז... די לינקע פויסט גיט אים א צעשמעטערנדיקן קלאפ אונטער די ציין — און זיין קערפער בלייבט אנמעכטיק אין מיינע הענט. די צייט שפילט דא די וויכטיגסטע ראָל, יעדע רגע דעצידירט. איך פארשטופ אים דאס מויל און הייב אים אן ארויסשלעפן פון גראבן, קוים אים דערשלעפט ביז די דראטן וווּ מיינע 2 חברים סאלדאטן ווארטן אומגעדולדיק אויף מיר, — דא פיל איך זיך שוין ווי אין דער היים.

דער שוויס פארגיסט מיר די אויגן אבער נישטא קיין צייט אפילו אפצווישן. דא נעמט „אים" שוין איבער מיין חבר לאָביא, א יונגער אוקראינער, וועלכער הייבט אים אן מונטערן מיט דער קאלבע פון אויטאמאט. ביז מיר האבן זיך דערשלעפט צו אונזערע גראבנס איז שוין דער דייטש געווען געענדיקט, די צייט לויפט פאראויס, די רויטע ארמיי יאגט דעם שונא, רוסלאנד, רומעניען, ליטע, לעטלאנד, עסטלאנד, אט גייט מען שוין דורך די פוילישע גרענעץ. ס'ווערט פריילעכער אויפן הארצן — אפשר, אפשר וועט מען נאך אפראטעווען וועמען? די קוימענס פון אוישוויץ ברענען אן אויפהער, מיר באוועגן זיך אלץ פאראויס! אט גיב איך א שטעל אין

גאנג דעם לינקן פוס אביסל אן א זייט און עס דערהערט זיך א שרעקלעכער איפריס, סווערט מיר פינסטער אין די אויגן, און דאס גאנצע פנים ברענט מיר. ווען כהאב ווידער דערזען די שיין האב איך זיך געכאפט וואס דא האט פאסירט. שטייענדיק אויף איין פוס, האב איך פון צווייטן פוס געזען בלויז צעריסענע שטיקער, דער שטיוול איז אינגאנצן פארשוואונדן געווארן. מייגע מיט באגלייטער זענען פארלוירן, זיי הויבן מיך אן צו בארואיקן, איך בין אזוי פארטויבט, אז זייער קול איז צו מיר דערגאנגען ווי דורך א דיקע וואנט, איך האב זיך פארזיכטיק אוועקגעזעצט אויף דער ערד, אויף אפרייען פלאץ, ווייסנדיק אז אויב עס האט איפגעריסן איין מינע, זענען זיכער נאך מער מינעס דא אויסבאהאלטן. איך האב געפונען ביי זיך באנדאזשן, אנגעהויבן זיך געבן די ערשטע הילף, ווי עס איז האב איך ארומגעבונדן די קריעות פון מיין פוס, און אונטען האלטנדיק זיך אין מייגע באגלייטער, האב איך לאנגזאם געשפרונגען ווייטער, וועלנדיק זיך דערווייטערן וואס ווייטער פון דעם געפערלעכן ארט. ערשט איצט האב איך דערפילט דעם שארפן ווייטיק, איך האב געהאט דעם געדאנק אז עגדלעך וועל איך שוין פטור פון דעם פראנט, פאר מייגע אויגן זע איך שוין דאס בילד פון האספיטאל, אלץ אין ווייסן, איך וועל זיך ענדלעך קענען אויסשלאפן פאר דער גאנצער צייט, שלאפן וויפל עס וועט זיך מיר גלוסטן. דער געדאנק האט מיר געמאכט דערוויל פארגעסן אין וואס ס'איז מיט מיר געשען. איך האב וועגן קיין זאך מער נישט געטראכט, בעסער געזאגט נישט געוואלט טראכטן, מיין האט געצויגן נאר צום בעט. מיר ליגן אין א קוסטארניק, ווייטער באוועגן זיך איז אוממעגלעך, די זון שיינט שוין העל, דעם שונא'ס גראבנס זעען זיך שוין אן פון א מרחק 200—300 מעטער און דער ווייטיק פון מיין פוס איז שוין נישט איבערצוהאלטן, פון שפרינגען אויף איין פוס האט מיר נישט נאר די וווגד נאר דער גאנצער קערפער געווייטיקט, און דא קענען מיר צו יעדער מינוט באמערקט ווערן. מיר ליגן געשפאנט אין פולער קאמפ-גרייטקייט. ווי עס זאל נישט זיין קיין לעבעדיקע וועלן מיר צו די נישט אריינפאלן, מיר זענען גוט פארמאסקירט. איך מוז מיט די לעצטע כוחות זיך באהערשן, נישט ארויסלאזן דעם מינדסטן קרעכץ. מיר זעען געגוי די גאנצע סביבה ארום, באלד באמערקן מיר א באוועגונג אויפן שונא'ס שטח, די דייטשן הייבן אן דעם ריקצוג. די שרעקלעכע אויפרייסן וועלכע האבן פארהילכט די געגנט, האבן דער-פרייט אונזערע הערצער, די אפטרעטנדיקע דייטשן האבן זיך אנגעשטויסן אויף אינזערע מינעס, נישט פאר-שטעלנדיק זיך, אז זייער הינטערלאנד זאלן מיר האבן מינירט.

דא האבן מיר זיך שוין נישט געקאנט באהערשן, מיר זענען אויפגעשפרונגען,

פאר אונזער׳ע אויגן האט זיך אנטפלעקט א בילד, וואס האט אונז באגייסטערט ביז ווילדקייט.

די גרעסטע צאל דייטשן זענען געהרגעט און פארוואונדעט געווארן. אין גיכן האבן מיר געהאט א אפענעם וועג פאר זיך, איך האב באשלאסן גלייך זיך ווירן פון ארט, צו אונזער ריכטונג, מורא האבענדיק פאר א בלוט־פארגיסונג. מיר האבן זיך באוועגט פאריוס און נאך גרויס מי און שמערצן האבן מיר זיך דערשלעפט צו אונזער׳ע ערשטע פאזיציעס, ווו כ׳האב באקומען מיין הילף, איך בין געשיקט געווארן אין שפיטאל אין ווייטן אוראל.

כ׳פאר אהיים נאך שרענסק

שרענסק אפריל 1945.

אדורך 6 יאר, יארן פון וואנדערן איבער לענדער, גרענעצן, יארן פון קאמף. דער טאג פון 11־טן אפריל איז ביי מיר געווארן א סימבאלישער, אין דעם טאג האב איך זיך אומגעקערט נאך 6 יאר וואנדערן, נאכן דורכגיין דעם קאמפס־וועג פון לעניגראד ביז דווינסק, נאך 9 חדשים שפיטעלער, נאך אט דעם אלעם, האט מיך דערווארט דאס שרעקלעכע די ווירקלעכקייט, מיין געבורטס־שטעטעלע ווו איך בין אויפגעוואקסן, ווו איך האב איבערגעלעבט די שענסטע תקופות פון מיין לעבן, די קינדהייט און יוגנט.

איך האב מיר אלעס ערגסטע פארגעשטעלט, אבער דאס וואס כ׳האב געטראפן האט איבערגעשטיגן אלע מיינע שווארצסטע וויזיעס.

נאך אין ווייטן אוראל אין האספיטאל האב איך זיך דערוואוסט וועגן די מאסן־פארניכטונגען פון אייראפעאישן אידנטום, זעענדיק דעם פילם „אשוויענצים־מיידאנעק״, די צוויי בארימטע טויטן לאגערן. אבער טראץ דעם אלעם האב איך מיר דאך פארגעשטעלט עמעצן צו טרעפן.

איינשטייגנדיק אין צוג אין ווארשע, בין איך געווארן אלץ נענטער צו מיינע היימישע ערטער, איך בין שוין אין ציעכאנאוו. די באן פליט גיך דורך די פוסטע צעהאקטע סטאציעס און אומזיסט זוכן מיינע אויגן וואס זאל מיר דערמאנען א איד.

מיינע געדאנקען ווערן פארצווייפלטער, וואס נענטער די באן טראגט מיך צו מיין שטעטל, אלס שווערער ווערט מיר אויפן הארץ.

דאס קלאפערייי פון די רעדער פון שווערן מיליטערישן לאסט־צוג וויגט מיך איין און איך ווער איינגאנצן פארזונקען אין תהום פון מיינע מחשבות. פון איין זייט וויל איך וואס גיכער שוין זיך דערוויסן דעם אמת ווי ער זאל נאר נישט

זיין, פון דער צווייטער זייט אבער האב איך אלץ מער מורא פאר דעם זין דער־גענטערנדיקן אמת. אויפוואכנדיק זיך פון מיינע געדאנקען דעריזע איך שוין די סטאציע וואולקע, איך שפרינג אויף גיך אראפ פון וואגאן, מיין רוקזאק אויף די פלייצעס, די הענט באוואפנט מיט קולעס, אנגעטון אין א מיליטעריישן מונדיר לאז איך זיך לאנגזאם גיין קיין מלאווע.

אויפן וועג האט מיך אנגעיאגט א פור. דער פויער האט נייגעריק זיך איינגעקוקט אין מיר, איך האב זיך צו אים געווענדן ער זאל מיך צופירן א ביסל, „יא" האט מיר דער קריסט געענטפערט „ניעך פאן שיאדא" איך גיי צו צו דער פור, האט מיך דער פויער נייגעריק געפרעגט: א„גדזיע פאן כצע יעכאטש?". האב איך אים געענטפערט; „דא שרענסקא". דא איז שוין דער פויער איינגאנצן צעטראגן געווארן, ווייל זעענדיק מיך פון ווייטן האט ער עפעס דערקענט א היימישן פנים אבער געצווייפלט, הערנדיק אבער אז איך וויל פארן קיין שרענסק האט ער זיך אויש ביים קאפ אנגעכאפט, דא ש..רי..נ..סקא, יעזוס מאריא!!! אויף זיין געשריי האב איך אויפגעהויבן דעם קאפ און ערשט דאן האב איך אים דערקענט, דאס איז געווען א שרענסקער גוי, לעשצינסקי קסאווער„ דער קארקאזש. מיר האבן זיך ביידע ארומגעכאפט, זיך צעוויינט, צעקושט, און... אויסגעווישט די אויגן. פרעגן — האב איך מורא געהאט. ער שווייגט אויך, אבער דער נישט ווינזן באשווערט נאך מער, און איך נאך א צווייטן טרערן־אויסברוך האב אים געפרעגט; צי וועמען פאר איך? „ניקאגא ניעמא" איז געווען זיין ענטפער. מיינע אויגן זענען ווי אויסגעטריקנט געווארן, איך בין געווארן צוריק הארט אזוי ווי אין די גרובנס אויפן פראנט, איך האב געוואוסט, אז כמוז יעצט גרייט זיין אויף דעם שטארקסטן קלאפ וואס קען דערשיטערן דעם מח. דער קריסט האט מיט געוויין דערציילט געניי, ראשית כל פון מיין משפחה, ער אליין האט פונקט ארויס געפירט זיי קיין מלאווע אין געטא. איך האב מיט פארקריצטע ציין און פארביסענע ליפן אויס־געהערט די טרויעריגע געשיכטע פון ארויספירן די שרענסקער אידן אין מלאווער געטא אריין. די פערד טראגן אונז אלס נענטער צום שטעטל צו.

איך זע ארום פעלדער שוין באדעקט מיט א גריגעם טוך פון יונגע תבואה, איך דערקען יעדן בוים, יעדן שטיין, אלץ איז מיר אזוי נאנט. יעדע זאך אטעמט דאך מיט מיין קינדהייט, מיט מיין יוגנט. אנטקעגן לויפט מיר דער ריח פון יונגן וואלד, אונזער שרענסקער וואלד וועלכער געדענקט אזוי פיל טיולים, ל״ג בעומר, אסיפות... איך לאז זיך פארגעסן כאטש אויף איין ווילעטשקע און מיר דוכט זיך אז אונזער יוגענט לויפט נאך לוסטיג ארום און ס׳הילכט אפ דער עכא פון זייערע געשרייען, אבער דער ווייטערדיקער בילד ברענגט מיך ארויס פון דעם דמיון.

איך זוך מיט די אויגן דעם בית עולם, מצבות, אבער אונזער אונטערערדישער שורענסק האט אויך נישט איבערגעלאזט קיין שום סימנים, דאס פעלד צעאקערט, אינמיטן בית עולם שטייט איינזאם א שייער און קוקט צום וועג, ווארטנדיק אויף באזוכער וועלכע וועלן דורכגיין דורך אים, ווי א אוהל. איך זע שוין פון ווייטן די נידעריקע דעכער פון די שורענסקער הייזעלעך פון צווישן וועלכע ס'רייסט זיך צום הימל דער שפיץ פון דער קירכע, דער צלם בלאנקט א באגאטענער מיט זונען־שטראלן. איך זוך מיט די אויגן דעם צווייטן גאטס טעמפל וועלכער האט זיך אויך געזארפט זען פון ווייטן, אבער איך קען אים נישט געפינען...

מיר פארן דורכן „שלאס" אין שטעטל אריין פארביי דער קירכע, און אט זענען מיר שוין אין מארק. דער זעלבער מארק, נאר עפעס קלענער געווארן, איינגעשרומפן. פון אנטקעגן גיט מיר א שלאג אין פנים אריין א ביי בילד, איך זע דאס פוסטע פעלד, דעם וואלד. איך האב זיך גלייך נישט געקענט אריענטירן ווו כ'געפין זיך, ערשט דערנאך האב איך דערזען ליידיקע פלעצער פון צעבראכענע אידישע הייזער. דער מארק האט אויף מיר געמאכט דעם איינדרוק פון אט דעם בית עולם, וואס כ'האב געזוכט נעבן וואלד. א קעלט איז מיר דורך די ביינער, אנקוקנדיק דאס טרויעריקע בילד פון דעם יידישן מארק.

מיינע אויגן, געווייגט צו דעם אלטן מארק, זוכן אומזיסט דעם „געלן אַרטשע מאיר" אין „ראג", פנחס ליפשיץ פאר זיין קראם, די רעדלעך אידן אינמיטן גאס ארייגעמווענע אין פאליטיק. מיינע אויגן זוכן דעם פעטער איסר און די גרויסע פענסטער פון ראטהויז, אבער פון דארט קוקט צו מיר אראפ א פרעמד קריסטלעך פנים. איך מאך די אויגן צו איך קען מער נישט קוקן, ס'איז מיר אלץ אזוי באנגט — אבער פרעמד... די קריסטן קוקן מיט נייגער אויף דעם פרישן פאטאושיר אין א רוסישן מונדיר, אבער וועהין פאר איך, צו וועמען, ווו זיך אפשטעלן? דער פורמאן, אזוי ווי פילנדיק מיינע געדאנקען, פירט מיך צו צי מיין געוועזענעם בעל הבית, די פור שטעלט זיך אפ, מיט א טראסקעריי און פון אלע זייטן שטראמען צו מיר מענטשן אלע באקאנטע פנימער, יעדער באטראכט מיך מיט נייגער, אבער די פנימער וואס איך זוך — באווייזן זיך נישט.

גאך דעם ווי כ'האב אראפגענומען מיין מיליטער־היטל, האבן מיך ערשט אלע דערקענט און די ערשטע מקבל־פנים־ווערטער זענען געווען: פון וואנען האסטו זיך גענומען? דו לעבסט? איך לאז זיך גיין צו מיר אין שטוב און עס דוכט מיר, אז איך הער די שטים וואס רופט מיך, מוישעלע, קום אהער... איך גיי ארומגערינגלט פון א כאפטע קינדער וואס יעדער איינער שטופט זיך צו זיין וואס נענטער צו מיר, און אט דער פארבילדונג גיי איך אין שטוב, ווו אלעס איז

געבליבן דאס זעלבע, דער זעלבער קרומער גאניקל, די זעלבע טרעפלעך, מיר איז קאנטיק דאס קול פון טיר־קלאפ... איך גיי אזוי אויין פונקט ווי כוואלט ערשט מיט א קורצע צייט צוריק אוועק, און באלד וועלן צו מיר א שטראם טון די מוזעריס ווארעמע פראגן, ווו ביכטו געווען? ווו האסטו פארברענגט א. א. ו. דער טונקעלער קארידאר האט אפגעקלונגען מיט מיינע נישט זיכערע טריט און מיט חשד אויפ־גענומען דאס באגלייטנדיקע קלאפן פון מיין שטעקעלע. דער זעלבער געדיכטער ריח פון צעשעקעטע קארטאפל פאר חזירים האט זיך אפגעשלאגן פון אונטער דער טיר. איך בין שווייגנדיק פארביי די צוויי קארידארן און מיט קעצישע אויגן געבליבן שטיין פאר דער לעצטער טיר, וואקלענדיק זיך איר גלייך צו עפנען.

ענדלעך האב איך די טיר געעפנט און מיין אויסגעלאשענער בליק האט זיך געטראפן מיט די צום טויט־דערשראקענע און דערשטוינטע בליקן פון מיינע בעלי־בתים — „פאן מויזשעס״!!! א„יעזוס מאריא״... מער האבן זיי קיין ווארט נישט געקענט אויס־רעדן. וואס נאך האבן זיי מיר געקאגט אויסדריקן...

עס האט א היפשע ווילע געדויערט ביז דער ווארגענדיקער קנויל אין האלז האט זיך מיר אויפגעפלאנטערט ארויסרעדנדיק דאס איינציקע ווארט: פאני לענדזיאגאוו! נאך א לאנגע פויזע פון שווייגן האבן די שטוביקע געגומען באשיטן מיך מיט פראגן אויף וועלכע כ'האב מעלאנכאליש געענטפערט. מיר האבן זיך געריסן אגד'ער'ע פראגן, ווו זענען מיינע עלטערן, ווו האט איר אהינגעטון מיינע שוועסטער און ברידער? מיינע ליפן האבן אבער געשוויגן. נאכן ערשטן שטראם פון פראגן, האט מען מיך צורו געלאזט. איך האב זיך באהערשט אין מוט, אין מיין וויטיק. איך האב זיך אליין געמוזט שטארקן און טרייסטן. אבער וואס טוט מען, אין איך צווישן גויים? נאך דעם גאנצן קאשמאר, נאך די אלע פראגן, ווען אלע האבן מיך צורוה געלאזט, האב איך אנגעהויבן קומען צו זיך. כ'האב קוים באוויזן אפצועסן, ווי ס'האבן אנגעהויבן שטראמען מענטשן צו מיר, אנקוקן דאס וונדער, א„איד״. יעדערער האט נייגעריק א קוק געטאן אויף מיר. געפרעגט א פראגע, אויסגעדריקט מיטגעפיל, א„גדויע אויציען, מאטקא״? די פראגן האט מיך יעדערער געפרעגט, איך האב שוין נישט קיין כח געהאט פון דעם, איך בין ארויס פון געדולד און זיך צעשריען: „איר, זאגט מיר בעסער ווו האט איר זיי אהינגעטון? איך פרעג עס ביי אייך״.

— בא, מיין ליבער, האבן זיי מיר געענטפערט, וואס ווייסן מיר, וואס האבן מיר זיי געקאנט העלפן...

און אזוי האב איך אויך אנגעהויבן טראכטן אויף ווייטער. די אורטיקע באפעלקערונג האט זיך צו מיר באצויגן מיט פיל גוטסקייט און אויך מיט גרויסן

רעספעקט פאר מיר, ווייל כ'האב געקעמפט און געווארן א אינוואליד. איך האב זיך צייטווייליק איינגעארדנט ביי מיין בעל הבית, ווו עס האט מיר קיין זאך נישט געפעלט, אויך א גרויסע הילף האט ארויסגעוויזן דער שרענסקער מיליטערישער קאמענדאנט, א רוסישער אפיציר, וועלכער האט מיך אונטערשטיצט מיט אלעס.

אין עטלעכע טעג ארום הערנדיק אז אין מלאווע געפינען זיך עטלעכע אידן, צווישן זיי אויך א שרענסקער, ראובן סאלדאנער, בין איך געפארן זיי זוכן. איך האב טאקע באגעגנט א איד וועלכער האט מיך אנגענומען פאר א קרייסט, און מיר פארגעשלאגן פארשידענע געשעפטן. דא האב איך געזען די רעשטלעך אידן, די „נישט דערברענטע". א טרויעריק בילד איז עס געווען. אין עטלעכע טאג ארום האב איך זיך באגעגנט מיט א מלאווער בחור, מיין געוועזענער מדריך, יואל ראזנבערג, וועלכער האט מיר דערציילט די טרויעריקע געשיכטע פון פארניכטן די אידן פון מלאווער געטא, בתוכם אויך די שרענסקער און פון די אומגעגנט. אויף מיין פראגע ווו זיינען אהינגעקומען אלע אידן? האב איך באקומען איין ענטפער: אוישוויץ, אלעס אוישוויץ.

ס'איז מיר נאך געלונגען זיך צו דערוויסן פרטים וועגן מיין משפחה, וועלכע זענען זייער טעטיק געווען אין געטא. מיין אנקל, איסר ניבארסקי, איז עטלעכע מאל ארויסגעטרעטן אין געטא מיט רעדעס, פול מיט דערמוטיקונג, וואס האבן א שטארקן רושם געמאכט אויף אלע. איך האב זיך אומגעקערט קיין שרענסק און אנגעהויבן קלערן וועגן א תכלית. איך האב אנגעהויבן ארבעטן דערווייל ביי יעדן וואס האט מיר צו זיך איינגעלאדן. איך האב מיר פארדינגט ביטלעכווייז און אזוי איז אנגעקומען דער 8־טער מאי, צו מיר זענען כמעט קיין שום נייעס נישט דערגאנגען, איך האב נאר געוואוסט אז דער פראנט שטייט אונטער פויזן, ביינאכט דעם 8־טן מאי האבן מיך פלוצלונג אויפגעוועקט גרויסע געוואלדן און שאסן. דער ערשטער געדאנק מיינער איז געווען אז די באוואסטע באנדעס די א. ג. א. קא. זענען באפאלן דאס שטעטל. איך בין אויף גיך ארויס אין גאס און ערשט דא האב איך געהערט די פריילעכע ידיעה, אז די מלחמה איז פארענדיק, מיר האבן פרייער אפגעאטעמט, די שמחה איז געווען עד אין לשער, און א שטיקל האפענונג איז מיר אריין אין הארץ, אפשר פארט איז ווער געבליבן?

איך האב נאכדעם גאנצע טעג אויסגעקוקט אויף עמעצן, ס'זאל זיך באווייזן. אין עטלעכע מאנאט ארום האט מיר א שרענסקער גוי געברענגט א גרוס פון מלאווע, פון יעקב אהרן אסמאן, און גלייכצייטיק האט ער אים דערציילט אז איך געפין זיך דער איינציקער איד אין שרענסק. איך האב מיינע אויערן נישט געגלויבט הערנדיק אזא איבערראשנדיקע ידיעה. דער פויער האט מיר איבער־

געגעבן אז יעקב אהרן וועט גלייך צו מיר קומען.

איך האב אים אנגעהויבן אפווארטן, יעדע מינוט איז מיר אויסגעקומען א יאר איך האב פשוט מורא געהאט פאר דער באגעגעניש. איך האב נישט געוואוסט ווי אזוי כ׳וועל אים אויפנעמען, כ׳האב זייער מורא געהאט, עס האט אויסגעזען ווי עפעס א מענטש וועלכער איז אויפגעשטאנען תחית המתים. איך בין געזעסן ביים פענסטער און געווארט. ענדלעך קומט צו לויפן א קריסט און זאגט מיר אז יעקב אהרן גייט... דאס הארץ האט מיר געקומען שטארק קלאפן, איך ד׳ערזע אים פארבייגיין ביים פענסטער... אוי משה׳לע.. זענען זיינע ערשטע ווער׳טער געווען. איך בין אים אנטקעגנגעגאנגען, מיר זענען זיך געפאלן אין די אר׳עמס. ער האט זיך שטארק צעווינט... מיר האבן זיך אייגער דעם אנדערן בארואיקט און געטרייסט. פון אים האב איך געהערט וועגן נאך איינצעלנע שרענסקער אידן וואס זענען לעבן געבליבן, 2 אידן אין שטעטל, אביסל פריילעכער אויפן האר׳צן. מיר דרייען זיך ביידע ארום ווי פארבלאנדזעטע אויף די חורבות און קבר׳ים, דער פרעזעס פון דער קהילה, מיט דער קהילה פון איין פערזאן...

---

משה גיבארסקי

## מרים צפרה מאנדרי — געזעגנט זיך מיטן יונגסטן זון

שרענסק אלס שטעטל האט זיך נישט פיל אונטערשיידעט פון פיל אנדערע פוילישע שטעטלעך. דאס לעבן איז זיך אנגעגאנגען רואיק. יעדע אידישע משפחה איז געווען פארצווייגט. אסאך קינדער כמעט אין יעדן אידישן הויז, און די מאמעס אויג האט ווארעם ארומגענומען יעדעס קינד, געזארגט, געצערטלט, געווען געגעבן ליבע פאר יעדן אייגעם. און קינדער וואקסן אונטער, ס׳ווערט ענגער אין שטוב, קינדער ארומגעכאפט פון „די דרויסנדיקע ווינטן" הייבן זיך אויף אין גייען אוועק אין דער וועלט אריין.

איינציקוויז הייבן אן די זין זיך אוועק לאזן קיין אמעריקע — לייב, עסיע, פסח. ביים טיש ווערט לייריקער, דער גרויסער שמואל, פרייטאגצונאכט ביים קידוש, זיפצט אפ און זיינע געדאנקען שוועבן ערגעץ ווייט אין אמעריקע. אהער, איינער ציט דעם צווייטן, אויך יוסף מאכט צו זיין קאמאשנמאכעריי און וואנדערט אויס קיין קובא. נאך אים — אברהם. און חנה די יונגסטע מאכטער קיין אמעריקע.

דאס הויז ווערט נאך פוסטער. געווען ביים טיש א גאנצער מנין — און יעצט בלויז די אלטע לייט מיט זייער בן־זקונים ישעיהו וואלף, פון אלע זין — אליין געבליבן. צו האבן קינדער זיך געקענט פארשטעלן דעם צער פון עלטערן, דעם חלל אין זייערע הערצער?

א מאמע ווייבט שטילערהייט אן טרערן, איר בענקשאפט איז גרויס...

ישעיהו וואלף לערנט זיך א פאך ביי יהודה גרשנען, נייען וועש, אבער אויך ישעיהו וואלף ווערט עפעס אומרואיק, עפעס נאגט אים און ציט. ער טרעט אריין אין „החלוץ" און פארלאזט דאס הויז — גייט אויף הכשרה. עס לויפן דורך עטלעכע יאר און ישעיהו וואלף ווערט „באשטעטיקט". אין דערזעלבער צייט זיינען אין שרענסק געווען 8 באשטעטיקטע עולים קיין ארץ ישראל, נח יזרעאל, דאן זייענדיק אין שרענסק האט זיך איסגעדריקט ביי דער מסיבה לכבוד די עולים:

„גאלד וואלגערט זיך ארום אין די גאסן" דאס איז טאקע געווען די גאלדענע יוגנט פון שרענסק. ישעיהו וואלף זינגט: איך פאר אוועק — קודא ניע זנאיו, אויף מיין הארצן איז באלבע וואס איר וועט בלייבן אליין...

די עולים פארלאזן שרענסק איינציקווייז, דער אויטא שטעלט זיך אפ אויף דער צווייטער בריק' מען געזעגנט זיך, מען זינגט, ולפאתי מזרח קדימה — עין לציון צופיה, עריגסטע פנימער, טרערן פינקלען ווי פערל, יעדער באמיט זיך צו האלטן. עס איז אנגעקומען ישעיהו וואלפס ריי, און אט דירט דער אויטאבוס ארויס פון מארק, פארט פאמעלעך ביז דער צווייטער בריק. מיר די יוגנט־ארגא־ניזאציעס שטעלן זיך אין שורות, מבאמיט זיך צי מונטערן דעם עולם מיט פרייר־לעכע לידער, און אט קומט אן דער מאמענט פון צעשיידן זיך. מרים צפרה שטייט א שווייגענדיקע, באטראכטנדיק איר יונגסטן און לעצטן זון וועלכער פארלאזט זי אויף אייביק און זי וועט אים שוין מער נישט זען... זי כאפט אים ארום, און הייסע מוטערלעכע קושן באדעקן זיין פנים, עס דערהערט זיך א שטילער „הקשב"! ותחזקנה! די מאמע וויינט נישט, אירע אויגן זענען טרוקן, זי באמיט זיך מיט די לעצטע כוחות צו „פאסן".

„אל יפול רוחכם, עלינים מתרוגגים"... אבער זי קען שוין נישט מער. איר הארץ ווערט איבערפולט און דער קוואל עפנט זיך. זי קען שוין מער נישט דערשן איבער זיך. אלע קינדער זענען אוועק, און יעצט דער יונגסטער און לעצטער. איך שטיי אנטקעגן און באטראכט די עלנדע מאמע. מיינע געדינקען שוועבן אוועק צי דער יידישער געשיכטע ווי חנה גיט אוועק דעם זיבעטן און לעצטן זון.

אט שטייט פאר מיר מרים צפרה (חנה) אם של שבעת בנית און גיט אוועק איר לעצטן זון פאר ארץ ישראל.

דער אויטא רירט פון ארט, דערוויטערט זיך, ווערט קלענער און קלענער, ביז ער פארשווינדט צווישן די הויכעביימער פון מלאווער שאסיי, באגלייט פון א מאמעס בענקנדיקן בליק.

---

מ. משה ניבארסקי

## אלישבע זימאן און „השומר הצעיר"

ווען דער השומר הצעיר איז געגרינדעט געווארן אין שרענסק האט די יוגנט אויפגעלעבט. מהאט דערזען אינגלעך און מיידלעך אין גריגע בלוזעס מיט קאלירטע בינדעס, זיי גייען מושטירט און אין די גאסן הערן זיך העברעאישע קאמאנדעס, אחת, שתים, שלש, ארבע... אבער נישט נאר די יוגנטלעכע אין דער שורה האבן הגאה געהאט, מארשירענדיק מיט געזאנג, „טוב לחיות, טוב לחיות, בעד ארצנו"... נאר אויך מיר קינדער נאכלויפנדיק און מקנא זייענדיק די גרויסע...

חיימושע נאאן, אדעלע ליפשיץ, חייטשע לאנדוי, יעקל האמבורגער, משה ליפשיץ, אברהם דוד נארדענבערג, דוד זימאן און פיל פיל אנדערע... האבן מארשירט מיטן הילכיקן געזאנג. דער „קן" איז געווען ביי מענדל לאנדא אין הויף, ווו אויך איך האב דאן געוווינט.

איינמאל א חול המועד פסח איז דער מלאווער „השומר" געקומען קיין שרענסק אויף א „ביקור" צום שרענסקער קן. איך געדענק נאך ווי אסתר לאנדוי האט געקאכט טעפ מיט קארטאפל אין בארשט פאר די מלאווער געסט, און אלע קינדער פון שטעטל זענען געקומען צו לויפן אויפן „פאדווערש" און מיט שטאלץ באטראכט די אידישע שומרים.

אין אווגוסט האבן די שומרים איינגעארדנט א טיול מיט שטולקאצן מארשירט איבערן שטעטל. הינטערן שטעטל אויפן מלאווער וועג האט דער מדריך אויסגעשאסן עטלעכע מאל, און באלד זענען אנגעקומען צו לויפן די שרענסקער פאליציאנטן, אפגעשטעלט די שורה און אויסגעפארשט דעם ענין. געפינענדיק אז דער מדריך האט געהאט א דערלויבעניש צו טראגן געווער האט ער סאלוטירט פאר זיי און איז אוועק. די שורה גלייכט זיך אויס, הקשיבו — קדימה מורש! מיר קליינווארג נישט קענענדיק אנהאלטן טריט, פארלויפן דעם וועג, לויפן פאראויס.

און וואַרטן ביז די מושטירטע קומען אָן. די שורה גייט אַריין אין געסל ביי דער תּפילה, אַראָפּ צום שלאָס צו, ווי ס׳איז געווען אַ גרעסערער טלאַץ אין פּראַנט פון מענדל זימאַנס הויז. די שומרים שטייען און זינגען העברעאישע לידער, אַ פייערלעכקייט איז אויסגעגאָסן אויף אַלעמענס פּנימער.

יעדער פון אונז געדענקט דאָך די הייליקייט פון שבתדיקע ליכט געצונדן אין די זילבערנע לייכטערס, אלישבע זימאַן שטייט אויפן גאַנעק און קוקט זיך צו צו די ״קינדער״ אין אַ שבת׳דיקייט איז אויסגעגאָסן אויף איר פּנים, זי פילט אין דעם געזאַנג ווי עפּעס גרויס און וויכטיקס וועט געשען...

זי זעט די צוקונפט פון יידישן פאָלק און פילט ווי אַט די אינגלעך און מיידלעך וועלן אויפבויען דאָס יידישע לאַנד. אירע ליפּן באַוועגן זיך ווי אין אַ תּפילה, אָבער באַלד גיט זי זיך אַ כאַפּ אויף פון איר זיסן חלום, לויפט אַריין אין שטוב און קומט אַרויס אויפן גאַנעק מיט די שבת׳דיקע לייכטערס, שטעלט זיי אַוועק אויפן פענסטער, זי פאַרשטעלט זיך די אויגן מאַכט אַ ברכה און צינדט אָן די ליכט.

עס דערהערט זיך אַ הויכע קאָמאַנדע, הקשב! ימינה פנה! די שורה שטייט אין אַטעמער שטילקייט און אַנטקעגן זיי שטייט אלישבע מיט ציטערנדיקע הענט אַ שיינענדיקע און פרעגט זיך שטומערהייט: דאָס גיט מען מיר אַזאַ גרויסן כּבוד?...

הייסע טרערן קייקלען זיך אַראָפּ אויף איר צעקנייטשטן פּנים, זי זאָגט עפּעס אַ תּפילה און בענטשט די יידישע יוגנטלייט. אַ שטיל פרילינג־ווינטל טראָגט זיך פון די שטולקאַצן וועלכע קנאַקן לוסטיק, און אַנטקעגן אויפן גאַנעק ברענען מאַיעסטעטיש 2 שבת׳דיקע ליכט און די קליינע שטילע פלעמעלעך זאָגן אָן וועגן אַ שענערע צוקונפט, אַ בעסערע און ליכטיקערע, וועגן דעם אַז עס וועט קומען אַ צייט ווען שבת, הייליקייט וועט הערשן אויף דער וועלט...

---

צבי ליב נח
נוי־יורק

## פינקען ניצוצות

## זכרונות פון די קינדער־יאָרן

וועלוועל דער שוסטער, אָדער וועלוועל דער מלאך

דעם פאַמיליען נאָמען האָבען מיר, קינדער, נישט געוווסט, אין שטעטל

איז ער געוועזן באקאנט מיטן נאמען וועלוועל דער מלאך, אויסער זיין פראפעסיע שוסטעריי, האט ער געהאט אן אויוון, ווו שרעקער משפחות פלעגן שטעלן טשאלנט אויף שבת, אויף פסח פלעגט מען בי אים באקן מצות, א גאנצע וואך האט ער אויסגעגאסן זיין תפלה פאר גאט אין בית המדרש. שבת — אין דער שוהל, ווי ער האט געהאט זיין אפגעזונדערטן ווינקל, ביים דאווענען פלעגט ער אריינקומען אין אזא התלהבות, אין אזא עקסטאז, אז ער האט אזש געקלאפט מיטן פויסט דעם שטערן, און ביי „קדושה" פלעגט אים דאס פנים אויף לייכטען, און אונטערשפרינגען קדוש, קדוש. מיר קליינע זשוליקעס פלעגן חוזקן און געבען א געשריי מלאך — און אנטלויפן.

משה שלמה דער משוגענער

משה שלמה מיט די לאנגע גראער בארד, א רוהיגער, פלעגט קיינעם נישט טשעפען און מיר קינדער האבען אים אויך געלאזט צו רוה. אין בית המדרש אונטערן אויוון פלעגט ער פירען געשפרעכן מיט זיך אליין, און שטענדיק דערמאנען איינעם מיטן נאמען אהרן (א לעגענדארישע פיגור). ליכטלעך האט דער שמש אין בית המדרש געמוזט פערשליסן, ווייל ער האט ליב געהאט צו אינדען ליכטלעך און זאגען „אהרן".

שבת פארנאכט

דאס שטעטל איז פול מיט שפאצירענדע. דער ראדזאנאווער וועג איז שווארץ פון מענטשן, בחורים און מיידלעך. אויף די טרעפלעך פאר דיא הייזלעך זיצען פרומע פרויען אין ליינען „צאנה וראנה", און מיר קליינוואַרג ד. ה. די קליינע אינגלעך, פלעגן גיין ווייט ביז צום הויז פון דער משוגענע דאראצינסקי מיטן גרויסן קאפעלוש, און זיך רייצען מיט איר.

בינעם ווראסקי הי"ד

שבת בייטאג, אין מארק איז שטיל און רואיק, אלץ איז מקיים „שינה בשבת תענוג". און פלוצלונג ווערט געשטערט די שטילקייט, דיא יוגנט גייט, ווו אהין? אין דער ביבלאטעק, וואס געפינט זיך אין קרוקס הויז. בינם ווראסקי וועט פארלעזען פרצן אדער מענדעלע מוכר ספרים. דער זאל איז פול געפאקט, אין א ווינקעל ביים פענסטער, שטעהט א טישעל, בים טישעל לעזט פאר דער גלענצנדער רעדנער בינעם.

דער פארזיצער נתן דאבראשקלאנקא גיט דאס ווארט בינעמען, אין זאל

הערשט א שטילקייט, דאס זשומיען פון א פליג דערהערט מען, פערל שיטן זיך פון זיין מויל, דער עולם איז בעצויבערט, ביבעם ענדיקט, אלץ כאפט זיך אויף, און באשענקט אים מיט לאנגע דויערנדיקע אפלאדיסמענטען, ער איז געווען דער ליבלינג פון דער יוגנט.

שבת, און די מאמע ז״ל

מיין פאטער ז״ל האט געדאוונט אין בית המדרש, וווּ ס׳האבן זיך גרופירט די אויבערשטע־לייט. מיין פאטער ז״ל, פלעגט זיך פעריזיכערן מיט א ארימאן צום עסן, און דאך פלעגט ער זיין דער לעצטער ביים פערלאזן דאס בית המדרש, און מיטנעמען נאך א ארימאן אויב ס׳איז ווער געבליבן.

יעדן פרייטיק די זעלבע פראגע, מיין גוטע מאמע פרעגט מיין פאטער, ישראל! וויפל אנגרייטען? דער ענטפער איז געווען — וואס מער!

יעדן שבת גייענדיק אהיים מיט אורחים, פלעג איך — אלס קינד, אריינקומענדיק אין שטוב אנקוקען מיין ליבע מוטער, כ׳האב געפרווט אראפליינען פון איר פנים, צו מ׳האט גענוג אנגעגרייט עסן, מען האט זיך געטיילט. זיצענדיק שבת אין דער פריה ביים עסן, באווייזט זיך משה שלמה, ער קומט צו ר׳ ישראל׳ן מאכען קידוש.

---

יוסף רימון (גורבט)

# גאטיצן
## א ביגטל פאקטן

1914 דער אויסברוך פון די ערשטע וועלט מלחמה

באלד נאכן אויסברוך פון דער מלחמה, ווערן ארעסטירט 2 אידישע בירגער, שמשון קריק און לייב שמוקלער. זיי ווערן אוועק געפירט נאך ראדזאנאוו. נאך גרויס מי ווערן זיי באפרייט. ווי מען האט איבערגעגעבן זענען זיי ארעסטירט געווארען צוליב די אונטערהעצונגען פון די פאליאקען. מען האט געזען ווי דער הונט בלאזט. די אידישע באפעלקערונג הויבט אן לעבן אין שרעק.

הענגען דער שפיליטער (בראנשטיין)

הענגען א זיידענער יונגערמאנטשיק, א יודע ספר, באליבט ביי אלעפארט

נאך פלאנסק צו ברענגען סחורה. אויפ׳ן וועג ווערט ער דערמארדעט, און ס׳איז געבליבן א סוד דורך וועמען ; דאס שטעטל האט אויפגעציטערט.

דער שווארצער דאנגערשטיק

שוין דריי טעג ווי דאס רומישע מיליטער שטראמט אן אויפהער, די אידישע הערצער קלאפן, בסדרדיקע געשרייען פון ראבירמזע אידן טראגן זיך אין דער לופט. עס פארשפרייט זיך א קלאנג, אז דאנערשטיק וועלן ווערן ראבירט די אידישע געשעפטן. די לופט שמעקט מיט פאגראם־שטימונג, די געשעפטן ווערן נישט געפענט, די אידישע באפעלקערונג באהאלט זיך, איבערהויפט די פרויען. אין מארק, ווו עס קאנצענטרירט זיך כמעט דאס גאנצע אידישע לעבן, זעט מען נישט קיין אידיש נפש. אידן האבן נישט צווישן זיך קיין קאנטאקט, יעדע גרופע אידן געפינט איר באהעלטעניש, אונזער גרופע פון אונזערע הייזער, האבן צווי באהעלטענישן, אין דער מקוה און אונטערן בית המדרש, ביים וואסער. וואלף ניבארסקי הי״ד, הויבט אן צי זאגן אויפן קול תהלים אשרי האיש... די מענטשן שטילן אים איין.

די רוסישע קאמענדע גאשליסט ארויס צוציען דאס מיליטער פון שטעטל, און ס׳לעבן ווערט נארמאל.

זער סך הכל ; צעראבירטע אידישע געשעפטן.

רבקה רויזנבוים הי״ד זאגט גם זו לטובה

די רוסן פארלאזן דאס שטעטל, און פלוצלונג דערהערט זיך שווארקע קלעפ, די פענסטער און די הייזער ציטערן אזש. ס׳פארשפרייט זיך א קלאנג, אז צווי וועגט פון ראזענבוים׳ס הויז זענען איינגעפאלן, ביים אויפרייסן די בריק פון שלאס. מיר לויפען צום הויז פון רבקה ראזענבוים, זייער א רעליגיעזע פרוי, שטייט אין א ווינקל און זאגט, ד. ה. זי איז מתפלל, מיר ווארטען ביז זי ענדיקט. דאן זאגט זי מיט א שמייכל ; קינדער „גם זו לטובה״.

די ערשטע ציוניסטישע פייערונג אין כ׳ תמוז

אין יאר 1915 ווערט געפייערט די ערשטע כ׳ תמוז פייערונג אין דער וואינונג פון פנחס ליפשיץ. עס רעט חבר דאבראשקלאנקא. מיר בית המדרש בחורים שטייען פארקלערט — נייע ווערטער, נייע געדאנקען. דער בעל בית פנחס ליפשיץ הי״ד טיילט כבוד, מיטן געזאנג פון „התקוה״ ווערט די פארזאמלונג געשלאסן.

דעם חזן־שוחט חיים ברוך ז״ל פריִערט די שטאָדט

אין שטעטל קאָכט זיך, ס׳שאַפט זיך א מועצה (א ראַט) מיטן פרעזעס ר׳ מענדעל קרוק ז״ל בראש, מיטן צוועק מעביר צו זיין פון שחיטה דעם חזן־שוחט חיים ברוך ז״ל. נאָכן אויסהערען דיא עדות, באשליסט דיא מועצה צו באַזייטיקן פון שרעֶנסק דעם חזן־שוחט. ווען ר׳ חיים ברוך ז״ל באקומט אלס פארגיטיקונג א גרויסע סומע, ווערט מען געוואָר, אז ער האָט אנגענומען די שטעלע פון חזן־שוחט אין אגרעסערע שטאָדט, אין פראסניש. די גוטע פריינד זיינע לאַכן, און די קעגנערס גייען ארום מיט אראפגעלאזטע נעז.

די פייערונג פון א יום הולדת ווערט אין שרענסק א מנהג

אין שטעטל באווייזן זיך איינלאדונגען פון משפחת דאבראשקלאנקא, דעם ראש הקהלה, אנטייל צו נעמען אין די יום־הולדת־פייערונג פון זייער 4 יעריקן זון מנחם. אין שטעטל פרעגט מען, „מה לשמחה זו עושה״?. אין אוונט פארזאמלען זיך ידידים, באקאנטע, דעם חתן היובל באזעצט מען אויף א הויך בענקל, און דער פאטער גיט אפ א באריכט פון דער שפראך־אנטוויקלונג ביים קליינעם יאט. פון דעם דאטום אן האבן אלע נייע פארמעלקער איינגעארדנט א יום הולדת פייערונג. (דער פאטער און זיין זון געפינען זיך אין לאנד).

עקסצעסן בוער־אנפין — אין א קליינעם פארם

אין יאר 1920, זענען אידישע דורכגייערס באפאלען געווארען דורך קריסטלעכע שקצים. דער הויפט פונקט פון די קריסטלעכע לאבוסעס איז אין מארק, ווו זיי פלעגן באוואַרפן יעדען איד מיט גרויסע שטיינער, בדרך נס איז נישט געוועזן קיין קרבנות, דאס איז פארגעקומען אין דער זעלבסשטענדיקער מדינת פוילן, אין די אויגען פון דער פאליציי.

ס׳ווילט זיך דערמאנען דעם פאקט, ווייל אין יענער צייט זענען ביי דער פאמיליע רייכבאט פארזאמלט געווען עטלעכע בחורים און מיידלעך, צו בעגריסן די טאכטער דבורה. הערנדיק די געשרייען פון די באפאלענע האבן די פארזאמעלטע זיך פונאנדערגעגאנגען, יונה קרוק און דער שרייבער פון די שורות זענען דורכגעגאנגען צווישן די לאבוטעס, און קיינער האט זיך נישט געוואגט צו ווארפן א שטיין, אין וועמענס זכות איז א פראגע?. די עקסצעסן אין שרענסק זענען באשריבען געווען אין דער לאנדענער פרעסע.

מען קען אין קליינע פאקטן אפט געפינען שטיקער היסטאריע, און ס׳איז כדאי צו באמערקען, אז אידען זענען פארפאלגט געווארן ביי יעדן רעושים.

אברהם קירשנבוים

# שרענסק, אירע מענטשן און זייער ספעציפישקייט

עס איז א באוווסטער כלל אז יעדעס לאנד לייגט ארויף דעם חותם אויף זיינע מענטשן מיט זייער אויסערלעכקייט און אויסזען, אט די אנדערשקייט לייגט זיך ווי א חותם, נישט נאר אויף די איינגעבארענע אין לאנד, נאר אויך אויף די צוגערייזטע.

איך וויל דא צוגעבן, אז נישט בלויז לענדער ווירקן אויפן מענטשן פאר זייער אנדערשקייט, נאר אפילו שטעט און שטעטלעך שטעמפלען אפ אויף זייערע איינוווינער אן אייגענארטיקן כאראקטער, און מערקווירדיק איז אז דער אידישער פאלקלאר האט געשאפן א צונאמען פאר יעדן שטעטל פאר זייער אנדערשקייט און כאראקטער. איך וועל דא דערמאנען וואס פארשידענע שטעטלעך האבן געהאט, אויף וויפיל מיין זכרון וועט מיר דינען, צ.ב.ש. פליאדערס, קורפיעס, קריכער, דענקערס, איך וויל דא באשרייבן אונזער שטעטל שרענסק, וואס איז אזוי טראגיש אפגעמעקט געווארן מיט זיינע אידישע איינוווינער צוזאמען מיטן (כמעט) גאנצן אייראפעאישן אידענטום. אונזער שטעטל איז געווען באצייכענט אלס א שטעטל פון „עלויים" איך וועל זיך באמיען אין דעם ארטיקעל צו באווייזן אז שרענסק האט פארדינט דעם נאמען.

דאס שטעטעלע שרענסק, האט פארמאגט די אלע אינסטיטוציעס ווי אלע פוילישע שטעטלעך, ווי א שטייגער: א שוהל, א בית המדרש, א מקוה, מ'וואלט אפשר געקענט האבן א קלארער בילד, ווען מיר וואלטן געהאט אין באזיץ דעם פנקס, וואס פלעגט ליגן אין שוהל, און אין וועלכן עס זיינען געווען פארשריבן די נעמען פון די פארשטארבענע פון פיל דורות. איך צווייפל אבער צו דער פנקס איז אין ווער עמעס באזיץ, ער איז געוויס פארניכטעט געווארן צוזאמען מיטן אידישן האב אין גוטס, מיט דעם גאנצן כלי קדש און אלע קדושים אין דער שרעקלעכער קאטאסטראפע בימי חורבן הנאצים ימח שמם.

איך וועל אבער פרובירן אין דער ארטיקל צוזאמענעמען די שטיקלעך און ברעקלעך פון דעם, וואס כ'האב געפונען באשריבן אין ספרים, פון דעם וואס כ'האב געהערט פון עלטערע מענטשן, און פון דעם וואס איך געדענק אליין אלס קינד, פון דעם אלעמען וועל איך זיך באמיהען צו געבן אן אלגעמיין בילד פון אונזער שטעטל שרענסק, און דאס וועט אויך באלויכטן, ווי אזוי און פאר וואס, אונזער שטעטל האט געקראגן דעם צונאמען „שרענסקער עלויים".

איך וויל דא באשטעטיקן א באוואוסטן פאקט אז אלע רבנים, וואס אונזער שטעטיל האט געהאט די זכיה, אז זיי זאלן פארנעמען דעם אמט פון כסא הרבנות, ביז אונזער לעצטן רב, מורנו הרב ר׳ שרגא פייוויל ליכטיג זצ״ל, זיינען אלע געווען באוואוסטע לומדים, גדולי תורה והוראה, צווישן וועלכע איינער איז געווען דער גרויסער גאון ר׳ יהושע׳לע קוטנער, און דאס איז שוין א באווייז, אז די שרענסקער זיינען געווען גרויסע מבינים אויף לומדות, און טאקע אויך למדנים. זיי האבן געקליבן א רב, ער זאל זיין ראוי צו זיין זייער רבי ומורה.

איך וויל דא איבערגעבן די ביאגראפיע, ווי זי איז באשריבן אין ספרים, פון ר׳ זעליג שרענסקער, מחבר פונם ספר „בצוצי זהר״ א גרויסער בעל מקובל, א צדיק א חסיד, פון די ערשטע צדיקים ובעלי מופת פון זיין צייט ווען דאס חסידות האט זיך אנגעפאנגען צו אנטוויקלען. ר׳ זעליג שרענסקער זאל זיך האבן אויסגעדריקט: „זאל מיר בייסטיין דער זכות, וואס איך האב זוכה געווען צו זיצן אינם שאטן פון די הייליקע זעכציק צדיקים אין מיין דור, און הנאה האבן פון זייער רוח התורה״. צווישן זיי ווערט דערמאנט ר׳ ברוך מעזשבושער, דער חוזה פון לובלין, דער איד הקדוש, דער פשיסחער רבי. דער קאזשניצער מגיד, הקדוש ר׳ שמואל מקרוב, ר׳ דוד׳ל לעלעווער, און אנדערע.

עס דערציילט זיינ׳ס אן אייניקעל, יעקב חיים זעליג פון ליבארנע, אז ר׳ זעליג שרענסקער איז געווען א תלמיד מובהק פון ר׳ דוד׳ל לעלעווער און ר׳ שמואל מקרוב. און נאך דער פטירה פון ר׳ שמואל מקרוב, האבן די חסידים זיך פארזאמלט ארום ר׳ זעליג שרענסקער און געוואלט אים מאכן פאר זייער רבי און פירער, ער האט זיך אבער פון דעם אפגעזאגט צוליב זיין גרויס ענוות, און ער איז אוועק צום רבין ר׳ בינם פון פשיסחא.

ר׳ זעליג שרענסקער איז געווען אן אייניקל פונם גרויסן גאון ר׳ יחיאל מיכל פון נעמיראוו זצ״ל, וועלכער איז געהרגעט געווארן אויף קדוש השם אין יאר ת״ח. אויך האט ר׳ זעליג זיך געיחוסט מיט׳ן חדושי הרי״ם זצ״ל. דער טאג פון זיין פטירה ווערט פארצייכנט ז׳ שבט, וועלכעס יאר ווערט נישט דערמאנט.

איך וויל איצטער איבער גיין צו א נענטערע צייט, וואס פיל פון אונז געדענקען און באשרייבן די חשובע משפחה גראבארט, פון וועלכע עס זיינען ארויסגעקומען גרויסע רבנים, פראפעסארען, דאקטוירים און זיי זיינען באוווסט פאר שארפע קעפ. אין דער גראבארט־משפחה זיינען געווען פיל וואס האבן געהאט דעם נאמען „זעליג״ די גראבארט משפחה שטאמט ארויס פון ר׳ זעליג שרענסקער, מיט די עלטערע מענטשן וואס איך האב גערעדט, געדענקען זיי בלויז ר׳ בנימין קאלעקטאר, האט געהאט פינף זין און צוויי טעכטער, איין טאכטער

איז געווען אונזער ר' שלום חזנ'ס ווייב, ער איז געווען אין אונזער שטעטל חזן־שוחט, און דער צונאמען איז געווען ליפ. ער איז געשטארבן אין זייגע בליענדע יארען.

ר' בנימין קאלעקטארס פינף זין זייגען אלע געווען גדולים אין גאנצען אין דער וועלט. איינער איז געווען בענדינער רב, איינער סטאשעווער רב, אייגער איז געווארן פראפעסאר אין ווין און זיך גערופען דוד גרעי, און דער אינגסטער איז דאך, אונזער אלעמענס באקאנטער, ר' מענדל גראבארד, וועלכער האט דעם גרעסטן טייל פון זיין לעבען געוווינט אין שרענסק, גאכהער אין פלאצק, און ג'ים ענדע געווען רב אין אמעריקע.

ר' מענדל גראבארט איז געווען א משולח פון ישיבת „חיי עולם" אין ירושלים, ער איז געווען א גרויסער למדן און אן אויסגעצייכנטער דרשן, אין שרענסק האט ער אבער נישט געוואלט דרשנען. איך געדענק ווען איך בין נאך געווען כמעט א קינד — מיר האבן געוווינט אין שכנות מיט דער משפחה גראבארט, א טיר קעגן א טיר, געדענק איך ווי איינמאל האט מען געפועלט ביי ר' מענדל גראבארט אין ער האט צגעזאגט צו דרשנען א געוויסן זומערדיקן שבת אין דער שוהל. דאס שטעטל איז ממש געווארן געווארן ווי פון א שטורעם. דאס גאנצע שטעטל האט זיך דעם שבת פארזאמלט אין שוהל, מענער און פרויען, קינד און קייט, און פאר אן ערך פיר שעה צייט איז יעדער געשטאנען ווי צוגעשמידט צו זיין פלאץ און קיין ריר זיך נישט געגעבן דורך דער גאנצער צייט פון זיין דרשה. איך בין נאך גאר יונג געווען און כאטש איך האב שוין דאן געהייסן א גמרא־בחור, ווייל איך האב שוין דאן געלערנט גמרא, ווייל איך אבער זיך נישט איינגרעדן, אז איך האב עפעס פארשטאנען פון זיין דרוש. עס האט זיך אבער איינגעקריצט אין מיין זכרון דער רושם וואס זיין דרשה האט געמאכט אויף אלעמען און יעדער האט געשלונגען זיינע ווערטער מיט א פארכאפטן אטעם.

עס איז אמת אז לומדים זייגען צווישן אידן אין פוילען נישט געווען קיין יקר המציאות, איך וויל אבער דא באשטעטיקן א פאקט, אז דער פראצענט פון לערנער, די צאל לומדים אין פארגלייך מיט די פראסטע אידן, זענען אין שרענסק געווען פיעל גרעסער אין ערך פון אנדערע שטעטלעך אין פוילן. לאמיר אויסרעכענען די למדנים פון אונזער דור, אויפן ערשטען פלאץ געוועגליך איז דאך אונזער רב, הרב שרגא פייוויל ליכטיג, א מלא וגדוש, וועלכער איז אומגעקומען דורך די נאצים, ימח שמם, ר' מאטיל דיין, א גרויסער למדן ובקי, ר' משה דוד שוחט, ר' משה גראנאט, ר' ברוך קורן, ר' לייבל הויזמאן, ר' מנדל סארנאווער מיין זיידע, ביידע הירשל הילערס, ר' יעקב משה סאלדאנער, זענען געווען תלמידי־חכמים־

למדנים, ר׳ אברהם טאאב, ר׳ מענדל קרוק, ר׳ מענדל זימאן, ר׳ מענדל שאפיראָ, וואָלף ניבאַרסקי, משה ליב עבערט, אברהם מאיר רייכגאָט, חיים קאַמיאָנער, משה הירש גרינבוים, הערצקע גראָנאָט, וואָלף קאַראָלציק, מיין פאָטער מיכל, יואל ליב טאָטקי, ברוך שער, יוסף ליב פעפער, אברהם קאָהן. איך דענק אז איך לאָז אַדורך פיעל וואָס איך געדענק נישט זייערע נעמען. בייטאָג האָבן דאָס בית המדרש פאַרנומען די גבית המדרש־בחורים און עוסק געווען אין תורה, ווי אליעזר דעם רב׳ס לייזער ביעלאָבסקי, שלמה זלמן בארענשטיין, ברוך ליפשיץ, יעקל ליס, הירש־ליב באַגיסלאַבסקי, דוד טאאב, פרץ שלמה אביגדורס, יחיאל קרוק, שלמה אסמאַן, פנחס ליפשיץ וועגן א זעלכע חדרים פון דרדקי, ווי מרדכי ליפאָ׳ס חדר פאַר אנפאַנגער, נחמי׳ס חדר און מענדעלע ווייגמאַכערס פאַר חומש און רש״י, האָבן אין ערגעץ נישט אויסגעפעלט, אָבער ניבאַרסקי׳ס חדר, לייבעל הויזמאַנס חדר, און מיין זיידנס חדר, ווו מהאָט געלערנט מיט די קינדער גמרא מיט תוספות, האָבן שוין געטראָגן דעם כאַראַקטער פון ישיבות, און אָט פון די חדרים זיינען טאַקע אַרויס געקומען די בית המדרש־בחורים. וויל איך טאַקע אויסרעכענען די אונטערגעוואַקסענע בחורים, ווי למשל, מנחם מענדל ליכטיג, שמואל ראָזענבוים, אברהם משה ביעלאָבסקי, שלמה און י. מאיר גרינבוים, יוסף שפּיראָ, עקיבא קאָרן, יצחק עבערט, אונזער בית המדרש איז חלילה נישט געשטאַנען ליידיק. אַז אונזער שטעטל שרענסק האָט געשמט פאַר א מקום תורה קען באַווייזן דער פאַקט, אַז פון שטעטל זיינען אַוועק געפאָרן אין דער פּרעמדער לערנען אין אזא צאָל, וואָס קיין שום שטעטל אין דערזעלבער גרויס קען זיך צו איר נישט גלייכן ; שמואל זיינוויל רחל בינע׳ס אין רוסישע ישיבות, נתן דאַב־רעשקלאַנקע, נאָך האָרושיל, גדלי׳ ניבאַרסקי, נאָך ראַדזימין, יוסף גראָנאָט, נאָך מאַקאָווע, יוסף מרדכי זימאן, און דער שרייבער פון דעם אַרטיקל, נאָך גור, יחיאל גרינבערג נאָך שעדליץ, און אַנדערע זיינען אַוועק לערנען למודי חול, ווי נחמן קאָרן, נחום ויראַטקי, הירש ליב נאָן, אברהם קרוק, און דער דראַנג צווישן מיידלעך בכלל צו בילדונג און העברעאיש בפרט איז אין שרענסק געווען פּראָפּאָרציאָנעל אויף דער העכסטער מדרגה, זענען געווען פון די ערשטע צו דער תחיה, צו דער אויפלעבונג. אויפן ערשטן פּלאַץ שטיין געוויס די דריי מלומדות רעלה דאַבראַש־קלאַנקע ע״ה, צירלה קאָרן, לאה רייכגאָט, און פון א איינגערע גענעראַציע, איטה קאָראָלציק, חנה פיגה פריידענבערג, זיסא שפּיראָ, דבורה רייכגאָט, מניה בורנשטיין, און ווייטער, העניע גרינבוים, שרה קאַראָלטשיק, איטה מאַנדרע, מרים ליכטיג, פועה קאָראָלטשיק, רחל פריידנבערג, צביה פעפער, צפורה פעפער, א. א. וו.

לאָמיר טאַקע האַלטן הייליק דעם אָנדענק פון אונזער שטעטל שרענסק.

# פרק רביעי

## א

## ד מ ו י ו ת

## ב

## אודים מוצלים מאש

## ג

## ארבעה גבורים משרגסק

# דודי ר׳ משה גרנט ז״ל

## מאת המשורר י. צ. רמון

אבי אבא, ר׳ יוסף צבי גרנט זצ״ל מביז׳ון, פלך פלוצק, בפולניה, היה מחסידי ר׳ ישראל מריזין זצ״ל, מהמקורבים אליו ביותר, והיה נחשב לאיש קדוש, וכמה דברים מסופרים עליו, שמעמידים אותו המדרגת צדיקים, שנחשבים לבעלי רוח הקודש.

לאבי זקני זה היו ארבעה בנים ושתי בנות. הבן הבכור היה ר׳ יוחמיאל ז״ל איש אדוק בדתו, שאחרי מותו שמו אנשים „פתקאות" על קברו. והאח השני ר׳ משה גרנט ז״ל, היה עליו שפוך חן טוב של בן תורה ובעל מדות תרומיות. האח השלישי היה ר׳ שלמה ליב ז״ל, שומר מצוה, אשר שם בטחונו תמיד בה׳. והאח הרביעי היה אבי מורי ר׳ אפרים אליעזר ז״ל, שנולד להוריו לעת זקנותם, בהיות אמו, הסבתא שלי, מרת חנה חי׳ ע״ה, בת חמשים ושלוש שנה, והיה הדבר לפלא.

בן שמונה שנה היה אבא, כשמת עליו אביו ר׳ יוסף צבי גרנט זצ״ל. באותה שנה אמר עליו, שיהיה אור בעולם. הסופר אליעזר שטינמן פרסם „ספר המעלות" בו הכניס דברים של גדולי ישראל בענין צואות וכדומה, והכניס שם כמה מאמרים של אבא מספרו „נחלת אפרים".

אבא היה מספר לי עוד בילדותי, על אחיו ר׳ משה גרנט, כי הוא אוהב אותו, ויצא לפי דברו, שהם אוהבים זה את זה. כשאני לעצמי, סיפרה לי אמי ז״ל, כשהייתי ילד, בחן אותי דודי ר׳משה גרנט זה בלמודי, ושבח אותי.

בבחרותי למדתי בישיבת לידא. הייתי כמובן מקבל מכתבים מאבא, והנה פעם אני מקבל גלויה מאת דודי ר׳ משה גרנט זה, הכותב לי שאזהר מן הספרות האפיקורסית, כי על ידה בא טמטום המוח. הדבר היה לפלא בעיני. מהיכן נודע לו, שאני בלידא.

אחרי חתונתי, גרתי בורשה זמן מה. פעם אחת בעברי את הרחוב פגש אותי דודי ר׳ משה גרנט. הוא היה גבה־קומה והחן הטוב שפוך תמיד על פניו. דודי שמח בי, ותקע רובל של כסף לתוך ידי. הוא הגיע לורשה בעניני מסחר במגמה לתקן את כל מהותי, לקח אותי אל בית־מלונו, שם היה חם. אולי היה זה עוד בתחלת הסתיו. במלון היו אותה שעה מספר כמה אנשים ושוחחו ביניהם.

שהיתי במלון כשעה. הרגשתי היותה כאלו טעמתי טעם גן עדן. אח״כ הלכתי לי.

לדודי ר׳ משה גרבט, יש בן בארץ ושמו כשמי, כי נקראנו על שם אותו סבא — הצדיק ר׳ יוסף צבי גרבט, והוא אוד מוצל מאש. כי הוא הקדים לבוא לארץ, ועי״ב הציל עצמו משיני הנאצים. מאוחר ואומרים להוציא ספר־זכרון לשרנסק, היינו לאותם יהודים יקרים שנשמדו ע״י הנאצים, בקש אותי לכתוב מאמר על אביו ר׳ משה גרבט. אני ממלא רצונו בזה, שהוא גם רצוני, מפני יקר־רוחו של דודי זה.

זקני ר׳ יוסף צבי גרבט, היה מהדינסטיה של ריזין והיה מכונה בעיר ביזון בשם ר׳ יוסף דייק. הוא היה מבלה אצל ר׳ ישראל מריזין שבועות וגם חדשים. כשחזר לביתו היה אותו יום חג אצל חסידי העיר.

דודי ר׳ משה גרבט, היה ילד בן שמונה שנים, כשבא פעם זקני ר׳ יוסף גרבט מריזין, נכנס אליו בשעת־הכושר, ושאל אותו מה יעשה עתה בלמודו, כיון שהיה נחשב לחריף, ולא היה מלמד ראוי לו בעיר. הסבא צייד אותו במכתב אל הר״ב מדובזין ע״נ דורבנץ הרב טשכנובר, בו בקש אותו שהוא ילמד אתו וגם ידאג לו. הרב טשכנוב היה אחר כך רב בזורומין, וידע פרק בקבלה ושמו יצא לחסיד גדול ועניו. בימיו היו למדנים מופלגים בבית־המדרש דהתם.

בהיות דודי ר׳ משה גרבט בן עשר, שאל את הסבא אביו, אם הוא יכול לנסוע אל חדושי־הרי״ם. חדושי הרי״ם היה בידוע תורני מופלג והיה מחדש חדושים במלפולי דאורייתא באופן המיוחד לו, כנראה, נמשך לב דודי אליו, כי שמע אודותיו מפי רבו, ואולי גלה לפניו מחדושי תורתו. הילד בן העשר חושש היה משום כבוד הורים, כי איך יוכל הוא לנסוע אל אדמו״ר בשעה שאביו טרם נסע אליו. הסבא ענה לו, שהוא עדיין צעיר, ועליו לשבת וללמוד גם אם אמנם חדושי־הרי״ם מושך אליו את כל בעלי הכשרונות היפים. אבל מוטב שהוא ישב וילמוד ואחרי כן יסע לגור אצל חדושי־הרי״ם.

בהיות דודי בן 13 שנה, נשא אשה משרנסק, אכל על שולחן חותנו ולמד תורה. כשהיה צריך לעמול בעצמו לפרנסתו, לא היה יכול לנסוע אל חדושי־הרי״ם, כי הדבר היה כרוך בהוצאות רבות. אם כי כל ימיו היה נוהג לנסוע לגור, נסע באותו זמן אל הצדיק ר׳ אברהם מטשכנוב זצ״ל, ובמשך הזמן היה נמנה על ידידו של הצדיק הזה. פעם ביום ה׳ בשבוע, בהיות בשרנסק יום־שוק, בא אל דודי „פריץ" זקן, מהשכבה הנמוכה של ה„פריצים" בפולין, והעלה זכרונות מהעת ששניהם נפגשו אצל הצדיק מטשכנוב. כנראה, היו רגילים לבוא אל הצדיק מטשכנוב יהודים וגם לא יהודים.

בימי הצאר ברוסיה, עד ימי המלחמה העולמית הראשונה, היה דודי יושב

ראש של הקהלה היהודית בשרנסק. הקהלה היהודית היתה אז מוגבלת בזכויותיה ועליה היה לממן הוצאות עבור „כלי הקודש" שלה, כמו הרב, השוחט והשמש ולקיים מוסדות־דתיים.

בן דודי מספר שבהיותו ילד הקשיב לשיחה שהתקיימה בין אבי לבין מזכיר הקהלה ר' אברהם כהן ז"ל. בשיחה זו נמסר כי מתו־עמית בעיר על ההוספה שנתנו לרב על שכרו. דודי הניח את דעת המזכיר, באמרו, כי אי אפשר לדכא את חיי הרב ויש לזאוג גם מבחינת מה יאמרו הבריות, כי אצל הממשלה ידועים כבר סדרי החיים של היהודים.

כאמור, היה דודי נוסע כל ימיו לגור. על אותו הזמן מוסר בן דודי על מאורע כזה: פעם היה משחק עם ילדים ברחבה של עיר שרנסק. פתאום ראה מרכבה, וממנה ירדו שני רבנים ושאלו למקום מגוריו של ר' משה גרנט. הילדים התחילו לקרוא לבן דודי: „יוסל! יוסל! הרבנים שואלים למעון אביך". שתי שעות בילו הרבנים עם דודי בחדר מיוחד, אחרי כן עזבו את שרנסק. לשאלת בן דודי, מה היה רצון הרבנים, ענה לו דודי, כי בהיותו בגור אצל רבו, ישב שם ר' מגדיל זימן — כנראה מחסידי גור המפורסמים, עם שני הרבנים האלה, והתפלפלו באחד התוספות במסכת בבא בתרא. דודי שישב ולמד אצל השולחן ההוא, אמר להם, כי אם יעיינו הרבה בהגהות הגר"א שם, יראו שהוא מישר את ההדורים למישור. עתה בעברם את שרנסק, נזכרו בדודי, ובאו לדבר עוד בנדון ה„תוספות".

משמו של המגיד מקוזניץ זצ"ל מוסרים, כי אמר מראש, כי הפולנים יהיו עוד עם חפשי לעצמם. נבואה זו עשתה רושם על החסידים, בחשבם שדברי הצדיק בודאי יקוימו. על דודי מסופר גם כן, שבימיו, בשנת 1863, באו אחרים פולנים ומקליהם בידיהם, שכבו בתעלות והיו מוכנים להלחם בממשלה. כשבאו הקוזקים אל העיר התפזרו לכל עבר. אבל אות היה במעשיהם, כי הם רוצים להיות עם חפשי.

רושם בל ימחה נשאר אצל בן דודי בית האבא במוצאי שבת. בערב זה הפך הבית להיות קן של קדש. נהג לבוא אליהם ר' מוטל דיין, אחיו של בן דודי ז"ל, הרצקה, שהיה נשוי כבר. לפעמים באו גם ר' וואלף ניבורסקי ומרדכי ליפה. במסיבה זו מספרים מעשיות על צדיקים, כמו למשל, על ר' מנחם מנדל מקוצק, ר' בונם מפשיסחא, ומחדושי־הרי"ם. אם כי דודי לא היה מעשן, אבל בערבים אלה היה מעשן „לולקה" ארוכה, והאם היתה מביאה „כבוד". כדאי גם להזכיר, כי בשרנסק היו שני בעלי־עגלות ר' ישעי' ור' מנדל פידלוביטש, בכל מוצאי שבת היו הולכים לגבות חובותיהם. הם באו גם אל דודי לגבות כספם — בעד סחורות שהביאו לו. ר' מנדל שהיה יודע ספר, ונהנה מספורי המעשיות, לא חפץ ללכת

ולהמשיך בגבית־הכתובות, אלא העדיף להשאר ולהשתתף בשיחות על החסידות. וייסוגו ומתאוו של שותפו על שהותו במקום אחד זמן רב לא הועילה, ולא פעם נשאר גם ר׳ ישעי׳ אתו מרצונו הטוב.

דודי שהיה למדן מופלג וארוק בדעתו, היה אוהב את כל הנברא בצלם. אהבת ישראל היתה תקועה בלבבו, ולא הרחיק איש גם אם לא הקפיד בהלכות הדת והמסורה. בשביל לעזור ליהודי, היה מסכן את נפשו. פעם ביום־כפור, עמד אחד ממכירי בן דודי ושוחח עם חברות צעירות. באותו זמן עבר דודי, המכיר חשש כי בהיות דודי חרד יחר לו אולי, כי ביום הקדוש הזה הוא עומד בחברת נערות ומשוחח אתן. דודי הרגיש כנראה בכך. הוא הרים את כפיו ואמר „ותהיו מבורכים מאת ה׳ ״. מדותיו הנרומיות וכבודו על יהודים ולא יהודים. מספרים עליו, כי גם בשעת גלויי שנאה מצד הגויים ליהודי, כשאמרו לפלות בו חמתם, היו נרתעים לבצע זממם מפני כבוד דודי.

מעשה שהיה בימי המהפכה ברוסיה. הרבולוציונרים היו מכריחים אנשים לשבות מעבודה ולהשתתף ברבולוציה. אחד בשם ליבל נאוואגרודצקי, שכנראה שמע שעורי תורה אצל דודי, נכנס לבית־המדרש, וירה משם החוצה. דודי ניגש אליו וסטר לו על לחיו שתי פעמים. אז התחילו יהודים להתנפל על הרבולוציונרים, אבל הם התקוממו נגדם, והכו אותם בקתות של האקדוחים. אז צעק אליהם ליבל נאוואגרודצקי, אתם רוצים להזדמות לר׳ משה? הרי הוא יהודי קדוש. אצלו למדתי תורה. בהיותי ילד ארוק, כשהתאוננתי על יהודים שאינם ארוקים למדי, ואינם זהירים בכבוד השבת, העיר לי שאסור לדבר על יהודים. אין אחד יודע מה מתרחש אצל חברו. יש טוב בכל יהודי, וגם אצל כל איש.

בשנת 1914, בתחלת המלחמה העולמית הראשונה, נאסר בשרנסק אחד מבעלי־הבתים הנכבדים בעיר, ר׳ ברוך קורן. עשן עב נראה יוצא מארובת־תנורו. חשדו בו כי עי״ב נתן אות לגרמנים שנלחמו אז עם הרוסים, כי הם יכולים להכנס לעיר. עוד באותו ערב באה משלחת של שלושה בעלי־בתים, ר׳ מגדל קרוק ר׳ מגדל זימן ודודי אל מפקד העיר. הם קבלו מכות מאנשי המשמר וחזרו הביתה. למחרת בבוקר בא קצין והודיע, שדודי נקרא אל המפקד. דודי הלך אליו והמפקד אמר לו, אם במשך שלוש שעות לא ייראו גרמנים המתקרבים אל העיר, ישחררו את ר׳ ברוך קורן. המפקד הכיר את דודי כי היה חתנו של אחד מבני עדתו, אשר הכיר את דודי מלפני הרבה זמן. ואמנם שוחרר אז ר׳ ברוך קורן.

דודי מת מתוך זקנה מופלגה, וקנה לו שם טוב. ת.נ.צ.ב.ה.

רחל דבורה זלמנס־גרגט

# לכבוד אבא

שני תפקידים מילא אבא ז״ל, ר׳ נפתלי הירצקא גרואנא, בקהלת שוּנסק. הוא היה גבאי דחברא קדישא, וגבאי דחברת בקור חולים, להם הקדיש חלק גדול מחייו, כי הוא מילא תפקידיו בשלמות. זוכרת אני את חגיגת ז׳ באדר, יום הולדתו ופטירתו של משה רבינו. זה יומה דחברא קדישא. ביום זה נהגו חבריו לצום ולהתפלל, לאמר סליחות ולבקר בבתי הקברות. במוצאי אותו יום נהגו לסדר חגיגה גדולה, כמנהג החברא קדישא. משנכנס אדר מרבין בשמחה. אולם אבא היה מודאג קצת לקראת החגיגה וההכנות לז׳ אדר; הוא השתדל שהכל יהי כמו הדרוש. ואפשר היה להכיר בו באותם הימים אי מנוחה. לא הועילו ההסברות שאי״ה הכל יהיה נסדר. גם אמא ע״ה, מלאת מרץ, היתה לו עזר כנגדו. בכל זאת לא נרגע עד שערכו השולחנות בטעם רב. אחרי שהרב דמתא גמר דרשתו החשובה מענינא דיומא והתחילה החגיגה, אז קרנו פניו של אבא מרוב שמחה. הרגשנו שיש בו להט נפשי רב.

בתור גבאי חברת בקור חולים נורח בעצמו בהצלת נפשות והיה עסוק יומם ולילה בדאגתו לחולה. זכורני, בזמן מלחמת העולם הראשונה, בעת שהתפשטו המחלות ר״ל, הלך מחולה לחולה, ועשה בעצמו העבודה השחורה עד לעייפות מוחלטת. פעם נכנס למבא ר׳ משה ז״ל, ישב על הכסא ונרדם תיכף. פתאום הופיעו אנשים בריצה ובצעקות. הם הודיעו כי אנשים נפלו למשכב ונחוצה עזרה לחולים. אבא התאמץ לקום, אולם היה חסר אונים מחוסר כח. פתאום הוא התחיל לקרוא בקול רם „התגבר כארי״ וקם למלא את תפקידו. הוא נהג לומר כי חייו הם קודש לעזרה, הן לפרט והן לצבור. הוא קיים זאת באהבה ובמסירות. ברטט של קדושה נזכרת אני בשמחת תורה בביתנו. ברוב עם ובאוירה חגיגית מרוממת, חגגה חברה קדישא את שמחת התורה. מי מן השרנסקאים מהתקופה ההיא אינו זוכר את התהלוכה המפוארת בשמחת תורה, עם ספרי תורה בראש שנמשכה מהבית בשוק עד לבית הכנסת. בשירה ובזמרה לוו חברי חברת קדישא את התהלוכה למקום הקודש. אע״פ שאז טרם היה חשמל בעירנו, אולם הנרות והפנסים שנוצאו בתהלוכה, הפיצו אור גדול, עד שכל אחד הרגיש את קדושת החג ושמחת התורה.

כשבאים להעריך ולהוכח אם מלא אדם הכל מה שהגורל הועיד לו, אפשר להגיד שאבי המנוח פעל גדולות ונצורות בתקופת חייו. אני רוצה להזכיר לבסוף עובדה שלא היתה ידועה ברבים. משה המבורגר בנו של אלם, מחוסרי אמצעים,

היה נבצר ממנו לשלם לרבי עבור הוראת בנו. כשאמא של משה התחילה לבכות לפני אבי, על המצב בבית ועל חוסר אפשרות לתת חנוך לילד שלא יהיה איש הפקר, לקח על עצמו ללמד אותו. הוא למדוהו וחנכוהו עד החתונה. בזה שימש מופת לרבים.

זכרו יהיה ברוך. תנצב״ה.

---

יוסף דרימון (גראגאס)

## האחים יצחק מאיר — ומנדל גרנט ז״ל

## תורה וחסידות — תורה והשכלה

שניהם גדולי תורה. שניהם מצאו את סיפוקם בתורת הנגלה בלימוד הגפ״ת. בו בזמן שיצחק מאיר שהפך להיות עמוד התוך של היהדות החרדית באמריקה, שוהה בינה האוקיינוס וחזר לעולם החסידות והתעמק בו והיה מתנגד לכל שנוי במסורת החיים הדתיים, סבר אחיו ר׳ מנדל שיש למזג תורה עם השכלה.

ר׳ יצחק מאיר ז״ל



ר׳ יצחק מאיר, בנו הבכור של ר׳ משה ז״ל, נולד בשרנסק בשנת תרל״ב. למד בחדר, עבר ללמוד בישיבות מפורסמות והוסמך להוראה. בשנת תר״נד יצא

לאמריקה ותלמודו בידו; מלא וגדוש בש״ס ובפוסקים. הוא נסע לעבר לים ע״מ להשתחרר משרות הצבאי הרוסי. מוסרים, שבעל „שפת־אמת״, ר׳ יהודה אריה ליב זצ״ל, נכדו של חדושי הרי״ם מגור, סמך את ידיו על נסיעתו זו. הררכתו ציין הצדיק הגדול שהוא בטוח שיעזור ליהודים היוצאים להמשיך בקיום מצוות־התורה ומנהגי־הדת. ברכת הצדיק לוותה אותו לארץ החדשה, אמריקה.

בהגיעו לארץ הזהב, זכר את ברכת הרבי והתמסר לעבודה רוחנית ודתית. בתחילה החל לפעול בסביבתו החדשה בין היהודים החרדים. בשנת תרט״א הצליח ליסד הישיבה הראשונה, בשם „בית ועד לחכמים״. הוא עמד בקשר תמידי עם הרביים בפולניה, ועם „אגודת ישראל״ האורתודוקסית.

זכורני, בעת שהותי בורשה, קראתי כרוז חתום על ידו שחולק בין הצבור ע״י מפלגת „אגודת־ישראל״ בו קרא לנוער להתקרב לתורת ישראל. מדוע מתרחק הנוער מקודשי ישראל, בזמן שהגויים מתעניינים בתורת ישראל! — שאל. על יחס העדה החרדית ליצחק מאיר די לציין את העובדה, שבזמן שהותו של מר לידזוברסקי — גיסו של ר׳ שמואל יצחק נח ז״ל במלבה, כתב לאבי ז״ל שיהודים דתיים מחלקים כבוד גדול לבנך באמריקה.

בגיל 78 ושיבה טובה בר״ח כסלו תש״י, החזיר את נשמתו לבורא העולם. בישיבה שהוא יסד קבעו הרבנים עתים לתורה לזכרו.

יהיה זכרו ברוך. תנצב״ה.

ר׳ מנדל ז״ל

ילד פלא היה מנדל. התפתחותו הרוחנית ורוחב בינתו בגילו הצעיר, הפליאו למדני העיירה. הוא לא למד בחדר זמן רב. עבר להמשיך לימודו בישיבות ונחשב להעלויים־שבעיירה. שקדנותו והתמדתו לא ידעו גבול. היה שקוע בראשו ורובו בלמוד ש״ס ופוסקים. ביחוד הצטיין בידיעת התנ״ך ובפרושיו. את הרד״ק ידע בעל פה ואהב לצטט בכל הזדמנות את הפירוש של אבן־עזרא. אבי ז״ל אהב להגיד שמנדל כרת ברית עם הרד״ק. מענין, אבי השתמש במלים „מובהק״ מושלם „הוא תלמוד חכם מובהק״, כששמע שמישהו עוסק בלמוד הדקדוק, היה רגיל לומר „מנדל שלי הוא דקדקן מובהק״. כל פעם שקבל מכתב שהכיל עמודים אחדים הסתגר בחדר לקרוא אותו. כשבאתי מן הישיבה הביתה לחגים, נתן לי לקרוא אותם, הם היו מלאים חדושים על מסכת „ראש־השנה״.

עז היה רצוני לכתוב עליו הרבה, בס״ה ראיתיו פעמיים בהיותי עוד ילד רך, ספוריו של אבא עליו הלהיב את דמיוני, וכל ישותו לא משה מנגד עיני. קומתו הגבוהה, זקנו השחור־הארוך, קווי פניו העדינים וחיוכו הלבבי שהיה נסוך תמיד

על פניו, השאירו עלי רושם בל ימחה. דמותו נשארה חרותה בלבי ובמוחי.

איש נחבא אל הכלים, מצניע לכת, הרוקם את מסכת חייו באהל הרוח. מקומו היהודית היתה שם דבר בעיירתו ובסביבה. רבים, רבים הכירוהו והוקירוהו. הם ידעו להוקיר את האיש יקר הרוח ובעל המידות המצוינות. זכורני שאחרי החתונה בקרתי עם רעיתי בעיר רצונו׳ אצל קרובי אשתי, כשנודע לו שאני אחיו של מגדל, אמר בזה״ל: הוא היה איש גדול אשר שמר בהקפדה על הקניינים הרוחניים של האומה, אנחנו הדתיים הלאומיים תלינו בו הרבה תקוות. חבל שפתיל חייו נותק...

במשך תקופה ארוכה נמנע מלגלות מצב בריאותו, מאז ומתמיד מצא מפלט מתלאותיו בספרים. כשמצב בריאותו החמיר והרגיש שהאסון מתקרב, הודיע לאבי על רצונו לראותו. אבי ז״ל, אחי הירצקא ואני נסענו לעיר רצונו׳ לבקרו. כשנכנסנו — התרומם מהמטה כדי לקבל אותנו. פניו היו חורים וכחושים. בשגינות ובבהירות־דעת שוחח עם אבא. בדרך חזרה שתקנו כולנו. משפט בודד של אבי הפסיק את השתיקה: „פה מפיק מרגליות״.

נל״ג בעומר תרע״ב בהיותו בגיל 44, עצם עיניו לנצח. מותו הדהים את כל יודעיו ומעריציו. המשפחה והמכירים דאבו על חייו הצעירים שקופדו ללא עון. עודייך מצלצלת באזני קריאת האמונה שפרצה מאבי ז״ל: „הד׳ נתן הד׳ לקח״ יהי זכרו ברוך. הפצע לא הוגלד. הוא ציין כי מקובל שבן צריך ללוות את אביו למנוחות, ולא להיפך. תנצב״ה.

## ר׳ משה צבי גרינבוים הי״ד

## שליח צבור בשרנסק — אות הטהר ונקיון כפיים

ר׳ משה הירש נולד בניישטאט ונישא לבתו של אברהם טורובסקי ז״ל. הוא הי״ד. יחד בנו את קן משפחתם בשרנסק.

ר׳ משה הירש היה צנוע ועניו במהלך חייו. כשראיתיו בזמן הילוכו בשוק, עשה רושם כאילו הוא מונה וסופר את האבנים, כי פסע והלך בצדי־הדרכים בצנעה, היה שקוע בעולם שלו.

פרשת חייו למעשה איננה קלה כל עיקר: המשפחה היתה גדולה ומלחמת הקיום הוותה מאבק מתמיד בשבילו. כלפי חוץ היה שוקט ורוגע (כך ראה אותו כל אחד וככה העריך אותו). אבל במציאות היה אחר. סגור היה בדאגותיו בפנים.

תמיד חשבתי שצניעותו נובעת מן הרצון לפרוש מן החברה, ע״מ להשתחרר לקבל תפקידי צבורי. עד מהרה נוכחתי לדעת, שצניעות זו מהווה חלק מאפיו.

ר׳ משה צבי ז״ל לא היה חזן ולא משורר. אבל לבו ופיו רחשו דברי שירה ותפלות. בזמן הופעתו כשליח צבור, עטוף בטלית ותפלין, התפלל כחזן מנוסה. בניגתו הכניס ניטט של קדושה בלב השומעים. יהודי, שומר־מצוה־מחמיר, אמר שתפילתו של ר׳ משה צבי היא שירה של הנשמה יתירה, השוכנת בנפשו.

עלי לציין את התרשמותי החזקה המלוה אותי כל ימי, בזוכרי את תפלתו כשליח צבור. עוד מהדהדות באזני המילים ב„סליחות״ שנאמרו ברגש ובעצבות: „כל עיר על תילה בנויה ועיר אלקים, מושפלת עד שאול תחתיה״.

חשתי שהשליח צבור מרגיש את הכאב הנורא של תקופת החורבן.

ר׳ משה צבי! אני רואה אותך הולך לבית־המדרש להתפלל. אתה צועד בצעדי הדו׳כים, הרושם הוא שאינך נוגע באדמה. אני רואה אותך מטייל עם החזן המקח ר׳ חיים ברוך. הוא מתכופף אליך, ולוחש משהו באזניך ואתה מחייך. כנראה שספר בדיחה יפה. אני רואה אותך עטוף בטלית ותפלין ע״י העמוד כשליח־צבור. אני רואה אותך בתפקידך כשליח צבור בתפלת ימים נוראים ואתה... שתית כל כוס התרעלה! ראית בעיניך את חורבן כל משפחתך העגופה והאהובה עליך. בין בני עדתך האומללים וביחד אתם מצאת את מותך, מות קדושים.

ונקיתי דמם לא נקיתי!

ת.נ.צ.ב.ה.

## ר׳ מנדל זימן ז״ל

## החסיד־מגור

באחד הערבים בשנת 1932, בילינו במסיבת רעים בביתו של חהרי גדליה ניבאו׳סקי הי״ד. השיחה נסובה על החסידות. ליתר דיוק, על החסידים הגדולים של העיירה הקטנה שרגסק, שחיו בדור האחרון והלכו כבר לעולמם, כמו ר׳ יעקב שלום ז״ל, ר׳ אברהם קוזמיר, ר׳ שמחה אלשעוור, ר׳ שמואל מרדכי בורנשטיין, ר׳ ליב הערץ, ר׳ משה גראנאט ז״ל וכו׳... לא שוחחנו על נושא מיוחד, ר״ק שחזרנו מעשיות שהיו. הפלגנו בדברי שבח על אורח חייהם של חסידי שרגסק הגלבבים הישרים והתמימים, שאהבתם לזולת לכל יהודי של ימות השבוע, היתה ידועה ומפורסמת. גם יחסם לכל הבריות שנוצרו בצלם אלהים, הועלה על נס. ראש המדברים במסיבה זו, מר גדליה מבארסקי הי״ד, העיר שעדיין נמצא אצלנו שריד מן החסידים הגדולים, הלא הוא ר׳ מענדלע זימאן.

בחרתי הפעם לשרטט את דמות החסיד הגלבב ר׳ מנדל, שהכרתיו היטב. גם אבא ספר לי עליו הרבה ונטה לו חבה יתרה.



ר׳ מנדל זימן ז״ל אשתו אלישבע זימן

כנראה שהוא הכיר אותו עוד מלפני נשואיו עם אלישבע, בתו של החסיד ר׳ אברהם קוזמיר ז״ל.

ר׳ מנדל היה בנו של החסיד מגור הידוע, ר׳ שאול מונקטובר ז״ל. לא ידוע לי אם אביו ר׳ שאול היה עשיר גדול. אבל ברור לי שהיה חסיד גדול ושמש מופת לחסידות הטהורה. הרבי מגור היה נוהג להתארח אצלו. דבר זה נחשב לכבוד גדול בעיני החסידים, והיה מפאר ומרומם את המשפחה שזכתה לכך.

אחרי נשואיו קבע ר׳ מנדל מקום מגוריו בשרנסק והתנהג כמו כל אברך חסידי אחר, לאחר נשואיו נסע לרבי מגור ושהה שמה חדשים אחדים. הוא עסק בתורה ובחסידות. כשחזר אח״כ לביתו ולאשתו, התחיל לדאוג לפרנסת ביתו.

זוג שמחת תורה

שמחת יום טוב שני של שמיני־עצרת בחוץ לארץ, נועדה לכבוד סיום הקריאה בצבור של חמשה חמשי תורה, ותחילת הקריאה בתורה בספר בראשית. לכבוד שמחת סיום התורה, מצווים לשיר ולרקוד ולהרבות בסעודות ובמשתאות. ר׳ מנדל זימן קיים את חג שמחת־תורה בלב ונפש. הריקוד שלו בשידיו מלפפות את התורה בזמן ההקפות בשטיבל־דגור, עורר גל התלהבות בין הצעירים. בזכרוני נותרת הריקוד שלו שבמשך מהשטיבל עד לדירתו של ר׳ שמחה בורנשטיין ז״ל, כשהוא שר „אורייתא־וישראל־חד־היא״. המתפללים יצאו אף הם מן השטיבל אחרי ההקפות

בשירה ובזמרה לביתו של חתן „הבראשית" ר' ש. גורנשטיין ז"ל, לקייח מצות „קידוש". במרכז השמחה היה כמובן ר' מנדל זיגמן ז"ל. השמחה הגיעה לשיאה, במעונו של חתן הבראשית, כאשר החסיד הגדול דגור, יצא ממש מכליו מרוב חדווה. זוכר אני כשחזרתי הביתה לאחר הקידוש סיפרתי לאבא שר' מנדל השתכר. אבא ענה לי בחיוך; בני דע שר' מנדל הוא יהודי עצוב. זאת אפשר להבחין בעיניים שלו אפילו בחיוכו הרגיל. אבא המשיך באידיש; ר' מנדל איז א איד וואס איז געזעסען אין די יונגע יארן על התורה ועל העבודה. אין דאס לעבען האט איהם געצווינגען זיך ארייננצווארפען אין לעבען צוליב פרנסה, געפינט ער אין יום טוב שמחת תורה אוריק זיין פלאץ. ר' מנדל ישב בצעירותו על התורה ועל העבודה. אם שאלת הקיום מכריחה אותו להרתם בעול, מנצל הוא את שמחת תורה להתפשטות הגשמיות. אבא הוסיף, ששניהם למדו יחד בגור, אצל הרבי, כשהם התגוררו שם, אעפ"י שאבא היה מבוגר ממנו בהרבה שנים.

ר' מנדל היה שמרני־קיצוני מבין חסידי גור, שומרי המשולש. די להזכיר מלחמתו נגד חיסול השטיבל דחסידי גור. היה מוכן לכסות מכיסו הפרטי כל ההוצאות להחזקת השטיבל.

בשנת 1931 נוסד הבנק העממי. האספה הכללית בחרה בר' מנדל ליו"ר הבנק על אף התנגדותו מחמת גילו המופלג. האסיפה נתנה בו אימון מלא.

עיירות שרנסק היתה קטנה והחסידים בה היו גדולים. לדורות הבאים כדאי לספר שהחסידים ותמימים אלה ידעו להחדיר בלבו של הדור הצעיר את ההכרה, כי החסידות הטהורה מטיפה לאהבת ישראל ולגאולת ישראל. מגמות אלו הן דאגתם ושאיפתם העיקרית. תודות להטפה מתמדת נאחזו בלב העם הרעיונות של אחדות ואהבת ישראל. על החסידים הגדולים של העיירה הזעירה, נמנה ר' מנדל זימן ז"ל. תנצב"ה.

## דמות מופלאה

## הקדושה יוטא זימן לבית קורלציק הי"ד

מות קדושית וטהורית
מרעיש עולמות עליונים
ומביא את הגאולה

אגדה ישנה

צדיקים במיתתם נקראים חיים, פסקו חז"ל (ברכות י"ח ע"א). צדקת היתה יוטא. לא בתנחומים גרידא לזולת הסתפקה, רק בעזרה ממשית לנצרך, כלומר בכסף.

והעזרה לכל דכפין, עשתה בצנעה. כי נתבאה אל הכלים היתה. אנשי שרגסק לא ידעו שבכל יום רביעי באו משפחות עניות אחדות לביתה לקבל סיוע לצרכי שבת. אפשר להרבות בעובדות לשבחה. מה שאני רוצה לציין, שבכלל לא היתה עשירה, רק אשה טובת לב היתה. הייתי מבאי ביתה ואני יכול להעיד, שהן בקבלת אורחים, והן בעזרתה לזולת היא שמשה סמל. קבלה הכל על עצמה בשמחה, וכל אחד קידמה בלבביות ובאהבה.

היתה רחוקה מקנאה ומשנאת חנם. ובפרט משנאת אחים. לא הבינה שנאה מה היא. בעיירה קטנה כמו שרגסק שהגויים מוכנים לבלוע אותנו, תפקידנו העיקרי הוא דאגה לקירוב הלבבות, צייננו.

מעזרה לזולת — לתפקידה לטובת העם הנוער והשפה. בלב האשה הצנועה הזאת בערה אהבה גדולה לעמה. היא העמידה את עצמה לשרות העם ולעזרת־העם.

ראיתי אותה בעבודתה בספריה, במבצע לאומי אחר, ראיתיה בעת שביקרה יחד עם חברותה היה טייגא מבית לבית, לאסוף כסף לטובת קרן קימת לישראל.

בשעליתי ארצה בשנת 1934, הגיעונו שמועות, שהיא כולה מסורה לעבודה ציונית וצבוריית. להלן המלים שנכתבו עליה ע״י שלמה טולדנו:

בשובו מן הרבי עגתה בו הכרת פניו שהוא שבע רצון מהנסיעה. הוא קבל את ברכתו והבטחתו של הרבי. אבי שהיה רגיל להתבודד שבעה ימים אחרי נסיעה כזאת, שיגה הפעם מדרכו ונהג אחרת. הוא מסר לחסידים ותוצאות שליחותו. בעת הסעודה בשבת היה רגיל לספר את גדולתו של הרבי. כאן עלי להוסיף כי הרגשתי את אהבתו אלי: — אעפ״י שלא פעם אמר לי „לובסטה״. הסבה היתה פשוטה: אבא, בשובו מן הרבי, היה מלא רשמים. אני הייתי היחידה בבית שישבתי והקשבתי לספוריו על הנסים והנפלאות של הצדיק.

זוכרת אני שפעם שאלתיו, אם הרבי אוכל? ספק ברצינות ספק בחיוך, ענה לי שגם הרבי, כמו כל יהודי, יש לו לברך כל יום מאה ברכות.

החלטתי גם אני להשתדל ולהגיע ל־100 ברכות בכל יום.

כשלא הצלחתי לאסוף מאה ברכות, בקשתי עצה מאבא. בבת צחוק על שפתיו (שהיה נדיר אצלו) הסביר לי שאשה פטורה מן המאה ברכות. הוא הוסיף שקריאת ספורים על הצדיקים שקולה נגד המאה הברכות. כל מה שתעריל סיפרה לגו סיימה בספור חסידי־אפייני.

מסירותה לילדותיה ולכל פרט במשפחתה, עברה כל גבול. היא גם עזרה לבעלה בעסקיו. לא נמנעה מלדאוג לנצרך ולכל קשי־יום, היתה מרבה בצדקה ובמעשים טובים.

זכות גדולה עמדה לר׳ אברהם מאיר ולאשתו. הם הספיקו לעת זקנתם לעלות ארצה עוד לפני מלחמת העולם השניה, בטרם הספיק השטן הנאצי להחריב את העיירה.

מנוחתם בארץ. יהי זכרם ברוך. תנצב״ה.

# הסבא של האחים הסופרים אהרן ומתי מגד ר' אברהם מאיר ז"ל.

מאת הנכבד הסופר **אהרן מגד,**

## „סבי"

סבי זכר כל פרט ופרט
מימי אברהם עד שנות תח ותרפט
ואני זוכר רק אותו
מיום הולדתי עד יום מותו.

וסבי זכר כל פרט ופרט
והיה כבד־שמיעה ובעל עין אחת
ואני רם קומה ועיני שקוחות
ולא ראיתי מופת ולא ראיתי אות.

עד שלילה אחד, ליל בעותים
קראתי לו לקום מן המתים.
ואמר לו:
סבי סבי,
שבר ישראל ונחרטיו,
ראני שעני. סגני טב,
שאוכל בעינך לראות בעיני
ואשק במוך עפרי ואבני.

והנה ראיתי אותו כבטרם מותו.
יושב על הדרגש עטוף בטליתו
וטובל את פתו בציר של דגי־שמת
והוא מביט בי כאז בעינו האחת
ושניו צהבות וזקנו פרוע
ומצביע בנטוסיו כאזה קרוז.

ויאמר לי סבי:
אהרן־ליב אהרן ליב,
נכדי בר־דעת ובר־לב,
אמר לי מה אתה רואה,
אמרי, נכדי הצעיר.
ועלי השלום ונרך יאיר.

והוא נר בראשו כבימי ילדותי
וכמו אז בו פנת המטה
בשחקי בסער במקלות הפרוחים
מול ביתו ביום השבת.

ואמר לו: סבי,
אני רואה מקל פרות
והוא פורח כשקד
ורואה אני סיר שפות
תלוי על אש יוקד
ואני סביבם מרקד בנחפסות
ויודע כי יש בי חטא.

— ומה עוד, אהרן־ליב, ומה עוד?
שאל וידיו רועדות.

ואמר לו: סבי,
אני רואה ככר של חול
ערבים ואין פה צל
ואני כחם היום הגדול
מצחק עם ישמעאל
והנה מרחוק קולך נשמע:
גרש את בן האמה.
ואבק עלה כקיטור הכבשן
ויודע כי יש בי אשם.

—ומה עוד, אהרן־ליב, ומה עוד?
וידי סבי כבדות.

ואמר לו: סבי,
אז קראת לי, לישב לידך

עַל דַּרְגָּשׁ
וְלִטֵּל אֶת יָדַי וְלוֹמַר בְּרָכָה
וּמוֹסִיף לִלְמֹד חוּמָשׁ.
אַךְ פָּנֶיךָ הָיוּ כִּדְפֵּי קְלָף שֶׁצָּהַב
וּכְתוּבוֹת בּוֹ כָּל תּוֹלְדוֹת
וּבְעֵינֶיךָ הָאֵשׁ בָּרָק אָז חָלַף
כִּבְטַלְלֵי שֶׁל עֲקֵדוֹת
וְנִשְׁבְּרָה מִפָּנֶיךָ וּמִכָּל הַקּוֹרוֹת
מֶרְחָק עַד לְבֵית־הַקְּבָרוֹת.
—וּסְפֹּד עוֹד, אַהֲרֹן־לֵיבּ, וּסְפֹּד עוֹד!
אַךְ לֹא הָיָה בִּי קוֹל לַעֲנוֹת.
וְהִנֵּה כְּמוֹ עָנָן
תָּלוּי עַל הַמִּשְׁכָּן
זֶה בֵּיתוֹ מֵחֲצַר חוֹל
וְקַרְקוּר עוֹף בִּלּוּל
סָב סָב בְּחוֹל
בְּשַׁבַּת חוֹם הַיּוֹם הַגָּדוֹל.

וְסִתּוּךְ הֶעָנָן קוֹל סָבִי כְּמוֹ רוֹז:
הוֹ, אַהֲרֹן־לֵיבּ אַהֲרֹן־לֵיבּ,
הֵן רַק נִסּוֹתְךָ אָמַרְתִּי אָז
וְאַתָּה בָּרַחְתָּ בְּלֹא־עֵת.
וְשֶׂה לְעוֹלָה וְאַיִל נִגְלָה
וְאֵין בְּיָדִי כָּל הַלֵּךְ
וְרַק הֶרְאוּתְךָ אֶת כְּתָב הַמְּגִלָּה
שֶׁל כָּל שֶׁהָיָה וְחָלַף—
וְאֵינֶנִּי וְאוּלַי לֹא יְהִי עוֹד,
לְמַעַן תֵּדַע אֶת קֵץ הַפְּלָאוֹת.
אַךְ עַתָּה, נֶכְדִּי, אֵין קֵץ לַפְּלָאוֹת
וְעַל מִצְחֲךָ הִנֵּה שַׂמְתִּי הָאוֹת:
מִפְּנֵי תִּבְרַח עַד סוֹף הַקּוֹרוֹת
אֵלַי, אֶל בֵּית הַקְּבָרוֹת.
וַיִּגַּע עַל פִּי וָאֱהִי אִלֵּם,
וָאִיקַץ, כִּי הָיִיתִי חוֹלֵם.

## לזכר יום הקמת מצבה על קבר אמי פרל ז״ל

ס׳שטייט אהויכער געדיכטעד ציפרים
ביי דער מאמעס קבר בלוים
שפרייט זיין שאטן אויף איר ווי צו שיצן זי
און גיסט פאר איר די תפילות אויס.
צו האט געירשנט ער דעם ניגון
פון דער מאמן אויף די קברים
מיט איר זי האט בעווינט איר עלטער
אדער הערט ער נאך איר וידוי —
זי האט געחזרט אין די ספרים?
איך שטיי צווישן, ביידע פריינד
הער זיך צו צו זייער שמועס
און ס׳לויפט אציטער דורך מיין לייב
דער בוים די מאמע צווי חברים
די מאמע טויט, ער לעבט און גריענט...

רעננה 15.6.54

**לאה מגד** (רייכגאט)

יוסף רימון (גרנט)

## מיין פאטער משה גראנאט ז״ל

(א מצבה אויפן קבר)

מיין פאטער איז געווארן דערצויגן אין א שטרענג חסידישע משפחה אלס א זון פון א באוווסטן רוזשינער חסיד, ווי ער איז געוועזן באקאנט אונטער דעם נאמען: יוסל דיין, ער פלעגט פארברענגען וואכן און חדשים אין רוזשין ביי ר׳ ישראל רוזשינער זצ״ל *).

ווען דער זיידע פלעגט אהיים קומען פון רוזשין נאך ביעזשון איז אין דער שטאט, ביי די חסידים, געוועזן א גאנצער יום טוב.

מיין פאטער איז דאן געוועזן א אינגעל פון 8 יאר, ווען דער זיידע איז געקומען פון רוזשין, האט ער אויסגענוצט די געלעגנהייט, איז צו אים אריין — ווי ער האט מיר איבערגעגעבן בדחילו ורחימו — און אים געפרעגט וואס ער האט ווייטער צו טון, ווייל אין ביעזשון איז שוין פאר אים קיין מלמד נישטא דער זיידע האט אים געגעבן א בריוו צום דאבזשענטקער רב, הרב טשעכאנאווער — דערנאך רב אין ז׳שורומין ער זאל מיט אים לערנען און אויך זארגן פאר אים.

אלט זייענדיק 10 יאר, האט ער געפרעגט א שאלה ביים זיידען, צי ער מעג פארן צום חידושי הרי״ם, צו „כבד אביך ואמך״, איז אויך חל צו פארן צו א רבין ז דער זיידע האט אים געגעבן א תשובה, ער זאל זיצן און לערנען, ער איז נאך יונג, אין דער אמת׳ן ציט דער „חידושי הרי״ם״ צו אלע גוטע־קעפ, ווי ס׳זעט

*) איינער פון דער רוזשינער דינאסטיע האט איבערגעגעבן אז ער האט געזען אין די ביכער פון רוזשינער הויף וועגן ר׳ יוסל דיין פון ביעזשון אלס מיטבאגלייטער פון דער רוזשינער משפחה, ווי מען פלעגט דערציילן זענען זיי געפארן אין א גאלדענע קאטש.

אויס האסטו אויך א גוטן קאפ, און צום גערער מעגסטו פארן, אבער דערווייל זייַ און לערן; צו יענער צייט איז דער טאטע געווארן א גערער חסיד. צו 14 יאר האט ער חתונה געהאט אין שרענסק, געגעסן קעסט און געלערנט. און אז די פראגע, פון „פרנסה" איז געווארן א שווערע, נאך גער פארן האט געקאסט א סאך געלט, איז ער געפארן צי ר' אברהם'ל טשעכאנאווער, און ער איז געווארן זיינס א ידיד. איך געדענק אז אין א געוויסן דאנערשטיק, אין שרענסק אין א טארג־טאג, איז געקומען צו פארן צום טאטן א אלטער שלאכטשיץ און דערמאנט אים, אז ביידע האבן זיך געזהאט געטראפן ביים טשעכאנאווער צדיק. אין די צארישע צייטן ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז מיין פאטער געווען דער פארזיצער פון דער אידישער קהלה אין שרענסק, אין אלגעמיין איז די אידישע קהלה — אין די צארישע צייטן — געווען שטארק באגרענעצט אין אירע רעכט, איהר אויפגאבע איז געווען צוגרייטן דעם בודז'שעט, זארגן פאר די כלי קודש, ווי רב, חזן, שוחט און שמש די מקוה און אנדערע רעליגיעזע אינסטיטוציעס.

נאך זייענדיק א אינגעל געדענק איך א געשפרעך צווישן מיין פאטער און דעם אזוי גערופענעם, סעקרעטער פון דער קהלה, ר' אברהם כהן, ווייל אין דער ווירקלעכקייט האט געפירט דעם סעקרעטאריאט פון די שרענסקער קהלה א גויאיש אדוואקאטל פון מלאווע, (מיין ברודער הערצקע ז"ל איז אויך געווען אנוועזנד) ר' אברהם כהן האט איבערגעגעבן מיין פאטער, אז ס'איז דא א אונצופרידנהייט אין שטעטל פאר וואס מ'האט צו געלייגט דעם רב צו דער פענסיע, אויף דעם האט מיין פאטער געענטפערט, אז דער גוי וואס האט צוזאמענגעשטעלט דעם בודזשעט, האט מיך געפרעגט, ווי קען א קהלה פון פרומע אידן זיין איינשטימיג, אז דער רב זייער זאל באקומען א הונגער־געהאלט, האט אים ר' אברהם כהן געענטפערט, אז מיר פארדינען דאס אויך נישט, מיין פאטער האט האלב אין שמייכעל אים דער־קלערט; „מיר זענען אנגעוויזן אויפן רבונו של עולם, און דער רב, איז אנגעוויזן אויף אונז"...

געוויסע עפיזאדען האבן זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון פון מיין פריסטער קינדהייט; די פאליאקן האבן אין די צארישע צייטן געעפענט א פויליש ביבלינועק אין לעבדזינס הויז. מיר קינדער האבן עס גערופן די „טומאה". א געוויסן טאג זענען אראפ־געקומען פון מלאווע ז'שאנדארמען און האבן געשלאסן די ביבליאטעק. מיר, פרומע קינדער, האבן זיך געפרייט, אין אוונט ווען מיין פאטער איז געקומען פון מלאווע בין איך אים אנטקעגען געלאפן אנזאגן די בשורה אז מען האט פארמאכט די „טומאה", אין מאמענט האט מיר מיין פאטער נישט געענטפערט, נאר ביים עסן אוונט־ברויט האט ער מיר דערקלערט אז דאס איז נישט קיין „טומאה", און עס

איז נישטא וואס זיך צו פרייען, די טאליאקן ווילן זיין א פריי פאלק, אזוי ווי אנדערע פעלקער", און ער האט מיר דאן דערציילט פון יאר 1863, ווי פאליאקן זענען געקומען פון די דערפער מיט קאסעס און געלעגן אין די רינשטאקן, געווען גרייט צו קעמפן, דער אמת איז, ווי נאר ס׳ האבן זיך באוויזן קאזאקן זענען זיי זיך פונאנדער געלאפן, אבער ס׳איז דא ביי זיי א ווילן צו זיין א פריי פאלק.

אויף שטענדיק איז ביי מיר געבליבן איינגעקריצט אין זכרון דער מוצש״ק ביי אונז אין שטוב, עס פלעגט אריינקומען ר׳ מוטל דיין און מיין ברידער הערצקע, און אמאל אויך ר׳ וואלף ניבורסקי און מרדכי ליפא, מען האט דערציילט מעשיות פון די רבי״ס, פון גוטע אידן ווי צב. ש. קאצק, פון ר׳ בינם פון פרשיסחא און פון חדושי־הרי״ם ז״ל. מיין פאטער וועלכער פלעגט נישט רייכערן, האט שבת אוונט געררייכערט א לאנגע לולקע, און די מאמע האט דערלאנגט כיבוד. ס׳איז ווערט צו דערמאנען אז אין שרענסק זענען געווען צוויי בעלי עגלות; ר׳ ישעיה האמבורגער, און ר׳ מענדל פידלאוויטש. אלע שבת־אוונט פלעגן זיי איינקאסירן די געלטער, זענען אויך געקומען צום טאטן אבצונעמען דאס געלט. ר׳ מענדל אליין אויך א איד א יודע ספר, האט ווייטער נישט געוואלט גיין איינקאסירן, נאר בלייבן און רעדן חסידות, די פראטעסטן פון שותף, האבן נישט געהאלפן און אפטמאל איז ר׳ ישעיה אויך געבליבן.

נאכן ענדיקן די מלוה־מלכה פלעג איך דעם זקן ר׳ מאטלען אהיים פירען, אויפן וועג האט ער מיר דערקלערט אז דער מארק איז ברוקירט נישט צו ליב די אידישע הייזער, נאר צוליב דעם גרויסן גויאישן הויז, וואס שטייט אין צענטער פון מאר״ק, א פאקט אז ארום דער שוהל איז נישט ברוקירט.

קוראצדעם וואס ער איז געוועזן א גרויסער למדן, און זער פרום, האט זיך מיין פאטער דאך באצויגען מיט ליבשאפט צו יעדן מענש, צו פרייע ווי צו פרומע, אהבת ישראל איז ביי אים געווען איינס פון די גרעסטע מצוות, העלפן א איד איז ער געווען גרייט צו גיין אויף סכנת נפשות. ער איז געווען די פארקערפערונג פון גוטסקייט אליין. ער האט ליב געהאט אלע מענטשן, אידן און נישט אידן. עס האט מיר איבערגעגעבן מיין פריינד יצחק מאיר גרינבוים, אז אמאל יום כפור בייטאג איז ער געשטאנען מיט מיידלעך און געפירט א געשפרעך, מיין פאטער איז פונקט דורכגעגאנגען, האט זיך מיין חבר נישט געפילט באקוועם, יום כפור א הייליקער טאג אין א קליין שטעטל, אבער מיין פאטער הציבט אויף די הענט און זאגט: איר זאלט אלע זיין געבענטשט פון גאט! איז ער טאקי געווען באליבט און געאכטעט, סיי ביי אידן און סיי ביי קריסטן.

ווען אין א דאנערשטיק, א מארג־טאג, יאגן נאך א הייפל גוים ר׳ שמואל

מרדכי בארענשטיינס אידעם, פון ביעזשון, און ווילן אים שלאגן, מיט דעם אויסרייד, ער האט געשלאגן א גויע, באהאלט ער זיך אויס ביי מיין פאטער אין געוועלב, און מיין פאטער גייט ארויס צו די שרענסקער לאבוזעס און בעט, זיי זאלן זיך פונאנדערגיין, שטעלט קיינער נישט קיין ווידערשטאנד, און גייען זיך פונאנדער.

וועגען אהבת ישראל פון מיין פאטער, די ליבשאפט צו א אידן, וואלט איך געקענט פול שרייבן, איך וויל זיך נאר באנוגנען מיט עטלעכע פאקטן, אין יאר 1905 זענען אריינגעקומען אין בית המדרש צוויי סטרייקערס, (אזוי האט מען זיי גערופן), איינער פון זיי, לייביל נאוואגרוצקי, האט ארויס געשאסן ודרכן פענסטער פון בית המדרש, מיין פאטער איז צו צו נאוואגראצקען און אים געגעבן צוויי פעטש, ווייל ר'האט זיך געוואגט מחלל צו זיין א מקום קודש, אין דעם מאמענט האט ר' אלטער קאצקער (ער האט געוואוינט אויפן מקום, איז מיט יארן שפעטער אומגעקומען דורך גויאישע רוצחים) און נאך אידן, וואס זענען געווען אנוועזנד, האבן זיך געווארפן אויף די סטרייקערס, זיי האבן געשטעלט א שטארקן ווידער־שטיגד און האבן זיך געווארפן מיט די העגטלעך פון די רעוואלווערן אויף ר' אלטערן און אויף די אנדערע אידן, ווען נישטן מיין פאטער וואלט געקענט אויך קומען צו קרבנות, און נאוואגראצקי האט אויסגערופן: איר ווילט זיך פארגלייכן צו ר' משהן, ער איז א איד א חיליקער, איך האב ביי דעם איד געלערנט, אלס פרום איינגעל. אז כ'פלעג אים דערציילן וועגן פערשידענע אידן וואס זענען נישט גענוג פרום און היטן נישט אפ שבת, פלעגט ער מיר מוסרן: מען טאר נישט רעדן אויף א איד, קיינער ווייס נישט די גרויסקייט פון צוויטן, אפילו אויף א גוי טאר מען נישט רעדן, ווייל ער האט געהאלטען אז א גוי וואס היט אפ שבע מצוות, איז ער אויך באליבט ביי גאט.

אין יאר 1914 באלד נאכן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט מלחמה איז אין שרענסק געווארן ארעסטירט איינער פון די אנגעזעענע בכבודיקע בעל הבתים, ר' ברוך קארן, די סיבה איז געווען וואס דארט האט געברענט סאדזעס, און פון זיין קוימען איז געגאנגען א געדיכטער רויך, די רוסן האבן דאס אנערקענט ווי א סיגנאל צו די דייטשן, ס'איז זעלבסט פארשטענדלעך אז דאס האט ארויסגערופן א פאניק אין שטעטל. אין דעם זעלבן אווגט האט זיך געמאלדן א דעלעגאציע פון דריי בעלי הבתים: ר' מענדעל קרוק, ר' מענדעל זימאן, און מיין פאטער, ביים קאמענדאנט פון שטעטל, נאר ליידער איז דער קבלת פנים פאר דער דעלעגאציע געווען זייער א טרויערקער, נאכן באקומען קלעפ פון דער וואך זענען זיי צוריק אהיים בשלום, אויף צומארגנס פרי איז אריינגעקומען צו אונז א אפיצער און געמאלדן

אז מען רופט מיין פאטער צום קאמענדאנט, ס'איז געווארן ביי אונז א מהומה, איך בין געגאנגען מיט מיין שוועסטער אין בית המדרש און איבערגעגעבן מיין פאטער אז ס'ווארט אויף אים א אפיציר, מען רופט אים צום קאמענדאנט. די אידן אין בית המדרש האבן געהאלטן אז מיין פאטער זאל זיך באהאלטן, אבער ער האט דערקלערט, אויב ס'איז נאר דא דער קלענסטער ספק אז מיין גיין קען העלפן ר' גרונר'ן, איז ער מחוייב צו גיין, אין א שעה ארום איז מיין פאטער צוריק געקומען אין א גוטער שטימונג, ער האט דערקלערט אז דער קאמענדאנט האט אים צוגעזאגט, אז אויב עס וועלן זיך בישט באווייזן קיין דייטשן אין משך פון 3 שעה וועט מען אים באפרייען. דער קאמענדאנט האט געקענט מיין פאטער, ווייל ער איז געווען א איידעם, פון איינעם א פאדארעווסקי, וואס איז געווען דער באטשעלניק פון די שרענסקער פאסט און ער איז ווירקלעך דאן באפרייט געווארן.

כ'האב באשריבן די זעלטענע גוטסקייט פון מיין פאטער און ווי ער איז געווען גרייט זיך צו מוסר נפש זיין פארן צווייטן, אבער מען מוז געדענקען, אז שרענסק האט געשמט פאר א שטאט פון תורה און חסידות, א גאנצע לומדישע וועלט, ווו מיין פאטער איז געווען פארעכנט אלס איינער פון די גרויסע למדנים, ב'ווייל דעריבער דערמאגען נאך אפאקט בכדי צו געבן א באגריף וועגן די שיטה פון זיין לערנען, די הויפט זאך פון צו לערנען פשוט, כ'געדענק ווי מיר קינדער האבן זיך געשפילט אין מארק, פלוצלונג באוויזט זיך א בריטשקע, און ס'געהן אראפ צוויי רבנים, אין פרעגען די קינדער ווו וואוינט דא ר' משה גראגאט, ס'ווערט א געשריי ביי די קינדער : יוסעל, יוסעל! זיי פרעגען זיך אויף דיין טאטן! כ'פיהר די רבנים אהיים צו אונז אין שטוב, נאך 2 שעה בערך, ווען די צוויי רבנים זענען אוועק פון מיין פאטער'ס הויז, פרעג איך אים וואס איז געווען דער ציל פון דעם רבנישען באזוך? דערקלערט מיר מיין פאטער, אז זייענדיק אין גור ביים רבי און בעת לערנען האבען די צוויי רבנים געפירט א וכוח, א פלפול מיט ר' מענדעל זימן וועגן פשט אין א תוספות, ער איז געווען א שרענסקער איד, א גערער חסיד, א למדן, מיין פאטער צוהערנדיק דעם וכוח, ווענדעט ער זיך צו די רבנים, צי זיי האבן געזען דעם „הגהות הגר"א" אדער דעם פשט פון מהר"ם, ווייל דער פשט איז א גאנץ פשוטער, איצט ענדיקט מיין פאטער, האבן די זעלבע רבנים דורכפארענדיק שרענסק אויפן וועג נאך שעפס, זיך דער מאנט דעם שמועס פון לערנען אין גער, האבן זיי באשלאסן פארטצוזעצן דעם שמועס אין לערנען...

מיין פאטער איז געשטארבן אין א טיפן עלטער, איבערלאזענדיק א פארצווייגטע משפחה, א גרויסער טייל איז אומגעקומען צוזאמען מיט מיין מוטער הי"ד אין גרויסען חורבן פון פולישן אידנטום.

ער האט איבער געלאזט א גרויסן שם טוב, ביי אלע יחידים פון דער באפעלקערונג אין דער ארומיקער סביבה, הן ביי אידן און ביי נישט אידן, אויך מיר קינדער האבן געגאסן פון זיין שם טוב, ווי בעוווסט איז עס ביי אונז אידן דער העכסטער כבוד.

זאלן די דאזיקע שורות פון זיין זון דינען אלס מצבה, צום אנדענקען פון דעם זעלטענעם גוטן אידן.

יהי זכרו ברוך. תנצב״ה.

## הערשקע נפתלי גראנאט ז״ל

ביי די קינדער אין חדר איז ער נאך בייזם לעבען געווארן א לעגענדע. איך געדענק, ווען כ'האב געלערנט אין חדר, האבן די קינדער צווישן זיך דערציילט פארשידענע מעשיות וועגן זיינע העלדישקייטן. מ'האט אויך גערעדט צווישן זיך אז ער האט דריי ריפן, א סימן אז ער האט א געוואלדיקן כח, און אז ס'זענען אים באפאלן א חבורה גויאישע לאבוזעס האט ער די אלע צעשלאגן. און אז איינמאל ביינאכט, פארענדיק קיין מלאווע, האבן אים באפאלן שדים, גישט גוטע, האט ער געגעבן אזא געשריי „שמע ישראל״, אז גישוט גאר די שדים זענען זיך פונאנדערגעלאפן, נאר אויך די הייזלעך אין דארף האבן געציטערט.

שרייבן וועגן שרעגסק אין דער וועלט־מלחמה און נישט שרייבן וועגן הערשקע גראנאט וואלט יעדער געפילט אז עס פעלט עפעס אין ספר. מען קען זאגן, אז אין יענער עפאכע איז ער געווען דער פאפולערסטער מענטש אין שטעטל, דארט ווו מען האט געברויכט הילף דארט איז ער געווען.

אליין געפירט אייזווער לעבן, געארבעט שווער פאר א גרויסע משפחה, דאך האט מען אים געקענט זעלטן זען סיי זומער סיי ווינטער, ביי־טאג און ביי־נאכט, לויפן צו א קראנקן אים ארויס צוהעלפן. ער האט געארבעט מיט מסירות נפש, זאגאר אין א צייט ווען דער מאטעריעלער מצב איז ביי אים געווען גייט שלעכט, און דאס געשעפט האט געפאדערט איבערגעבנקייט בלב ובנפש. אבער אלץ איז געווארן באדייטיקט, ווען ס'האט זיך נאר געהאנדלט צו העלפן ווערן אין שטעטל. ער איז געווען א מיגזיש מיט א ווארעם אידיש הארץ. ס'ווילט זיך דערמאנען א קליינעם עפיזאד. נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז געווען אין שטעטל א פוילישער דאקטאר, (אויף ריינע היצאית האט ער בעקומען פון „דזשוינט״) בכדי צו באדינען די ארעמע אידישע באפעלקערונג. ס'זענען איינגעפירט געווארן קופאנען, און מיט אזא קופאן, לויט א געוויסן אפצאל, האט זיך דער קראנקער געווענדן צום דאקטאר. מיט געבען די קופאנען האט איך זיך

באשעפטיקט, אייגמאל האט זיך געהאנדלט וועגן א געוויסען קראנקן, שמואל מרדכי אנשעלעוויטש, און אט באווייזט זיך פלוצלונג מיין ברודער און זאגט מיר: איך בין אן עלטערער ברודער פון דיר און כ'בעט מיר דאס רעכט דיר צו זאגן: מאך נישט קיין שוועריקייטן, גיב יעדן איד, אומאפהענגיק פון זיין מצב, א קופאן צום דאקטאר, און אין דעם זכות וועט אונז גאט העלפן.

כ'וויל דערמאנען א פאקט פון מיינע קינדער־יארן, וואס האט זיך מיר איינגעקריצט אין מיין זכרון. זייענדיק פאריאגט און געפלאגט צוליב דער שווערער פרנסה, האט הערצקע נישט פארגעסן צו פירן תורה־געשפרעכן. געווען איז דאס פאר א יום טוב, ווען ישיבה־בחורים פארן א היים צו די עלטערן. כ'האב דאן געלערנט אין מלאווע, כ'בין מיט אים א היים געפארן, ווי דער שטייגער פלעגט ער פארן ביי נאכט (ער האט געהאט א אייגן פערד און וואגן) — פלוצלונג זאגט ער צו זיין שותף ר' יעקב משה סאלדאנער, א איד א למדן, לאז אפ די לייצן פון פערד, זאל עס גיין אליין לאנגזאם, און מיר וועלן פארהערן מיין ברודער אין לערנען. נאך דער פראגע „וואס איך לערן", און דערוויסנדיק זיך אז איך לערן מסכת חולין, און נאך אלע לאנגע שאלות און תשובות, זאגט ער צום שותף: ווי כ'זע קען מיין ברודער לערנען. נישט קלערענדיג א סאך זאג איך צו אים דאס זעלבע זע איך אויך ביי דיר.

נאך א לאנגן שטילשווייגן ווענדט ער זיך צו מיר:

האסט געקלערט אז כ'קען חלילה נישט לערנען? — ניין זאג איך — נאר ליידער זע איך ווי איר זענט פאריאגט און פארפלאגט, איר האט נישט קיין צייט עוסק צו זיין אין תורה, און ממילא פארגעסט מען. מיין פאטער האט מיר איבערגעגעבן אז ער האט געהאט די בעסטע מלמדים פאר דיר.

בשעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען עפידעמישע קראנקהייטן האבן געבושעוועט אין אלע שטעטלעך אין פוילן, און יעדער איינער האט זיך געהיט פאר אנשטעקונגען, איז מיין ברודער געווען דער איינציקער אין שרענסק, וועלכער איז געגאנגען פון איינעם צום צווייטן, און געטאן אליין אלע שווארצע ארבעט. כ'געדענק אגעוויסן אוונט, ווי ער איז אריינגעקומען צו מיין פאטער א מידער, קוים אויף די פיס זיך געהאלטן און ער איז אוועקגעזעצט זיך אויף דער שטול גלייך אנגעשלאפן געווארן. פלוצלונג קלאפט מען אין פענסטער: הערצקעשו, הרצקא'לע — חנה עלי'ה מרדכי'ס איז אוועק געפאלן, מען מוז האבן גיכע הילף! מיין ברודער כאפט זיך אויף, נעמט לויפן, אין א שעה ארום קומט ער ווידער צום פענצטער, מיין פאטער בעט אים: גיי אהיים שלאפן. ניין, זאגט ער, כ'מוז אויף וועקן וועלוועל ראדזאנובסקי, ווייל אסאך מענטשן זענען אוועק געפאלן די נאכט.

אזוי האט הערצקע גראנאטו, א איד מיט א אידיש ווארעם הארץ, מסירת־נפש־דיק געארבעט צו ראטעווען קראנקע אין דער געפערלעכן צייט.

די ארבעט זיינע ביי די חברה קדישא און אין בקור חולים ווערט באשריבן דורך זיין טאכטער. תנצב״ה.

## ווירֹאסקי בונם הי״ד

## „דער אוצר"

בונם (נאכן נאמען פון פשיסכער רבין ר׳ בונם) איז געווען דער זון פון ר׳ יעקב שלום ז״ל, א קאצקער חסיד, דער פאמיליען־נאמען פון פאטער איז נישט געווען בעוווסט, ווייל א קאצקער חסיד האט נישט געברויכט קיין פאמיליען־נאמען. דער משפחה־נאמען „ווירֹאסקי" איז אויפגעשווומען מיט׳ן דערשיינען פון זון ביינעם אין געזעלשאפטלעכן לעבן.

אלס אינגל געדענק איך ביגעמען איבערהויפט נישט, ווייל זייענדיק אינגער פון אים האבן מיר זיך קיינמאל נישט געטראפן, און איך נישט געלערענט צוזאמען אין חדר ביי איין רבין, מיר האבן זיך באקענט ביים דאווגען אין גערער שטיבל, קומענדיק פון דער ישיבה, ער האט שוין געקענט גוט העברעאיש, דקדוק, תנ״ך, איך האב אנגעהויבן צו לערנען דקדוק און זיך פיל פארטיפט אין משניות, ער איז שטענדיק געווען קעגן דער מיינונג, אז משניות איז די מאדערנע העבר׳עאישע שפראך, ער פלעגט זאגן אז אין דער גמרא ליגט דער כוח פון אונזער צוקונפטיקער שפראך.

ווירֹאסקי האט געהאט די געלעגנהייט צו לערנען און לייענען ביכער אן שטערונגען, ווייל זייענדיק אן איינציקער זון, (ער האט געהאט בלויז שוועסטער) האט אים די מוטער גאר׳נישט געשטערט, (דער פאטער איז געזעסן ביים רבין), האט ער זיך גייסטיק גוט אנטוויקעלט. צוריק־קומענדיק פון דער גרויסער שוואכט, ווו ער האט זיך ערגעגאט אין בילדונג, איז ער אריין בלב־ונפש אין געזעלשאפט־לעכע קולטור׳עלע ציוניסטישע ארבעט, האבנדיק א שארפן גמרא־קאפ זייענדיק באשאנקען מיט א גרויסן רעדנער־טאלאנט איז ער געווארן דער ליבלינג פון דער יוגנט אין שרעבסק, ס׳איז ווירקלעך געווען א גייסטיקע הנאה איס צו הערן רעדן, איבערהויפט ווען פרצ׳ס חסידישע דערציילונגען. א זון פון א גרויסן חסיד האט ער געקענט שוועבן אין די גייסטרייכע חסידישע דערציילונגען פון פרצ׳ן, כ׳האב נישט געהאט די געלעגנהייט צו הער׳ען זיינע רעפעראטען, ווייל שבת ביימאג, די צייט ווען ער האט רעפערירט אין דער ביבליטעק זאל, האב איך געלערנט

אין בית המדרש. איינמאל ביי א געוויסע פייערונג, האבן מיר ביידע רעפערירט, ווי כ'האב געהאט די געלעגנהייט ביי צו זיין זיינס א רעפעראט, בין איך געווארן באגייסטערט פון זיין רעדן, ס'האט זיך ווירקלעך געשיט פערל פון זיין מויל.

כ'האב געוואגט נישט ווייט פון אים, כ'האב געהאט די געלעגנהייט צו פארפירען מיט אים געשפרעכען אויף פערשיידענע טעמעס, איבערהויפט אויף ציוניסטיש ליטעראַרישע טעמעס. שטענדיק באגייסטערט פון ציוניזם. האט ער דערציילט מיט התלהבות וועגן די אידישע נאציאנאלע ציוניסטישע יוגנט, מיט שטאלץ פלעגט ער איבערגעבען, ווי דער ציוניסטישער באוואוסטזיין דרינגט אריין אין די מוחות פון די אידישע מאסן. מ'האט אין אים געפונען א איבערצייגטן מיטגליד אין דער ציוניסטישער באוועגונג.

לערער אין צ. י. ש. י. א און די אנטוישונג אין ציוניזם

ביינעם ווערט א לערער אין דער "צענטראלער אידישער שול ארגאניזאציע, וואס איז געשטאנען אונטער דער השפעה פון „בונד", ער ווערט פון איר באיינפלוסט, דער שארפער מוח אנאליזירט דעם ציוניזם, ער ווערט נישט קיין קעגנער פון ציוניזם, ווי אסאך דענקען, נאר ס'רייסט זיך אריין א פונק פון אפיקורסות אין זיין גלויבן אין ציוניזם. ער ווערט אנטוישט, און ער געפינט א סיפוק אין דער קעגנווארט־ארבעט פאר דעם אידישען ארבייטער, און דאס ברענגט אים אין די רייען פון די ארבייטער ארגאניזאציע „בונד". ער פארנעמט אן אנגעזעענעם ארט צווישען די טאלאנטפולע רעדנער'ס אין „בונד".

כ'וויל ברענגען אן עפיזאד, וואס זיכער געדענקען דאס פיל שרענסקער; נאך דער באלשעוויסטישער רעוואלוציע פארבורענגט ביינעם אין שרענסק. א טייל פון די יוגנט האט געפאדערט צו דערלויבן אים רעדן אין זאל פון דער ביבליאטעק, די ציוניסטישע יוגנט, קענענדיג זיין אנשויאונג, האט נישט מסכים געווען, ער זאל רעפערירן אין ציוניסטישען זאאל, דער סוף איז געווען, ער האט נישט רעפערירט, הגם ער האט מסכים געווען צו רעדען אויף אליטעראַרישער טעמע. ווען כ'האב זיך מיט אים געטראפען, דערקלערט ער מיר, אז ער איז נישט קיין קעגנער פון ציוניזם, נאר ווען די זון שיינט אויף אין מזרח, ווי קען מען זיך פארנעמען מיט ווייטע פאנטאזיעס? אויף מיין פראגע צו ער גלויבט אז דערמיט ענדיקן זיך די אידישע צרות? באקום איך פון אים א ענטפער; אלענפאלס אויב ס'וועט זיך אין „גלויבן", איז די האפנונג פון דער רוסישער רעוואלוציע מער רעאל פאר אידען, ווי דער ציוניזם.

ס'ווילט זיך דערמאהנען א פאקט; אין יאר 1916 האט מען מיר גערעדט

א שידוך מיט א גרויסן מלאווער חסיד'ס א טאכטער, מען איז זאַנאַר געקומען מיך פאַרהערן אין לערנען. כ'האב גישט מסכים געווען, כ'בין געווען צו יונג, בינעם קומט צו, דערקלערט מיר, אז ער קען דעם פאטער, און ער קען ד'אס מיידל, זייער א שיין מיידל, כ'ענטפער אים מיט א באוווסטן שפּריכוואָרט: מען שיקט גישט די קאַץ נאך פּוטער. דערויף זאגט ער צו מיר — די קענסט ד'אך מיך אלס פרייער, אבער דאס וואס די גמרא זאגט איז הייליק, די גמרא זאגט; לעולם ישא אדם בת תלמיד חכם, דיר טרעפט זיך דאס, מיר האט זיך דאס ביז היינט גישט געטראפן.

זאלן די געציילטע ווערטער געווידמעט זיין א חבר א פריינד, וואס האט פיל געגעבען די שרענסקער יוגנט, פארשאפט אונז גייסטיקע הנאה — אנשטאט א מצבה אויף זיין קבר, תנצב"ה.

עהרע זיין אנדענקען.

---

משה ניבאַרסקי

ברוקלין דעם 25 מערץ 1957

## צום הייליקן אנדענק פון מיין טייערן פאטער אברהם זלמן

נאך אלס קליין קינד האב איך זיך באַציינן צו מיין פאטער מיט גרויס דרך ארץ און כבוד. ספּעציעל יעדן ערב פסח ווען מהאט ארויס געטראגן אלץ פון שטוב פארן קאלעכן, ווען מהאט אראפּגענומען פון דער גרויסער שאנק אלע ספרים מיט צייטונגען און ארויסגעלייגט דאס אין הויף האב איך זיך גלייך געוומען בלעטערן אין יעדן ספר, אין יעדע צייטשריפט, אלץ האט ארויסגערופן א יראת הכבוד ביי מיר, א כבוד און דרך ארץ צו מיין פאטער, ווייל ער איז געווען דער, וואס האט שטענדיק געלייענט און אריינגעקוקט אין זיי. ספּעציעל האט זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון דער „קרומער שפּיגל", אבער ווען כהאב געעפנט די בילדער פון ביילישעס פראצעס און בילדער פון ערשטן ציוניסטישן קאנגרעס, האב איך מקנא געווען מיין טאטן, ווייל ער פארשטייט דאס אלץ. יעדער נאמען, יעדעס בילד, איז פאר מיר געווען א געהיימניס. ווען כ'האב אנגעהויבן גיין אין חדר פלעגט דער רבי, איצל, גיין מיט אלע קינדער שבת. אין שוהל אריין. מיר פלעגן זיצן אויפן בעלעמער און גאכזאגן הויך „אמן", ברוך הוא וברוך שמו... אבער אויפן בעלעמער האב איך זיך געפילט מער בעל הבית, ווי די אנדערע,

וויל מיין פאטער איז געשטאנען נעבן חזן און געלייענט דעם ספר. זיין שטים האט זיך הילכיק צעטראגן איבערן חלל פון שוהל און איך בין שטאלץ געווען וואס מיין „טאטעשי" לייענט, און נישט קיין אנדערער. שפעטער ווען כ'האב אנגעהויבן לערנען ביי ר' מענדל ראזנבוים (מענדל גארבער) פלעגט מיך מיין פאטער פארהערן מעביר סדרה זיין, ווי כ'האב זיך באמיט אויסצוזינגען יעדן דריידל פון שלשלת...

מיין פאטער איז געווען א גרויסער חובב ציון און פון די ערשטע „מזרחי"-מיטגלידער אין שרענסק. ארץ ישראל איז ביי אים געווען טייער און איינגעבאקן אין הארצן. אין די אומרועז פון 1929 אין ארץ ישראל (איך בין דאן 10 יאר אלט געווען) זענען אין שוהל געהאנגען די רשימות פון די קרבנות. די איינציקע צייטונגען (דער „היינט") וואס זענען אנגעקומען קיין שרענסק, זענען צעכאפט געווארן און מ'האט זיי געליינט גרופנווייז. איך געדענק איין גרופע ביי פרצן אין הויף, ווו יוסל שפירא האט פארגעליינט און אלע האבן זיך איינגעהערט מיט א פארכאפטן אטעם. געליינט געמען, און יעדער נאמען איז געווען טייער ביי יעדן פון אונז. יעדן שבת זענען אין שוהל געהאלטן געווארן הספדים לזכר החללים. איין אינצידענט וויל איך דערמאנען וואס האט ארויס געוויזן מיין טאטנס שטארקע ליבע צום ישוב אין ארץ ישראל: ווען אין שוהל איז געמאכט געווארן א הספד לזכר הקרבנות פון 1929 האבן זיך אלע אידן אויפגעשטעלט, איינער פון די מתפללים איז געבליבן זיצן, פארוואס ווייס איך נישט. מיין פאטער זעענדיק דאס האט נישט געקאנט פארטראגן אזא חילול הקודש און א געשריי געטאן, אויפשטעלן זיך! דער מתפלל ווידער האט זיך צעשריגן אויף מיין טאטן, די הייסט מיך אויפשטעלן, דורך ארץ פאר מיין עלטער... מיין טאטע נישט טראכטנדיק לאנג האט אים געענטפערט, כבוד און דרך ארץ פאר די קדושים... שפעטער ווען כ'בין שוין געווען אין „השומר הצעיר" און געגאנגען אויף „הרקה" אויסליידיקן די פושקעס פון ק.ק.ל. האב איך געקאנט זען וועלכע משפחות טראכטן שטענדיק וועגן ארץ ישראל — און ווארפן אריין אפאר גראשן, נישט איינמאל ווען די פאר גראשן האבן אויסגעפעלט אין שטוב (זעהר אפט). האבן זיי אבער קיינמאל נישט געפעלט אין דער פושקע. מיין פאטער ע"ה האט שטענדיג אין זיינען געהאט דעם ק.ק.ל. מיין טאטעשי האט זיך פיל מתעסק געווען מיט קהילה'שע זאכן, געווען בעל קורא אין שוהל, געווען בעל מתחיל אין די ימים נוראים, (געדאווענט פארן עמוד ביז „המלך")... ער איז געווען אין דער חברה קדישה און ביקור חולים.

איך וועל דא איבערגעבן וואס כ'האב געהערט פון מיין פאטער וועגן דער ערשטער וועלט מלחמה. די דייטשן פלעגן נעמען די אידן צו דער ארבעט, אונטער

וואַלבלעווע, אויסצוגראָבן טויטע פערד וועלכע זענען געווען פלאַן באַגראָבן, און באַגראָבן זיי טיפער. די גבלה׳ס האָבן שטאַרק געשמועקעצט, און מיין פעטער יוסקה איז געשטאַנען און אַרויס געשלעפט אַ פערד און געשריגן: קלאָגט קינדער׳ גאָר ענקערע יאָרן וואָס עך האָט דערלעבט... מיין פאָטער איז אַלע מאָל געווען ביי דער אַרבעט, ווייל ער איז געווען פיזיש שטאַרק, ביז ער איז איינמאָל אַריין צום רב ז״ל, מיט אַ געוואַלד: פאַרוואָס מען שיקט אַלעמאָל די זעלבע, זאָל ניט יעדן טאָג אַנדערע! פון דאַן אָן האָט דער רב יעדן טאָג באַשטימט אַנדערע אידן.

מיין פאָטער איז געווען אַ גרויסער יודע ספר, איך געדענק די הייזע וויכוחים זיינע מיט אליעזר דעת חזן׳ס. יעדן פרייטיק צו נאַכטס, גייענדיק פון שוהל, פלעגן זיי זיך שפּאַרן איבער אַ פּשט, אָדער אַ דין פון דער גמרא; איך פלעג גרויס הנאה האָבן. ווען מיר זענען אומגעקומען, מיין עלטסטער ברודער אליהו און איך, האָט זיך דער שבתדיקער טיש פאַרוואַנדלט אין אַ אָרט פון הייסע דיסקוסיעס, ווו מיין ברודערס וויסנשאַפטלעכער שטאַנדפּונקט האָט געוואָלט באַזיגן מיין פאָטערס, אָבער מיין טאַטע איז קיינמאָל ניט געווען דער באַזיגטער ווייל זיין ידיעות אין לערנען זיינען געווען דורכגעזאַפּט מיט וועלטלעכקייט. ער האָט אַלעמאָל געהאַלטן דעם שוואַכערן, מיט זיינע פּלייצעס פאַרשטעלט זיין שוואַכן ברודער גדליהו. אין אוישוויץ דער טויטן־לאַגער האָט ער לאַנג ניט אַנגעהאַלטן. ער איז אַוועק מיט זיין ברודער גדליהו צו דער אַמבולאַטאָריע, ווייל מיין פעטער גדליהו האָט זיך געהאַט צעהאַקט אַ פינגער. און פון דאָרט זענען זיי שוין מער ניט אַרויס. מ׳האָט זיי געשיקט אין „אויוון״ אַריין...

ווי טראַגיש דאָס זאָל ניט זיין פאַר אַ זון צו שרייבן, אָבער אַזוי האָט מען מיר איבערגעגעבן, היה היה איש ואיננו עוד...

געבליבן זענען נאָר זכרונות, געבליבן איז נאָר דער כבוד צו אים, געבליבן איז זיין נאָמען און איך בעט און האָף אַז די שיינע טראַדיציעס פון די משפחה ניבאָרסקי זאָל אָנגיין לעולם ועד.

„נצח ישראל לא ישקר״. עהרע זיין אָנדענק.

## א. קירשנבוים

# ר׳ מענדיל סארנאווער (קירשענבוים)

## מיין זיידע ע״ה, א מלמד אין שרענסק

אין שטעטל שרענסק זיינען אין יענער צייט געווען זיבען מלמדים, זייערע חדרים האט מען געקענט זיך פארשטעלען ווי כיתות אין ישיבות, לויט זייערע מדרגות, אדער ווי קלאסן להבדיל אין שקאלעס; חדרים פאר אנפאנגער, ווי למשל מרדכי ליפא׳ס חדר, און נחמי׳, חזי׳ איידעלס חדר. א העכערער חדר, ווו מהאט שוין געלערנט חומש און אנגעפאנגען רש״י זיינען געווען; מענדל ווייגמאכער׳ס חדר, און לייביע זייענציעס חדר. די חדרים אין וועלכע מ׳האט שוין געלערנט רש״י און אנגעפאנגען גמרא זיינען געווען; לייביע הערזמאנס חדר, וואלף זויהס חדר און מענדיל סארנאווערס חדר, ווו מהאט געלערנט גמרא מיט תוספות און פון דעם חדר איז מען שוין געגאנגען אין בית המדרש אליין לערנען פאר זיך, געווארען א בית המדרש בחור.

מענדל קירשענבוים, א געבוירענער אין פרושניץ און איינער פון די בעסטע בחורים אין יענער שטאט, איז געווארען אן איידעם צו איינע פון די אנגעזעענע משפחות פון קרזבארג, די גאלדרייכס, ווו סאיז געווען תורה וגדולה במקום אחד.

משה ניסן ע״ה, מיין באבע ציריל פאטער, האט בעסער געוואלט זיין א סוחר איידער א רב בישראל, פונקט אזוי האט אויך זיין איידעם, ר׳ מענדיל, נישט געוואלט מאכען די תורה א קרדום לחפור בה, און זיך גענומען צו האנדל. אזוי ארום האט ער מיט נאך עטלעכע אידן זיך באזעצט אין דעם גרויסען דארף סארנאווע און געחלומט דאס ארויף צו ארבעטן אויף א שטעטל, און צוליב דעם דארף איז זיין נאמען געווען מענדל סארנאווער.

אין דעם דארף האט ער אפגעלעבט די גרעסטע העלפט פון זיין לעבען, אלס פשוטער ישובניק, דערווייטערט פון זיין משפחה, אפגעזונדערט פון ווייבס משפחה, און מיט זייער ווייניקען קאנטאקט מיט אידן, בכלל האט ער נישט דערגרייכט צו דער מדרגה, צו וועלכע ער איז געווען באשטימט, און צו דעם וואס זיינע באטעטע האבן דערווארט און געהאפט פון אים צו דערגרייכן. ביי אזא לאגע און סביבה האט ער אפילו נישט געהאט די מעגלעכקייט צו געבן די געהעריקע דערציאונג פאר זיינע קינדער.

ווען סאיז געקומען דער רוסישער דעקרעט אז אידן מוזן ארויס פון די

דערפֿער, האָט מיין זיידע געמיינט פֿאַרלאָזן טאַרגאָוויצע, און דאָן האָט ער זיך באַזעצט אין שטעטל שרענסק. קען זיין דאָס ער האָט געפּילט, אַז דאָס איז אַן עונש אויף די זינד וואָס ער האָט פֿאַרגאַכלעסיקט זיינע קינדער, האָט ער גענומען אויף זיך מקבל־צו זיין תורה ביישראל; ער האָט געפֿינען אַ וואָרט און געוואָרן אַ מלמד.

ר׳ מענדיל האָט געהאַט דריי זין: מאיר איציק, מיכל (מיין פֿאָטער) און לייזער, דער ייִנגסטער פֿון זיי, און איין אַ טאָכטער עטא. פֿאַר דער טאָכטער האָט ער גענומען אַן איידעם אַ בן תורה, יואל ליב סאָסקי. די ערציונג פֿון די זין ווי איך האָב אויבן דערמאָנט, איז געווען פֿאַרנאַכלעסיקט, זיי זיינען געווען שוואַך אין די דיקדוקע אותיות, און מער ווי אין חומש מיט רש״י און אַ שטיקל מדרש זיינען זיי ניט געווען באַוואָוסט.

מיט מיין פֿאָטער ר׳ מיכל, (ר׳ מענדלס מיטעלער זון) איז געשען אַן איינטערעסאַנטער עפּיזאָד, (ער פֿלעגט דאָס תמיד דערציילן) וואָס האָט אים דערפֿירט צו דער מדרגה, אַז ער איז געוואָרן איינער פֿון די לומדים אין שטעטל שרענסק. ווען מהאָט געשדכנט צו מיין פֿאָטער מיכל די שיינע גראַטענע, ר׳ אשר קאַראַלציקס ע״ה טאָכטער, גאָלדע, (מיין מאַמע) האָט מען זיך ווי דער שטייגער געיחוסט מיט די מחותנים — ר׳ מענדל קירשענבוימס זון מיט ר׳ אשר קאַראַלציקס טאָכטער. די חתן כלה זיינען זיך געפֿעלן געוואָרן, די מחותנים האָבן מסכים געווען, און ס׳איז געוואָרן אַ שידוך, און יעדער צד האָט, ווי דער שטייגער איז, אָנגעהויבן טראַכטן וועגן חופּה־כלה׳ס מתנות. ר׳ אשר קאַראַלציק האָט געוואָלט מהנה זיין זיין טאָכטער און געבן איר חתן אַ חשובע מתנה. האָט ער געשיקט אַ דירעקטע פֿראַגע צום חתן מיכל, וואָס זיין פֿאַרלאַנג איז, צו וויל ער אַ גאָלדענעם זייגער צו ער וויל גאָר ש״ס? מיין פֿאָטער איז נבהל ונשתומם געוואָרן, אײב זיי טראַכטן מיר צו געבן ש״ס, האַלטן זיי דאָך מיך פֿאַר אַ למדן. האָט ער זיך איינגעשלאָסן בחדרי חדרים און גענומען לערנען מיט אַגעוואַלדיקע התמדה, און דורכגעוואָרפֿן כמעט גאַנץ ש״ס אין צוויי דריי יאָר. דעם גוטן קאָפּ האָט ער געהאַט, איז ער דורך דער אייט געוואָרן אַ בן־תורה במלוא מובן המלה.

פֿילע בית המדרש בחורים האָבן זיך צו אים געוואַנדן ער זאָל זיי מבאר זיין אַ שטיקל גמרא, איבערהויפּט אין אגדה איז ער געווען אויסגעצייכנט מיט גרויס פֿאַרשטענדעניש. עס איז שווער געווען צו געפֿינען צווישן גרויסע למדנים, וואָס זאָלן קענען אַזוי מבאר זיין אַ שטיקל אגדה ווי מיין פֿאָטער ע״ה פֿלעגט עס מבאר זיין.

## א. קירשנבוים

# יאָרצייט

(צום אנדענקען פאר מיינע עלטערן מיכאל און גולדה)

אנגעצונדן ליכטלעך צוויי,
זיי שפריצן פונקען, פלאמען.
זכרונות פיל דערמאנען זיי —
פון ליבע טאטע־מאמען.

— — — — — — — —

יא!... דינגי ממונות בשלשה...
זאג מיין קינד, רעד' שארף, הויך
לערן, לערן, די תורה הקדושה,
לייג צו קאפ, לערן מיט מח!
טיף זיך אריין מיט פארשטאנד.
סנהדרין!... איז שכל'דיק, א לעבן —
און מיין פאטער מיט דער האנט
וויל מיר אלעס איבערגעבן.
די אויגן גלאנצן, פארקנייטשט דער שטערן
און ס'קלינגט דער גמרא־נגון.
אין בית־המדרש לאזט זיך הערן
זיין אמת'ער פארגעניגן.
וויפיל האבן מיר שוין מיטגעמאכט
צרות אין אונזער לעבן?
דורכגעלאפן שוין א יאר אכט,
כ'קען דיר פארשטיין געבן,
א שטיקל גמרא אין נזיקין;
דאס מאכט קלוג און שארף,
איך וועל דיך אין ישיבה שיקן
און וועסט זיין א חריף.
מען וועט דיך פאר א רב אויפנעמען;
אז דו וועסט גאר וועלן,

איבעראל וועסטו שמ׳ען,
מאטע־מאמע וועלן קוועלן,
אז דו וועסט נאר וועלן... נו... ווייטער.
— און דער נגון קלינגט אנגענעם — —
ביז אהער גאר, גאר ביז אהער,
און דו וועסט גיין אהיים.
— — — — — — — — — —
א בית־מדרש בחור געוואָרן !!!
קיין בייז־אויג, קינד מיינס, ליגעו׳,
דורכגעלאפן שיינע יארן
מילע צרות שוין אריבער.
— — און צופרידן ווייטנ די מאמע.
אויף פנים קייקלט זיך א טרער.
לייד און פרייד מישן זיך צוזאמען
פרייט זי זיך מיט א זיפץ א שווערן — — —
גא דיר, קינד, זעמל מיט פוטער
עס און לאז דיר וואוילגיין —
וועסטו פאלגן פאטער, מוטער,
וועט דיר גוט זיין, וועט דיר וואויל זיין.
מאטע־מאמע וועלן האבן נחת;
אייביק זיך פרייען, קוויקן
און אין א שעה מוצלחת,
דיך אין ישיבה שיקן.
ס׳וועט זיך בענקען אלע יארן;
סיי אין וואך סיי אין שלאף,
ביז וועסט קומען צוריק צופארן,
און וועסט זיין א גרויסער רב.
זאל די ארעמקייט גאר ניט שטערן
אונזער רצון וואס מיר באגערן!
און אירע אויגן גיסן טרערן.
מיינע לימן ווערן זיס פון אירע קושן.
— — — — — — — — — —

זייערע אייגן בליונס צוזאמען,
שיינען פאר מיר אלע יארן.
די בליקן פון טאטע־מאמע,
לייכטן מיר אין זכרון,
איינגעהילט אין פחד פול,
מיט א הארץ א שווערע;
דער קאפ געבויגן שטיי איך אין שול,
און זאג קדיש מיט גרויס יראה.
די צוויי ליכטלעך אנגעצונדן
זיי שפריצן פונקען פלאמען
מיט זכרונות צוגעבונדן
צו מיין טאטן, צו מיין מאמען.

## א פרישער קבר

צום טויט פון מיין אומפארגעסלעכן ברודער לייב, וואס איז אזוי יונג אוועק פון דער וועלט אין עלטער פון צוויי און צוואנציג יאר. כ״ו ניסן ותרצ״ג האט ער אויסגעהויכט זין נשמה. ותנצב״ה.


לייב קירשנבוים ז״ל

דו האסט, שווארצער טייוול,
זיך באזעצט אין אונזער גארטן
און מיט דיינע שארפע נעגל
געמאכט גאנצע חורבות דארטן.
דו האסט מיט דיינע גראבע פליגל,
פון די פענסטער אין אונדזער צעלט,
קיינמאל ביט אפגעטראטן,
אייביק אונדז די שיין פארשטעלט.
ווי אן אבן גנבי דיינע קלעצער־טיס
זיינען בישט אפגעטראטן פון אונזער שוועל,
און מיט דיינע טייוולישע לאפעס,
פון אלעס, אלעס געמאכט א תל.

דיין פרעסער־פּיסק — די גרויסע ציינער,
האט אונזער חיונה פארצוקט,
דיינע רויבערישע אייגן האבן די לופט פאר׳סמ׳ט
ווען זיי האבן די שפּארעס דורכגעקוקט.

* * *

אין א קליינעם ענגן נעסט,
וואו א משפּחה האט אירע בעסטע
יונגע יארן — דארט פארזעצט.
מיט א לעבן אן א ווערט,
געגעסן קרענק, געטרונקען נויט
— ביז דעם סוף — ביז דעם טויט...
אין א קליינעם ענגן צימער,
וואו ס׳זיצן דארט פארומערט
יתומים יונגע, אן כח:
אנשטאט לופט — שטיקט א רויך,
קריכט אין קעל אנשטאט ברויט —
און פארקאפּטשעט די ווייסע הויט.
אין א דירה, דירה קליינע,
האט א נשמה, א נשמה א ריינע,
געגומען שייגען ווי א שטראל;
האט געקעמפט פאר אידעאל,
פון פערשווינדן היינט אוועק,
און געגרייט זיך צו א צוועק.
אויף די קאלאניע חלוצים, שולן;
וואו ס׳אנטוויקלען זיך מוסקולן,
אהין, אהין צו א נייעם לעבן —
— געוואלט פארווירקלעכן זיין שטרעבן,
אנגעשטרענגט ר׳האט יעדן אבר. —
איך באוויין איצט דעם פרישן קבר.

* * *

די האסט, שוואַרצער טייוול,
צעטראַמפּלט אונזער גאַרטן.
— יונגע בוימער — מיטן וואָרצל.
אויסגעריסן האסטו דאָרטן,
די צווייגן צעשפּרייט,
אין וויטן ווייט...
די שפּראָצונגען צעטראַטן,
אויסגעריסן פון די בייטן.
אונדזער זיסן וואַסער־קוואַל,
האסט פאַרסמ׳ט מיט גיפטן־גאַל.
עס קען שוין זיסער מער נישט ווערן,
אַנשטאָט וואַסער — קוועלט דאָרט טרערן.

---

יוסף רימון (גרינט)

## משה ראָזנבערג

## דער גרויסער קאָמפּאָזיטאָר און קאָמוניסטישער עסקן

אין דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט אין מלאווע, איז ער געווען א שם דבר, אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג אין דייטשלאַנד איז ער געווען אַבעקאַנטע פערזענלעכקייט. זיינע קינדער־יאָרן האָט ער פערבערענגט אין שרעפסק. א זון פון גרויסן גערער חסיד, ר׳ שמשון ראָזענבערג ז״ל, איז ער געוואָרן דערצויגן שטרענג רעליגיעז. געלערנט אין חדרים און אין בית המדרש, גמרא און חסידות זיינען געווען ביי אים דער עיקר.

זיינע חברים דערציילן, אַז נאָך אין די קינדער־יאָרן איז משה געווען א רעוואָלוציאָנער, נישט געוואָלט לערנען, און פלעגט אין געהיים קומען צום חזן, ר׳ שלום ליפּ ז״ל, זיך לערנען נאָטן. געשאַפט זיך א פידל און געלערנט שפּילן. ווען דער פאָטער, דער גרויסער גערער חסיד, האָט זיך דערוואוסט פון זיין זונס מעשים פלעגט ער אים צו בינדן צום פוס פון בעט אלס שטראָף, אָבער משה, א יינגל א עקשן האָט דאָס אַלץ איבערגעטראָגן און ווייטער פאָרגעזעצט זיין זעלבסט־בילדונג.

יעקב גראבארט פון אמעריקא, א חבר פון משה'ן, שרייבט, אז ער איז געווען זיין נאנטער חבר. זיי האבן צוזאמען פארברענגט ביי זיי אויפן הויז'עמ־שטיבל, ליינענדיק רעוואלוציאנערע פראקלאמאציעס, וואס ער פלעגט קריגן פון זיינס א חבר פון מלאווע. ער איז געווען זייער א קלוגער בחור, און געווען דאס ערשטע ייגל אין שרענסק, וואס האט געבראכן די אידישע טראדיציע.

דער פנקס מלאווע שרייבט

אין יענע צייטן ענדע 1904, זענען אין מלאווע געווען בעוווסט צוויי ארגאניזאציעס „ציוני ציון" און „חובבי ציון".

פון די צוויי אויבנדערמאנטע ארגאנ. האט זיך אפגעטיילט א גרופע יוגנטליכע, און זיי האבן געגרינדעט דאס ערשטע אידישע ארבעטער קרייזל.

אין יאר 1905 איז די ארגאניזאציע באשטאנען פון דריי קרייזלעך, מיטן צווייטן קרייזל האט אנגעפירט משה ראזענברג. ער איז שפעטער געווען א לעגענדערע צייט מיטגליד פון צענטראל־קאמיטעט פון דער דייטשישער קאמוניסטישער פארטיי. ער איז געווען אמביציעז און אינטעליגענט, ער האט נישט דורכגעלאזט קיין איין פערזאמלונג, אומעטום אכטונג געגעבן אויף דער בעסטער ארדענונג. מהאט אים גערופן „בילדונגס־מיניסטער".

אין מלאווע האט זיך געשאפן א קאמפס־ארגאניזאציע (באיעוואי־אטריאד) אין ארבעטער־קרייזעל פון די „פועלי־ציון" אן דעם קאנטאקט מיט דער צענטראלע, ווו משה ראזענבערג איז אויך געווען א חבר.

אין יאר 1905, אין קאמף מיט די זשוראמינער בעלי־עגלות, זיי זאלן אן א דערלויבעניש נישט אריינפארן אין שטאט, פירט ראזענברג אן מיט דער אקציע.

די ידיעות וועגן באריקאדן אין מאסקווע און פעטערבורג, האבן דאמאלס גערופן צו מעשים. די מלאווער ארגאניזאציע שאפט אן אויספיר־קאמיטעט מיט משה ראזענברג בראש, וועלכער האט דאן געוווינט ביי פישל בלעכארש, (מחמת די רדיפות וואס ער האט געהאט אויסצושטיין אין דערהיים פון זיין טאטן, שמשון דעם גערער חסיד). חבר ראזענבערג פלעגט אנשרייבן און קאפירן מיט טוש אלע אויפרופן, ווי צ. ב. ש. „חברים דער נצחון איז נאנט".

סוף פעברואר 1907, איז פארגעקומען אן איבערפאל איבער דער באנק ספולדז'עלני. אין איבערפאל האט אויך אנטייל גענומען משה ראזענבערג, ווען די גרופע איז אנגעקומען אין באנק האט זיך אויף זיי געעפענט א שיסעריי. משה ראזענבערג אנטלויפט דאן קיין אויסלאנד נאך דייטשלאנד.

ג. קורן

# ד״ר בנימין גראבארט ז״ל

עס איז אונז נישט באקאנט דער גאנצער לעבנס־לויף פון ד״ר בנימין גראבארט ז״ל. ער האט פארלאזט אונזער שטעטל אין יאר 1909, און אוועק אין דער ברייטער וועלט מיט אשטארקן ווילן און דראנג צו בילדונג און וויסן. ער איז זוכה זיך געווען דער ערשטער, אלענפאלס איינער פון די ערשטע, פאר וועלכע די ראמען פון בלויז גמרא לערנען און שטרענגער רעליגיעזיטעט זיינען געווען צו ענג, אום זיך קענען אין זיי אויס צו לעבן. ער האט שוין אין זיין פרייער יוגנט, אין די ערשטע יארן פון 20־טן יאר הונדערט, מיט גרויס אייפער און דורשט געלעזן, געלערנט און איינגעזאפט אין זיך יסודות פון וויסנשאפט אויף פארשידענע געביטן.

בנימין גראבארט האט געהערט צו דער יוגנט פון יענער צייט ביי וועלכע דער דראנג צו השכלה איז נאך ניט געווען צוזאמענגעגאסן מיט דער שטרעבונג צו אידיש נאציאנאלער רענעסאנס און זיין פון דער ציוניסטישער אידעאלאגיע. ער איז ווי עס שיינט געווען באאיינפלוסט פון סאציאליסטיש קאסמאפאליטישער וועלט אויפפאסונג. דער קרייז פון וועלכן ער איז באווירקט געווען, איז נאך ניט באקאנט געווען מיט די שוין דאמאלס אויפשטייגענדע נייע העברעאישע ליטעראטור, וואס האט געהאט אן ערשטקלאסיקע באדייטונג ביים אויסבילדן און פארטיפן דעם ציוניסטישן געדאנק. דאגעגן האט בנימין גראבארט געהאט אגרויסן אינטערעס פאר דער אידישער ליטעראטור, געלעזן די קלאסיקער פון יענער צייט אויף וויפיל דאס איז אין אונזער שטעטל מעגליך געווען. איך משך פון זיין גאנץ לעבן האט ער געהאט פיל פיעטעט פאר דער אידישער ליטעראטור און אין אמעריקא שפעטער פיל געשאפן אויף דעם געביט.

ער האט ווארשיינליך אין זיין יוגנט געפירט אשווערן קאמף פאר זיין ציל און פארלאזט דאס שטעטל מיט אביטער געפיל, ווי ער שרייבט אין איינעם פון זיינע בריף: „ווען איך האב פארלאזט דאס שטעטל און אנגעקומען קיין אמעריקא איז מיין ערשטער ווונטש געווען אויסצומעקן פון מיין געדעכעניש אלץ וואס איז געווען פארבונדן מיט שרענסק". ער האט געהאט פארשטענדעניש פאר גרויסע קולטור ווערטן וואס דאס אידישע פאלק האט געשאפן אין משך פון זיין גרויסער לאנגער געשיכטע. דער פאנאטיזם אבער, פון וועלכן ער האט זיך געזען גערודפט האט אין אים געוועקט אנטיפאטיע באציהונג צו שאפונגען וועלכע ער האט געהאלטן פאר בלויז גרויס־גלותדיק און פאנאטיש.

אין דערמאַן זיך ווי פון אַ חלום אין זיינע ווערטער, בשעת מיר זאָך קינדער זייענדיק זיינען מיט אים געשטאַנען פאַר אַבאַרג אַש נאָך אַן אָפּגעברענט דאָרף. ער האָט דאַן געזאָגט, מער אָדער ווייניקער, דאָס יעצטיקע אידישקייט איז ווי אַ באַרג אַש וואָס איז כסדר געוואַקסן און וואָס אַ מאָל מער פאַרדעקט די לעבעדיקע פונקען פון אַמאָליקער גרויסקייט. אפשר וועט אַמאָל דאָס אַש אַראָפּגעבלאָזן ווערן און די פונקען וועלן זיך אויפסניי צעפלאַקערן אין אַגרויס פייער. אין די שפּעטערע יאָרן האָבן מיר, פון אַן אַנדערן אַספּעקט, זיך דערמאָנט אין זיינע ווערטער.

אין אַמעריקאַ האָט ער זיך גענומען לערנען מיט גרויס איפער און אַנטוויקעלט זיינע גרויסע פעאיקייטן וואָס זיינען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דער משפחה גראַבאַרט. ער האָט שטודירט דענטיסטיק און באַקומען דעם טיטול ד"ר דענטיסט. אַלענגערע צייט האָט ער פּראַקטיצירט אַלס דענטיסט און געהאַט דערביי גרויס דערפאָלג. דאָס איז אָבער געווען נור פון פּרנסה וועגן. מיט האַרץ אין נשמה איז ער געווען אין אַנדערע וועלטן, ער האָט געטראַכט וועגן ליטעראַרישע שאַפונגען און דערציהונגס אַרבעט. עס איז פאַר אים געשטאַנען דער אידעאַל צו היילן דעם מענטשענס גייסט און אַנטוויקלען אין אים דאָס געפיל פון שיינקייט פאַר ליטעראַרישע שאַפונגען און העכערע אידעען.

אין אַשיינעם פרימאָרגן, ווי עס שרייבט זיין ברודער ראָבערט, האָט ער ליקווידירט זיין דענטיסטן קאַבינעט און אַוועק אַרבעטן אין די אַרבעטער ריינג שולן. ער זאָגט ווייטער שטודירט און באַקומען נאָך אַנדערע אַקאַדעמישע טיטולן. 30 יאָר איז ער געווען טעטיק אַלס לערער און דערציער אין פאָלק און מיטל שולן פון אַרבעטער ריינג און גלייכצייטיק פיל געשריבן אויפן געביט פון ליטעראַטור קריטיק. ער האָט געהערט צו די „אינזיכיסטן" — דאָס איז געווען אַ גרופע יונגע שרייבער וועמענס צוגאַנג צו דער ליטעראַטור איז געווען אַמאָדערניסטישע. צווישן אַנדערע האָט ער אַרויסגעגעבן אַ בוך א. נ. „אַפּערטעל יאָרהונדערט ליטעראַרישע שאַפונגען אין אַמעריקאַ".

ווי דער אידישיזם אין אַלגעמיין האָט אויך ד"ר בנימין גראַבאַרט מיט זיין דערציערישער און ליטעראַרישער טעטיקייט אויסגעפירט ניט קיין קליינע ראָל אין קאַמף קעגן דער אַסימילאַציע וואָס האָט געדראָט די אידן אין אַמעריקאַ ביי די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פרייהייטן פון וועלכע זיי האָבן גענאָסן. דאָס איז געווען אַמין פאַרשאַנצען זיך אין שרץ־גרובענס פון בלויז געגנוואַרטיקע קולטור ווערטן, כדי פון דאָרט צו פירן דעם קאַמף פאַר דער נאַציאָנאַל פאָלקסטימליכער אייגענאַרטיקייט פון די אידישע מאַסן. עס האָט אים ווי זיינע חברים געפעלט דער דראַנג צו פולשטענדיקער גאולה פון אידישן פאָלק, וואָס האָט געצויגן זיין יניקה

פון רעליגיעז־נאציאנאלן משיחישן אידעאל. ביי בנימין גראבארט קאן מען די סיבה דערפון געפינען אין די אומשטענדן פון זיינע פריהע יוגנט יארן, וואס אנשטאט צו דערנענטערן אים צו די אידישע מקורות איז ער פון זיי אפגעשטויסן געווארן.

דער קאטאקליזם פון אייראפעאישן אידנטום און די אידישע גבורה בייס אויפשטעלן די אידישע אומאפהענגיקייט אין דער אלט־בייער היים אין אים דערוועקט געפילן פון בענקעניש צו זיין געבורטס שטעטל און אויך א האפנונג צו באזוכן ישראל. ער האט אויך ווי עס שיינט געמאכט אנגייע אפשאצונג פון די פוילישע אידן־דעמבעס״ ווי ער רופט זיי אן אין זיינעם א בריף — און די גרויסע קולטור ווערטן וואס זיי האבן געשאפן. ליידער, איז זיין האפנונג אויף א באזוך אין ישראל גישט פארווירקליכט געווארן פון קראנקן בעט אויף וועלכן ער איז ארויף נאכן ארופפאלן פון אצאל שטיגן איז ער מער נישט אויפגעשטאנען. ער איז נפטר געווארן דעם 11־טן דעצעמבער 1957.

---

## ד״ר ב. גרובארט רופט צו ווידמען צייט און כוחות פארן „יזכור בוך״

די לעצטע יארן, מיטן אומקום פון די פעסטע, אייגנגעווארצעלטע אידן אין שרענסק, האב איך זיך געפראווט צוריק אויפבויען א שטעטל, מיט נעמען מיט מענטשען און צו ביסלעך אויך זכרונות. א בענקשאפט האט מיך פארפלייצט, צו די דעמבעס־אידן וואס זיינען אויסגעריסען געווארן און בייזאמען מיט זיי, אויך מנהגים טראדיציעס און פאלקלאר.

ס׳איז דא נאר איין געדאנק אויפצולעבן און צו פאראייביקן אונזער שטעטל מיט א „יזכור־בוך״, עס איז א טייל פון דער גרויסער כינוס מיטיע וואס מיר דארפן דערפילן. די ארבייט איז א הייליקע און פארדינט מ׳זאל פאר איר קרבנות ברענגען. מיר האבן דא רוהיג געלעבט, בשעת דארט האבן פייערן געפלאקערט. מיך מאטערט א שולד געפיל: פאר וואס זענען מיר אויף בעטן בעשלאפען, מולציימן געפרעסען ווען אונזערע טייערע האבן אזויפיל פיין און צער און ליידן מיטגעמאכט.

לאמיר אמווינקסטנס זיי פאראייביקן.

הנני, איך בין גרייט אלץ צו טאן.

כוויל הערן מער פרטים פון אייער ארבעט פארן „יזכור־בוך״.

אייער ב. גרובארט

---

# „אודים מוצלים מאש"

## שרענסקער אידן, וואס זענען געשטאַנען

## על סף המות און זענען ניצול געוואָרן

**הלוא זה אוד מוצל מאש (זכריה ג׳ ב׳).**

1. אלטוט נחום
2. אוסמאַן י. צ.
3. בן מנחם נתן ומשפחתו (דאַבראַשקלאַנקא)
4. גרינבוים יצחק מאיר ומשפחתו
5. הענדל הענא (מן הבית קורן)
6. הויזמאַן יוסף צבי
7. ברײנה בעקער
8. ליפשיץ מנשה
9. ליפשיץ יעקב שמשון
10. מאַרינאַביץ דוד
11. ניבאַרסקי משה
12. סאַלדאַנער ראובן
13. ספיר חנה (מקודם קורן)
14. קורן עקיבא
15. קורן מיכאל
16. קורן נחמן ואשתו
17. קאַנסקאָוואַלסקי ליב
18. שערפּסקי יוכבד
19. אקס שרה.

מיר געבן די משפחה בילדער פון די ניצולים, דאָס איז דאָס קלענסטע וואָס מיר האָבן געקענט טאָן פאַר זיי — העורך.

יוסף צבי אוסמן
ואשתו פייגא לבית הוכמן

# אונזער שווערער לעבענס וועג

16 יאר בין איך אלט געווען ביים אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה אין יאר 1939.

ביי דעם יודען־ראט, וואס זיין גאנצע טעטיקייט איז בעשטאנען צו פארטיילן אויבעט די אידישע באפעלקערונג, בין איך געווארן פארדעכנט פאר א פאל־שטענדיק דערוואקסענער מענש. איך האב געטון די ארבייט ווי אלע גרויסע, ווי למשל ביים גראבן גריבער אפצוציהען דאס וואסער פון די פעלדער.



צבי אוסמן בישראל באושוויץ

כ׳בין געווארן איבערגעפירט צוזאמען מיט דער גאנצער אידישער באפעל־קערונג אין מלאווער געטא. יעדער אייגער האט זיך געגומען צופאסן צו די נייע באדינגונגען, ד״א איז געשען א פאל וואס האט מיך און גאנצן דערציטערט. אין שרעקלעך זיינען אין משך פון דער גאנצער צייט פון קריג, ביי אלע צרות קיין קרבנות נישט געווען. מען האט געהערט פון אנדערע שטעטלעך וועגן קרבנות, אין מלאווער געטא איז געווען א פאל פון ערשטן שרעקלעכער קרבן. מען האט געהאנגען מענטשן, ווו מיין ליבער פעטער יעקב אהרן ז״ל האט מען געצוואונגען

צו ציען דעם שטריק. דאס האט מיך אזוי דערשיטערט אז כ׳האב בעשלאסען ארויסגיין פון מלאווער געטא, כ׳האב זיך דאן פרייוויליק געמאלדן צום מלאווער יודען־ראט, און כ׳בין געווארן דורך זיי געשיקט נאך צערגין, א דארף ביי פראשניץ, ווו איך האב געארבעט ביי מאכען א שאסיי אין יענעד געגנד.

ווען די דייטשען האבן ליקווידירט דאס מלאווער געטא און אלע עלטערע זיינען געשיקט געווארן מיטן ערשטן טראנספארט, זיינען אלע אידען וואס האבן געארבעט אויסער די געטא צוריקגערופען געווארן אין מלאווער געטא.

זאל מיר דער לעזער אנטשולדיקן, אז כ׳וועל דערמאנען א משפחה עפיזאד, אין מלאווע בין איך געקומען ווי ס׳איז פארגעקומען די חתונה פון מיין שוועסטער מיט נחום אלטוס, ס׳איז געווען א שמועה אז די וואס האבען חתונה וועלען בלייבן ווייטער אין געטא, אדער בלייבן לעבען.

דעם 13 נאוועמבער בין איך געשיקט געווארן מיטן צווייטן טראנספארט קיין אוישווין, כ׳בין דארט אריין אין א מוירער שולע, און געלערנט 6 מאנאטן דאס מויערער־פאך. נאכ׳ן דערלערנען דאס פאך, בין איך געשיקט געווארן צו בויען דעם ציגיינער־לאגער, און פון ציגיינער־לאגער נאך „בירקען־הויז״, אפארבעטנדיק אין בירקן־הויז 6 מאנאט בערך, האט מען מיך איבערגעפירט נאך שטוטהאף — אין פון שטוטהויף נאך דאנציג, צו ארבעטן ביי בוי־שיפן מיטן ציל כ׳זאל דערלערנען דאס שלאסעריי־פאך. אין דאנציג בין איך בעפרייט געווארן צוזאמען מיט א זשוראמינער מאטעק פאפיאל. דארט האבן מיר גענומען א פערד און וואגן און געפארן קיין זשוראמין.

דער מארטירער וועג פון מיין פרוי

פון ביעזשון זיינען אלע אוועק קיין ווארשא, פון ווארשא קיין מיידאנעק, פון מיידאנעק קיין איישוויץ, געארבייט אין א וועבעריי ווארשטאט, פון אושווין נאך דייטשלאנד און דארט באפרייט געווארן.

דאס איז געוועזן אונזער מארטירער וועג.

## נחום אלטוס

# וויא אזוי בין איך געבליבען לעבען ?

ס'איז נישט אזוי לייכט צו ענטפערן, ווי אזוי בלייבט איבער איינער פון טויזנטער, ווען אויפן יעדן שריט און טריט איז געוועזן פערצייכענט דאס שרעק־לעכע ווארט „טויט". ווען די נאנטסטע מענטשן דיינע ווערן צובראכן גייסטיק, ווערן אוועקגעשיקט אין די אויזוועגס, חברים דיינע שיקט מען אוועק אין די אויזוועגס, אן שום סיבה, און דו מענטש שטייסט, קוקסט זיך צו און קענסט נישט העלפן. צען לאגערן האב איך דורכגעוואנדערט, און געליטען מיט אלע אידען צוזאמען. פון שרענסק בין איך מיט אלע שרענסקער איבער טראנספארטירט געווארן



נחום אלטוס

אין מלאווער געטא, דער הויפט־פירער איז דארט געוועזן פערלמוטער. איך בין געוועזן אין צווייטן טראנספארט וואס איז געווארן אוועקגעשיקט פון מלאווא נאך

אוישוויץ, כ׳האב געוווסט אז אין ערשטן טראנספארט זענען געווען אסאך שרענסקער, ליידער האב איך שוין קיינעם נישט געטראפען *). כ׳האב אלץ פארשטאנען, כ׳האב געוווסט ווו זיי זענען אהינגעקומען. מען האט מיך גענומען צו דער ארבייט. 4 יאר האב איך אויסגעהאלטען דעם גיהנם, פון שטאל האט מען געמוזט זיין, נישט פון פלייש. די נאטור האט מיר געגעבען כח, כ׳זאל דאס אלעס איבערלעבן. גאט האט מיר געהאלפן אז איך בין נישט קראנק געווארן, ווייל א קראנקן האט מען פערברענט. מיין קוזין שמואל בעקער, וואס איז מיר געווען דער גאנצטרייסט, ווייל קיין שרענסקער אין שוין מער נישט געווען צווישן די לעבעדיקע אין אוישוויץ. איך און מיין קוזין שמואל האבן נאך געלעבט, שמואל בעקער שטענדיק אין א גוטע שטימונג מוגטער, כ׳שטעל זיך איין יעדן טאג אויף קידוש השם, פשוט סכנת־נפשות און איך קום באזוכן, כ׳הרענג איהם עסען און צו רויכערן.

אזוי פערברענגען מיר צוזאמען יעדן טאג, במשך 6 חדשים, צוזאמען האבן מיר געזוכט שרענסקער, וועלכע מיר האבן ליידער נישט געפונען. אזוי האבן מיר זיך איינער דעם צווייטן געמוטיקט, נאר ליידער איז געקומען דאס אומגליק, שמואל בעקומט א קלאפ אין פוס ביי דער ארבעט, און ער קען נישט אזוי שנעל לויפן. די אויסוורפן שיקען אים אין קרעמאטאריום און ווערט פארברענט. איך בין געבליבען איינער אליין א פארצווייפלטער.

כ׳וויל פארצייכנען נאך א פאקט וואס האט מיר געהאלפן ניצול צו ווערען, נישט בלויז דער קערפער מייגער איז געווען א שטארקער, און דורך דעם בין איך געראטעוועט געווארן, נאר דאס וואס איך בין פון פאך געווען א שוסטער, האב איך געארבייט א געוויסע צייט אין א שוסטער־ווערקשטעל. דאס אליך האט גורם געווען אז כ׳בין געבליבען לעבן, נאר צום סוף שטעל איך די פראגע: וויאזוי?

דערלויבט מיר צו ברענגען נאך אן עפיזאד, וואס איז געווען פאר מיר די גרעסטע איבעראשונג אין מיין לעבן, און כ׳וועל עס געדענקען מיין גאנץ לעבן. דאס טרעפען מיין טייערן גוטן לערער פון שרענסק נחמן קארן אין זעם לאגער פון אושוויענטשים אנפאנג 1944.

---

*) דער ערשטער טראנספארט פון מלאווער געטא איז אוועק נאך טרעבלינקא. העורך

# זכרונות אחת השרידות

יוכבד שרטסקי־גוריון השרידה היחידה מן הבנות והנשים בשרנסק, מספרת איך נצלה מן הגיהנום הנאצי — והרוסי.

כשפרצה מלחמת העולם השניה הייתי בגיל 15. עיירה שרנסק נכבשה אז ע״י הגרמנים הנאצים. ארבעה חדשים בליתי ביחד עם המשפחה בגיהנום הנאצי. כשחלפו ארבעה חדשים אזרה אמא עוז והתחילה ללחוץ על הילדים הצעירים, שיגנבו הגבול ויעברו לרוסיה. היינו קבוצה שלמה, אחי ישעיה בן 20, אחי אברהם בן 18 ואני בת 15 ודובצה ופייגא זימן עם בתה. הצלחנו לעבור את הגבול והתקדמנו לעיירה לומזה. לאחר שנחנו קצת המשכנו לאוקראינא, לעיר קמין־קושירסקי. שהיתי תחת המשטר הרוסי ארבעה חדשים. לצערי לא ראיתי לפני קץ המסע והנדודים, התגעגעתי הביתה. מהבית קבלתי מכתבים בהם הזהירו אותי, שלא אעיז לחזור לעיירה אשר אימת מות דובצת בה, אבל הגעגועים גברו מיום ליום ואני החלטתי לחזור. בצעדים בטוחים נכנסתי למשרד הסובייטי ונרשמתי לחזור הביתה לאמא, לאיזור הגרמני.

הפרידה מן הקבוצה

אחי ודובצה ופייגה זימן הסכימו לקבל דרכונים רוסיים ונשארו במקום. לאחר שנרשמתי לחזור לאיזור הגרמני נענשתי ונשלחתי לסיביר נובי סיבירסק, ששה חדשים הייתי לבדי בסיביר בתנאים הכי גרועים, עד שלבסוף הביאו בחשבון שאני ילדה צעירה והחיים בסיביר הם קשים, החליטו להוציא אותי מסיביר. הועברתי לאורל פלך סברדלוב, נכנסתי לעבוד בבית חרושת של אזבסט. עם התקדמות הגרמנים, נשלחתי לאסיה התיכונה, יחד עם עוד נערות. באמצע הדרך הורידו אותנו מן הרכבת והשאירו אותנו לגפנו. היינו נאלצות לעבוד באיטוני כותנה. מנת חלקי היתה חיי־רעב ובלי קורת גג, עד סוף המלחמה.

עם גמר המלחמה חזרתי לפולניה, ביחד עם אזרחים פולנים. בשנת 1946 הצטרפתי לקבוץ, נדדתי דרך צ׳כיה ואוסטריה, חציתי באורח בלתי חוקי גבולות דרך הרים מושלגים עד שהגעתי לאיטליה.

באפריל שנת 1947, אחרי טלטולים קשים באנית משא „שאר־ישוב״, הגעתי לחופי הארץ. לא זכיתי לעלות על החוף, כי הספינה נתפסה ע״י הצי

המלכותי הבריטי. אחרי התנגדות חזקה וקרב קצר עם חיילי הצי, הועברנו בכח לאניות מעצר בריטיות למחנה מעצר בקפריסין.

ביום 25 .I. 49. ביום הבחירות לכנסת הראשונה הגעתי באנית המעפילים „גלילה" לחופי המולדת המשוחררת. בזה תמה ונשלמה דרך הנדודים מפולניה הכבושה לסיביר, ומרוסיה למחנה המעצר הבריטי בקפריסין.



יוכבד שרפסקי־גוריון ומשפחתה.

כעת אני אשה לבעל שעשה את דרכו כמוני ואם לילד הנקרא משה יעקב על שם אבי, זכרונו לברכה.

---

נתן בן־מנחם (דובראשקלנקה)

## איך ניצלה משפחתי מצפרני הנאצים

כאשר פרצה מלחמת העולם השניה, בראשון לספטמבר 1939, גרתי בוורשה. בשביעי לספטמבר בלילה, הודיע ראש העיר וורשה סטרזינסקי, שהאויב עומד לכבוש את העיר, ועל הגברים לעזוב מיד את העיר ולפנות מזרחה. התיעצתי עם בני המשפחה והחלטנו שאני אשאר יחד אתם בוורשה.

בסוף ספטמבר פלשו חיילי היטלר לוורשה לאחר הפצצות שנמשכו חודש ימים ע"י אוירונים ותותחים. המצב בעיר היה חמור מאד. לא היה מים וחשמל, בחוצות התגוללו חללי חרב וחללי רעב. אזורים שלמים עוד עמדו בלהבות והכל היה נראה כבחלום בלהות.

ועד הקהילה התחיל להקים מטבחי־עם בשביל המוני רעבים שדירותיהם

בחורינו ושנשארו ללא לחם וללא בגד. אשתי ז״ל שהיתה עקרת בית למופת ידעה גם בשעת המחסור הכללי לדאוג שבבית לא יחסר שום דבר.

המצב החמיר מיום ליום. אלפים ורבבות יהודים גורשו מערי השדה וכולם באו לוורשה בעירום ובחוסר כל.

כעבור כמה שבועות נתקבלו ידיעות שהסוכנות היהודית בא״י עושה מאמצים באמצעות הממשלה האיטלקית לאפשר עלייתם של עסקנים ציוניים מפולין לא״י. בין המאושרים האלה היתה גם משפחת גיסי לחובר, שזכתה בחודש דצמבר 1939 לעזוב את וורשה ולהגיע לטריאסט.

נדברנו עם הגיס שבאם תהיה איזו אפשרות להשיג סרטיפיקט בשביל משפחתי, ישתדל להכליל שם גם שמה של עדה, חברת בננו מנחם, אשר עלה לישראל כמעפיל חדשיים לפני פרוץ מלחמת העולם השניה.

בו ברגע שקבלנו את הידיעה המשמחת, שישנם סיכויים לקבלת הסרטיפיקט המשפחתי, נגשנו לסדר את כל התעודות הדרושות. ביום 28 לח׳ אפריל 1940 עזבנו את וורשה, בכדי להגיע דרך ווינה לטריאסט. אולם בהגיענו לגבול האיטלקי נאמר לנו, שאין מעבר והגבול סגור, כי ביום זה הצטרפה איטליה למלחמה לצידו של היטלר והוחזרנו לווינה.



מימין לשמאל: נתן ואשתו חנה ז״ל, זהבה בתם ועדה ארוסה של בנם מנחם.

בווינה היינו כששים פליטים מפולין והקהלה היהודית דאגה לסידורנו. במשך חודש ימים גרנו במלון מפואר, אח״כ קבלנו סידור במעון ילדים, היות

שגם משפחותי כללה שתי ילדות. המצב הזה נמשך כחודשיים ולא ראינו כל מוצא. פחדנו שהגיסטפו תאל׳ץ אותנו לחזור לורשה.

פתאום קרה הנס שהקינסוליות מארצות הבלקן הסכימו לתת לנו ויזות מעבר לתורכיה. קבלנו ויזות טרנזיט מהקונסול הבולגרי על סמך ויזה טורקית שהצלחנו להשיג בטרדיות מהקונסול התורכי.

בסוף ח׳ אוגוסט 1940 הגענו בשלום דרך סוריה לארץ מולדתנו והנכספת בהביאנו אתנו מתנה יקרה בשביל בננו, את בחירת נפשו, את בת זוגו!

ירושלים 8, יוני, 1959

---

## יצחק מאיר וצפורה גריגבוים

# אינזער מארטיער וועג

דעם 8 סעפטעמבער 1939 זענען די היטלעריסטישע חיילות אריינמארשירט נאך לודז׳, און דאן האט זיך פאר די אידן אנגעהויבן אן אמת׳ר גיהינום. עס ווערן ארויסגעגעבן אויסנאמס געזעצן פאר אידן, אז זיי איז דערלויבט צו געפינען זיך אין גאס בלויז פון 8 ביז 4 נאכמיטאג. שפעטער האט מען אין אלגעמיין נישט דערלויבט צו גיין אויף די וויכטיגסטע גאסען. א איד איז נישט דערלויבט צו גיין אויפ׳ן טראטואר, א איד האט געמוזט טראגן א געלע לאטע, אידען איז נישט דערלויבט צו האנדלען מיט מאנופאקטור און לעדער און אויך נישט צו פראדוצירן. אידישער בעל מלאכה טאר נישט ארבייטן קיין נייע שיך, אלע אידישע געשעפטן ווערן קאנפיסקירט. יעדער דייטש אדער פאלקס דייטש האט געהאט דאס רעכט צו כאפן אידן צו דער ארבעט, און פייניקן וויפיעל זיין סאדיסטש הארץ האט געגלוסט. אויך מיך האט מען איינמאל געכאפט צו דער ארבייט צו זאמען מיט חסידישע אידען מיט בערד און פאות. די פייניגונגען פון די אויבן דערמאנטע איז געוועזן אין לשער, געהרגט און געשלאגן, האלבע בערד האט מען זיי אבגעשניטן, מיט א ראזיר מעסער האט מען זיי אבראזירט אויף טריקן אז דאס בלוט האט געשפריצט. די שאנדע אין ווייטיק אין הארצן איז געוועזן גרויס, בלויז אזקוקענדיק וואס מ׳טוט א צווייטן איד. די אלע איבערלעבענישן און נאך דערצו די איובֿ־בשורות פון די פראווינץ שטעטלעך?!?! גירושים און מאסן מארדן, האבן ביי מיר רייף געמאכט דעם געדאנק, מ׳מוז פון דער ווילדער בעסטיע אנטלויפן. די

דייטשישע וועבער, יעדער איינער פון זיי איז געווען דער הערשער איבער דיין לעבן. ביי יעדע קליינע מסירה׳ האט מען גענומען אן דין און משפט און געהאנגען אדער געשאסן. דאן האט נאך קיינער נישט געגלייבט, אז ס׳וועט קומען אזא טאטאלע פארניכטונג פון מענער, פרויען און קינדער. איך האב זיך געזעגנט מיט מיינע שוועסטער הענע און חיה יטא מיט זייערע מענער, מיט מיין ברודער שלמה, זיין פרוי און טייערע קינדערלעך. דאס הארץ איז צוגאנגען פאר ווייטיק, באזונדער ווען איך האב זיך געזעגנט מיט הנה׳ס אינגעל יחיאל מאיר בן יחיאל מאיר, א יתומל, וואס איך האב אים דערצויגן.

איבערלאזנדיק האב און גוטס, פראצע פון אסך יארן, האב איך איינגעפאקט אין אטאבע אייניגע קלייניקייטן און מיט מיין פרוי האבן מיר זיך געלאזט וואנדערן אין סכנות נפשות מיט דער באן קיין ווארשע. ווען מיר זיינען אנגעקומען קיין ווארשע אויפן הויפט וואקזאל איז שוין געווען נאכט. אידן האבן שוין נישט געטארט גיין אין שטאט, האט מען געמוזט נעכטיקן אויפן וואקזאל. דאס נעכטיקן איז נישט געווען אזוי פשוט, א איד האט מען געכאפט אויף ארבעט. ווער ס׳איז נאר עפעס געווען צו א אידן האט מען געשלעפט צו ארבעט. ס׳האט זיך דאן געוואלט אזוי גערן זיין א רואה ואינו נראה, פשוט ווען מ׳קען זיך דאן אויסבאהאלטן אונטער דער ערד, דער כבוד פון איד איז געווארן געטרעטן אויף אברוטאלן אופן. מ׳האט נישט מער געהערט ווי „יודע יודע״ פארפלוכט, דו ביזט איין קריגס־העצער, דער ענגלישער יודע האר בעלישא האט די קריג געמאכט — פונקט ווי דער ענגלישער קריגס־מיניסטער וואלט געווען מיין בעסטער חבר.



יצחק מאיר גרינבוים, אשתו צפורה לבית אלשטיין, בתם רינה.

אונז איז געלונגען אריינצופארן אין שטאט אריין, נישט מיט קיין טראמווי אדער אויטאבוס, נאר פשוט מיט אפערד און וועגלע, ווייל קיין אנדערע קאמוניקאציע איז דאן נישט געווען. די גאסן אין ווארשא זיינען געווען צעהאקט, צעשטערט, די הייזער — איינגעפאלענע רואינעס. מיר וואנדערן ווייטער, אבער ווי אזוי פארט מען זוכן די פראגער־בריק? דארט שטייען דייטשישע סאלדאטן, מען קוקט אין

פנים אריין צו די גיזנו נישט קיין איד. און אויב יא — קומיז גלייך אנזאפעל „ארונטער". צום גליק ז'נען מיר בשלום אדורך געפארען די בריק, אין דאס אדזאנק גיין פרוי וואס האט גערעדט א גוטן פויליש און איר אויסזען איז זיין געוועזן בלאנד, אריש. ס'פנים ביי מיר איז ארומגעבונדן געוועזן און מהאט מיך נישט דערקענט.

דער באן־וועג פון ווארשע נאך לובלין און פון לובלין נאך זאמאשטש האט זיך געצויגן ווי אן אייביגקייט. אויף יעדן טריט, שרעק, פחד. די האסט געוואלט פארוואגדלט ווערן עפעס אין א קליין באשעפעניש, זיך איסבאהאלטן אין יעדן שפאר'ע אדער ווינקל מ'זאל דיך נישט ארויסזען. מיר האבן קיינמאל נישט געהאט קיין צו גרויסע ווערדע אין פוילן, אבער אזא מין טרעטן מיט די פיס ז'עון צלם־אלהים ז. נאך שווערע ליידען האבן מיר דערגרייכט אונזער ציל און געקומען נאך זאמאשטש.

עס זענען אנגעקומען טרויעריקע ידיעות פון די שכנישע שטעט בעלז און כרוביעשאוו, ווו די דייטשן האבן ארויסגעיאגט די גאנצע אידישע באפעלקערונג צים טייך בוג — דארט איז געוועזן די גרענעץ מיט די סאוויעטן, — געצוואונגען זיי אדורך צו גיין דאס וואסער. אויפן וועג האט מען געשאסן אין די שוואכערע מענטשן וועלכע זענען הינטערשטעליק געוועזן אין גאנג. הונדערטער מענער, פרויען און קינדער זיינען דער'הרגט געווארן. די ידיעות האבן אונז געטרייבן צו אנטלויפן, מיר זענען דערפארן צו א גרענעץ־שטעטל, צו א געוויסן איד וואס האט זיך אונטערגענומען אונז אריבער צו שמוגלען די גרענעץ. ווען ס'איז גאר פינצטער געווארן האבן מיר זיך אויפגעזעצט אויף א וועגעלע און מיר האבן זיך דערשלעפט איניקע קילאמעטער פון דער גרענעץ, און אנגעהויבן גיין מיט ז'עם פירער דורך בלאטיקע וועגן, וואסערן ביז די קני. און צווישן זענען אנגעקומען באנדעס, אינסצעניזירט געשלעגן צווישן זיך, בכדי אויסצופרעסן פון אינז געלט. באין ברירה האט מען נאכגעגעבן זייערע פאדערונגען, ביז מיר זענען בשלום דורך דעם טייך בוג ווו אויף דעם ארט איז ער געוועזן זייער שמאל. דאס דארף האט שוין געהערט צום באפרייטן סאוויעטישן געביט. די פרייד אז מיר געפינען זיך שוין מיט מזל אויף דער זייט פון די סאוויעטן איז געוועזן אין לשער. קומענדיק בשלום אריין אין דעם באפרייטן שטעטל טרעפן מיר א איד מיטן טלית און תפילין אונטערן ארעם, מיר הויבן אן אים צו פרעגן איניקע שאלות, ער ענטפערט נישט, דער איד איז ברוגז. מיר האבן נישט געקענט פארשטיין די סיבה, שפעטער האבן מיר זיך דערוווסט, אז מיר זענען אן עלעמענט, וואס מען דארף נישט האבן מיט אונז קיין מגע ומשא, ווייל די נ.ק.וו.ד. ארעסטירט יעדן וואס שמוגל'ט אדורך

די גרענעץ און שיקט אים צוריק צום דייטש. צום גליק האבן מיר געטראפן א איד א בעל־עגלה וואס האט אונז אויסבאהאלטן א גאנצן טאג פון נישט געוואג־שענע אויגן, אונז צו געפירט צו דער באן־סטאציע, ווי אין אייניקע שעה ארום זענען מיר שוין געווען אין לעמבערג.

מיר האבן באשלאסן גיין צום ועד הקהילה. אנשטאט א מקום לינה אדער א טרייסט, האבן מיר געהערט פון קהילה־באאמטען ; ווער האט נאך אייך געשיקט, צו וואס זיינט איר געקומען, איר האט נישט געקענט זיצן דארט? אמת די שטאט איז געווען פארפלייצט מיט פליטים, און קיין גרויסע הילף פון די ארטיקע באפעלקערונג האבן מיר נישט באקומען.

דערווייל זענען געקומען ידיעות פון פראנט וועגן די גרויסע בצחונות פון די היטלעריסטישע ארמיי אויף אלע פראנטן, לחוץ פון דעם וואס מיר האבן דערוואַרט. דער רוסישע ראדיא האט זיך מיט־געפרייט מיט זייער נצחון, דער היטלעריזם איז דאן געווען דער פאר־בינדעטער פון סאוויעטן, און דער שונא נומ׳ 1 איז געווען ענגלאנד. די סאוויעטן, וועלכע זיינען באטראכט געווארן דורך מיליאנען מענשן אלס באפרייער פון דער וועלט, קעמפער פאר גערעכטיקייט און יושר — איז זייער האנדלונג געווארן אומפארשטענדלעך פאר א סתם אידן. אבער זייערע חסידים האבן נאך געזאגט אמן. דער נצחון פון היטלעריזם איז דאן געווען געגן די עקזיסטענץ פון זיין אייגן פאלק, פון זיין משפחה, פון זיין לעבן. עס האבן זיך געצויגן וואכן, חדשים, ביז יולי 1940. עס האבן זיך אנגעהויבן צו באווייזן אין די גאסן פון לעמבערג טויזנטער סאלדאטן אין די מונדירן פון נ.ק.וו.ד., ס׳זיינען ארום געגאנגען קלאנגען אז מ׳וועט אונז שיקן צו די ווייסע בערן, דאס האט געהייסן אויף דער פאלקס־שפראך דער ווייטער און קאלטער סיביר, ווער האט געגלויבט אז די קלאנגען זיינען אמת׳ע? סוף יוני אין א שבת אין דער פריה, זעען מיר ווי מען פאקט ארויף אויף אויטאס און וועגעלעך הונדערטער און טויזנטער פליטים מיט זייער ביסל ארעמקייט און מען שיקט אלע אוועק צו דער באן אונטערן אויפ־זיכט פון די נ.ק.וו.ד. דארט זיינען צוגעגרייט טויזנטער לאסט־וואגאנען, מ׳פאקט אריין די לעבעדיקע סחורה אין די וואגאנען, פאמיליעס מיט קליינע קינדער מיט אלטע לייט. סאלדאטן אין רויטע היטלעך מיט ביקסען אויפגעשפיזט, היטען שוין אז קיינער זאל חלילה נישט אנטלויפן. אט זיי אלע זקנים, קינדער, הארעפאשנע אידן זיינען באטראכט געווארן אלס נישט קיין געוואונשענער עלעמענט, אדער שעדליכער עלעמענט, מ׳דארף זיי פארשיקן אויף די ערטער, ווי ס׳זיצען קאנטער־רעוואלוציאנערן. מיר האבן זיך אויסבאהאלטן אייניקע טעג כדי נישט צו זיין פון די ערשטע, אבער מיר האבן זיך שפעטער גוטוויליק צוגעשטעלט. מיר האבן

באקומען א באפעל זיך צו פארפאקן, דער צוג האט אונז אוועקגעפירט, נישט ווייסנדיק ווו מ׳וועט אונז פאר׳שיקן.

אבפארנדיק אזוי בערך אחודש מיט די באן און שפעטער אויף לאסט־שיפן אדער בארזשעס האט מען אינז דערנאך אראפגעלאזט אויף אפלאץ לעבן גרויסען טייך אב, דאס איז בערך א־300 ק״מ פון שטעטל אסטיאקאוואיגולסק, אדער שפעטער ווי מהאט עס גערופן כאנטימאנסינסק, ווייל דארטן לעבן צוויי שבטים באנטי און מאנטי. געווען איז דאס א דריי טויזנט ק״מ פון אמסק.

אין צוויי באראקן מיט פריטשעס האבן אלע געווינט צוזאמען, געווען זיינען מיר ביי א דריי הינדערט מאן. צווישן אנדערע די באוווסטע משפחה וואוועלבערג פון ווארשע, אן אסימלירטע משפחה, זייער ארנטלעכע מענטשן; גענעראל היראשקוויטש א אלטער גוי מיט לאנגע גרויע וואנסעס, א תלמיד פון ראמאן דמאווסקיס חדר, אן אנטיסעמיט אין זיידענע הענשטקעס; א רבי פון גאליציע, האלבערשטאם, מיט צווי זין און א אייניקל, אן אלטער איד, געווען אן אמתער תלמיד חכם, ס׳איז געווען א נחת נהנה צו זיין פון זייגע שיחות חולין בלויז, און נאך צענדליקער טיפן, ווו יעדער איינער איז געווען א וועלט פאר זיך. דורן׳ דער צייט האט זיך אויסגעפילט אזא מין קליין שטעטעלע, מיט אל׳ע גוטע און שלעכטע אייגענשאפטן. די פרנסה־קוואלן זענען געווען פון עקספלאטירן וועלדער, נישט חלילה פון וואלד סוחרים... גאר פון האלץ־העקער, אין ממשות־דיקן זין פון ווארט די גרופע איז געווארען פאנאנדערגעטיילט אויף בריגאדעס — יעדע בריגאדע האט באקומען א שטיק וואלד, לויט די אויסגעארבעטע נארמע האט מען באקומען באצאלט. ס׳זענען דארט געווען מענטשן וואס אין זייער לעבן האבן זיי נאך נישט קיין האק און זעג געהאלטן אין האנט. דעו׳ ווילן צום לעבן און עקזיסטענץ, האט זיי געצוואונגען צו דער ארבעט, בכדי צו פארדינען אויף חיונה, משטיינס געזאגט, אויף א שטיקל ברויט מיט א ביסל זופ, וגם אני בין היהודים וואס האט שווער געהארועט אין וואלד ביים לייגען בוימער, האקן און זעגען האלץ. מיר האבן געליטן פון קלימאט, די פרעסט האבן דערגרייכט ביז 50 גראד אינטערן 0. אפפרירן אן אבר פון גוף איז געווען פון די לייכטסטע זאכן. מ׳איז געגאנגען צו דער ארבעט אין דער פינצטער, צוריקגעקומענדיק פון ז׳ער ארבעט איז אויך געווען פינצטער. פוילן זיך און נישט שווער ארבעטן, האט מען זיך געהאט צוויי פעלערן; 1) מהאט נישט אויסגעארבעט אויף דעם מינימום צו פארדינען די פיר רובל, אויף אויסקויפן די צוגעטיילטע פארציע ברויט. והשגיח איז מען געפרוירן געווארן שטייענדיק אייניקע מינוטן אן באוועגונגען. זומער איז געווען נאך ערגער, עס האט זיך אנגעפאנגען א פלאג פון קליינע פליגעלעך,

קאַמאַרן, און שפּעטער גרויסע פליגן. די פּלאָג האָט געקענט דערפירן אַ מענטשן צו משוגעת. זיי האָבן געשטעכט אין עסן, נאָך ערגער אין שלאָפן. אַ שוואַרצע געדיכטע מאַסע האָט זיך באַוויזן אַן אויפהער און געביסן אין אַלע ערטער פון מענטשלעכן גוף. די צייט פון אונזער זיין אין סיביר האָט דערגרייכט צו זאַמען מיט די נסיעות ביז 1½ יאָר. נאָך דייטשלאַנדס קריגס־דערקלערונג צו די סאָוויעטן האָט זיך דער רעזשים שטאַרק פאַרערגערט צו אונז, מ׳האָט פאַרקלענערט די ברויט נאָרמע און געפאָדערט מער אַרבעט.

נאָכן אָפּמאַך מיט ענגלאַנד און מיט דער פּוילישער רעגירונג, מיט גענעראַל שיקאָרסקי, האָט מען אָנגעהויבן צו באַפרייען די פּוילישע בירגער פון סיביר, פון לאַגערן און טורמעס. הונדערטער טויזנטער משפחות און יחידים האָבן אָנגעהויבן צו וואַנדערן פון קאַלטן צפון ביז דעם הייסן דרום. דאָס וואַנדערן האָט געדויערט וואָכן און חדשים, די עשאַלאָנען זענען געווען געפּאַקט מיט באַפרייטע פּוילישע בירגער פון סיביר, און פון פּליטים פון די געביטן וווּ די היטלעריסטישע אַרמיי האָט באַזעצט. אומרייניקייט און הונגער האָבן דערברענגט צו קראַנקהייטן ווי טיפוס און דיזענטעריע. דאָס האָט באַרויבט דאָס לעבן פון מאַסן מענטשן. אויף די וואָקזאַלן און גערטנער האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט הונגעריקע מענטשן ווי ביינדלעך שמאַטעס, שמוציקע, פאַרלויזטע, באָרוואַסע און נאַקעטע מענטשן, זיי האָבן געהאַט איין פאַרלאַנג: אַ שטיק ברויט צו די זעט. נור ליידער זענען אַסך באַפרייטע געוואָרען אויך פון דעם פאַרלאַנג...

אונזער רייזע פון סיביר ביז טאַדזשיקסטאַן האָט געדויערט בערך אַ צווייי מאָנאַט. אין אַלע שווערע מאָמענטן האָבן מיר געטראָפן גוטע מענטשן, וואָס האָבן אונז געהאָלפן, אַ דאַנק די ענערגיע פון מיין פרוי צפורה, וואָס האָט פאַרשטאַנען צו דערהאַלטן די ריינקייט לויט די באַדינגונגען און פירן די ווירטשאַפט אויסגערעכנט און פּראַקטיש. אין אַפּריל 1946 זענען מיר צוריק געפאָרען קיין פּוילן, שפּעטער זענען מיר אַוועק נאָך טשעכיע און ווייטער נאָך עסטרייך, פון דאָרט קיין דייטשלאַנד. אין דייטשלאַנד זענען מיר געזעסן צוויי יאָר אין די מחנות. פון דאָרטן זענען מיר געפאָרען נאָך פראַנקרייך. אין מאַרסעל האָבן מיר זיך אויפגעזעצט אויף די שיף „גבהה" און געשווומען צו די ברעגעס פון ישראל. אין דעצעמבער 1948 זענען מיר, איך, מיין פרוי צפורה און טעכטערל רינה, געקומען בשלום נאָך ישראל.

# דער וועג פון צרות

## פון שרה גלסמן — לבית אקס

כ׳בין געבוירן אין שוינעסק ביי די עלטערן שעפסל און זוגתו ר׳יזי ז״ל, און געהייראט מיט צבי גלסמן פון שעפס. ביים אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה זענען מיר געווען עקאנאמיש גוט אוועקגעשטעלט.

די מלחמה האט אנגעווארפן א שרעק אויף דעם גאנצן אידענטום, מיר׳ האבן געגלויבט באמונה שלמה אז ס׳וועט לאנג נישט אנהאלטן, און מיר וועלן אלעס דערציילן אין פריידן. ליידער באלד נאכ׳ן באזעצן די שטאט שעפס דורך די היטלעריסטישע הארדעס איז דער גלויבן צעריסן געווארן. דער באפעל אז מיר זאלן זיך צוזאמענקומען אויף א געוויסן פונקט, ווייל די אידן פון שעפס מוזן פארלאזן די שטאט, האט אונז צעטומלט. מיר האבן זאנגעמען אין שרעק אונזערע צוויי קליינע קינדערלעך, מאיר און פנינה. יעדע ווערט־זאך און געלט האבן מיר באגראבן אין דער ערד, גלויבנדיק אז מיר וועלן זיך אומקערן, אבער דאס אלץ איז שוין צעריבן געווארן דורך די גויאישע שכנים.



צבי גלסמן ואשתו שרה לבית אקס

מיר ווערן געשיקט נאך גאווידוואר, די אידן ווערן אוועק פון דארט ארויסגעטריבן, אונז געלונגט זיך אויסצובאהאלטן. מיר קלערן א פלאן ווי צו

שמוגלען די גרענעץ נאך רוסלאנד.

עס געליגגט אונז נאך גרויסע אנשטרענגונגען צו גנבנען די גרענעץ און אנצוקומען נאך ביאליסטאק, דארטן האבן מיר אויך געטראפען אונזער ברידער שמשון.

די פראגע פון מה נאכל, צווינגט אונז צו חתמ'ן א קאנטראקט אויף ארבעט אין משך פון א יאר צייט. מיר ווערן געשיקט אין אוראל אויף ארבעט. מיר האבן דאס יאר בישט געענדיקט, אומלעגאל האבן מיר פארלאזט אוראל ד. ה. אנטלאפן פון אוראל צוריק נאך ביאליסטאק.

די נ.ק.וו.ד. האט זיך וועגן דעם דערוווסט און מיר זענען געצוואונגען געווארן צו פארלאזן ביאליסטאק. מיר ווערן פארשיקט אין טיף רוסלאנד, מיט טרערן שיידן מיר זיך מיט באקאנטע, משפחה און מיט אונזער ברידער שמשון. נאך 6 וואכן רייזע קומען מיר אן אין טורקעסטאן. די שטאט איז געווען דער ענדער־פונקט פון אונזער וואנדערונג, דארטן האבן מיר זיך איינגעארדנט און געבליבן ביז ענדע מלחמה. מיר האבן אנגעשטרענגט אלע כוחות צו דערהאלטן די משפחה בכבוד, און געפירט אן אנשטענדיק אידיש משפחה־לעבן.

ווען די מלחמה ענדיקט זיך ווערן מיר געשיקט צוריק נאך פוילן און פון פוילן זענען מיר געקומען אין אונזער לאנד.

---

משה ניבאָרסקי

## ווי אזוי בין איך לעבן געבליבן?

## דער וואנדער וועג

## אדער דער וועג פון צרות און ליידן

איך בין געווען איינער פון די מתפללים אין מנין, אין ראטהויז, ביי אשרים איצקאוויטש. פון די דאזיגע אידן האט מען געקאנט אראפליינען דעם טיפן טרויער און יאוש. דער קול פון בעל תפילה יעקב אהרן אסמאן איז פארזונקען אין טרערן. אנקוקנדיק דאס אלץ איז ביי מיר געבוירן געווארן א זייער ריזיקאלישער געדאנק — אנטלויפן, אנטלויפן אויף יענער זייט טייך בוג.

ווי באוואוסט האט ס.ס.ס.ר. ערקלערט פוילן קריג דעם 17־טן סעפטעמבער

1939, און פארנומען לויטן אפמאך מיטן דייטשלאנד דעם טייל פוילן ביז צום ביג. האט מען צו יענער צייט געשמועסט אז ס'איז מעגליך איבערצוגיין די גרעניץ אן ספעציעלע שוועריקייטן. איך האב זיך פארגעשטעלט מיט וואס אונז יידיש איז פארבונדן. אבער טראץ אלעם בין איך געבליבן פעסט ביי דעם באשלוס. די הכנות האבן פארנומען פיל צייט. ס'איז נישט געווען קיין לייכטע זאך. איך האב





משה עם משפחתו באמריקה

משה גיבורסקי בגדידה

מימין לשמאל: משה, הילדה אחונה, אשתו איטה (יענטע) על ידו בנו שמואל בן שבע.

געהאט פיל שוועריקייטן צו באזייטיגן, סיי ביי מיינע עלטערן סיי ביי מיינע חברים. אין יענער צייט איז קיין שרעקנס צוריקגעקומען דער ערשטער אידישער זעלנער פון דער פוילישער ארמיי, ליפשיץ חיים. און מיט אים האב איך זיך פארבונדן, ווייסנדיק אז אזא מענטש ווי ער וועט קענען ביישטייך יעזן גאנץ אין וועג. מיינע חברים האבן מיך אויסגעלאכט, אבער זעענדיק אז איך טראכט גאנץ ערנסט האבן זיי מיך גענומען זידלען און מוסרן, אז איך לאז איבער אויף הפקר די עלטערן און אליין גיי איך זיך רעטן. פארשטייט זיך, אז מיר האבן געטראכט גאנץ אנדערש. געשמועסט האט מען אז ווען אייגער קומט קיין רוסלאנד, קען ער דארט באקומען א דערלויבעניש אראפצוברענגען די משפחה קיין רוסלאנד. אזוי האב איך אויך געטראכט. הערנדיק ביי אונז אין שטעטל וואס עס טוט זיך

אין דער סביבה, מ'האלט פאר א גירוש, אזוי ווי אין שערפּצער פּאוויאט, ראציאנז'ער א. א. יעדער איינער האט זיך בעגייט ריקועק צו קענען מיטנעמען מיט זיך זאכן, געבונדן פעק, צו האבן גרייט אין פאל פון אפּלוצימדיקן גירוש. אין אזא שטימונג האבן מיר געלעבט לאנגע וואכן, עטליכע מאל שוין געווען גרייט אין וועג. יעדעס מאל איז די זאך אפּגעגאנגען מיט שרעק בלויז. די אלע קלאנגען האבן אפּגעלייגט דעם טערמין פון מיין אוועקגיין. אויב מ'דארף הייגט־מארגן טרייבן, צו וואס דארף איך זיך אליין אפּרייסן פון אלע, אזוי האט עס געדויערט 2 מאנאט. שבת דעם 20 באוועמבער האב איך געמאכט די לעצטע הכנות. איינגעפּאקט די פּלעצאקעס, צוגעגרייט זיך אביסל שפּייז, ארויסבאקומען אן אויסווייז אין דער דייטשישער שפּראך און זונטיק פרי האבן מיר זיך געזעגנט אין א ים פון טרערן. שווער איז געווען דאס צעשיידן זיך. אין מיינע זכרונות שטייט מיר נאך דאס בילד ווי מיין מוטער באגיסט מיך מיט א ים טרערן און גאר די אויגן רעדן צו מיר; וווּ גייסטו אוועק מיין קינד אין דער וועלט אריין?... אבער דאס מויל האט נישט געקענט ארויסברענגען די אלע געפילן וואס ליגט אין א מוטערס הארץ אין אזא מאמענט. נאך שווערער איז מיר אויסגעקומען דאס צעשיידן זיך מיט מיין ברודער אליהו, וועלכן כ'האב איבערגעלאזט אין א שווערן צושטאנד. דא האב איך שוין געוואוסט, אז כ'וועל אים שוין מער נישט זען. די פור ווארט מיך שוין אפּ ביי דער בריק. אלע שטוביקע באגלייטן מיך. דאס איז געווען א שטילער טרויעריקער גאנג. אזוי באגלייט מען נאר א בר־מינן. איך געזעגן זיך מיט אלע. איך הער דאס געמורמל פון וואסער, אין וועלכן כהאב זיך אלע יארן געבאדן. א טיפער שווייגן הערשט ארום. די מאמע קען נישט איינהאלטן די טרערן, וואס ריגען איר פון די אויגן. פון צייט צו צייט ווישט אויך אויס מיין פאטער א טרער.

איך האלט זיך איין מיט אלע קרעפטן, אבער די טרערן שטיקן מיך. איך וויל זיך גרינגער מאכן דאס געמיט און הויב אן שטיפן, די פור שטייט שוין גרייט צום פארן, איך זיץ אויף מיין פלאץ, ווידער הענט, קושן, טרערן, דעם פאטערס לעצטע ווערטער; „געדענק, פארגעס נישט אן דער היים"...

דאן האב איך זיך נישט פארגעשטעלט אז איך הער מיין פאטער צום לעצטן מאל...

מיינע חברים דריקן מיר שווייגנדיק די האנט, אן ווערטער. די פור לאזט זיך אין וועג. ביסלעכווייז דערווייטערן מיר זיך פון שטעטל. פון דער ווייטנס זע איך נאך מיינע באגלייטער ווי זיי שטייען אויפן בריק און פאכען מיט די טיכלעך. איך כאפּ א בליק אויף צוריק. אונטערשייד נאך די געשטאלטן, אועלכע טייערע געשטאלטן, טאטע, מאמע, שוועסטער, ברידער, חברים, אלעס וואס מיר

**איז אזוי טייער בלייבט אין הינטער גרונט, זיי ווערן אלץ קלענער, איך זע זיי שוין ווי אין א נעפל.**

**אבער באלד פארשווינדן זיי פון מיר אינגאנצן. און אין הארצן ווערט מיר אזוי פוסט און ליידיק.**

**מיינע געדאנקען שוועבן שוין אוועק ווייט ווייט פון דאנען, אויף יענע פרעמדע, געהיימניספולער גרענעץ וועלכע איז פאר מיר געווארן דער איינציגער ציל.**

---

## ראובן סולדאנער׳ס וועג צו דער בעפרייאונג

### איבערגעגעבן צום דרוק דורך משה ניבארסקי

נאכן אפזיין אין אושוויץ קוים צוויי וואכן ווו איך האב דורכגעלעבט די גסיסה־אנגסטן, יעדע מינוט מיט אירע טויט געפארן, האב איך דערפילט אז דאס איז מיין ענדע. וואס פארא טעם האט שוין דאס לעבן, אין ליכט פון די כסדרדיגע פלאמען אין די אויוועגס, וואס פארע זין האט שיין מיך לעבן ווען כ׳האב שוין קיינעם נישט אויף דער וועלט. מיין ווילן פארלאזט מיך ביסלעכווייז און כ׳הויב שוין אן ווערן גלייכגילטיג צו אלעס.



ראובן סולדאנער ומשפחתו באמריקה



ראובן באושוויץ

איך מאמענט פון מיין העכסטער פארצווייפלונג איז מיר צו חלום געקומען מיין טאטע יעקב משה ז״ל, און מיר געזאגט אז כ׳זאל פאסטען א טאג וועל איך בלייבען לעבן. צו זען א טויטן און באך אין חלום אין אושוויץ ווו אויף יעדן טריט און שריט האט מען געזען בערגער מיט טויטע, ביינער, פעסער מיט אידען־פעטט (אויף זייף), איז נישט געווען קיין איבערראשונג. מיין טאטנס אויגן האבן געלויכטן מיט טיפן גלויבן און עפעס האט זיך אין מיר געענדערט. איך האב געפאסט א טאג. דער חלום האט מיר צוגעגעבן בטחון, און כ׳האב שטארק אנגעהויבן גלויבן אז כ׳וועל אין מיין טאטנס זכות לעבען בלייבן און קיינמאל נישט פארלירען זעם מוט. מיין טאטנס געשטאלט האט מיר געדינט ווי אן עמוד־אש און באלויכטן מיין פינצטערן וועג.

דער יאר 1943

איך בין געמטרט געווארן אז כ׳האב געוואלט אנטלויפן פון דער ארבעט (איך האב געארבעט אויסערן לאגער) ביי מיינען בלאק. די קאפאס און די פארארבעטערס האבן מיך שטארק באוואכט ביי דער ארבעט און גלייך ווי איך בין צוריק אריין אין לאגער בין איך אריינגעזעצט געווארן אין בונקער. א איד אויסהערענדיק מיין טענה, האט מיך בארוהיגט אז ער וועט מיר העלפען. אין דער צייט פון אויספארשונג, ווען איבערן בונקער זיצען די געסטאפא און ס.ס., האט מיין יעקב קאז׳על׳ציק דער אויפזעער געראטן כ׳זאל מאכן גרויסע געוואלדען, עס זאל הייסען אז איך קריג שטארק געשלאגן, און אזוי איז געשען, איך בין אפגעקומען מיין „שמראק״ און איך בין ארויס פון בונקער...

איך בין איינמאל געכאפט געווארן צווישען א גרופע „מוזעלמאנען״ (זייער אויס געדארטע מענטשן, הויט און ביין) געשיקט צו ווערן אין אויוון אריין. מיר זענען אלע געווען אויסגעטאן נאקעט, די איינציגע זאך וואט די ס.ט. האבען נאך געהאט צו טאהן איז צו פארשרייבן אונזערע נעמען. ווען מיין נאמען ווערט פארשריבען בין איך שוין א פארלארענער. איך נוץ אויס א מאמענט ווען דער געסטאפאווייעץ איז ארויס פון בלאק און איך אנטלויף דורך א פענסטער. איך בין פון קיינעם נישט באמערקט געווארן. טאיז מיר געלונגען צו באקומען עפעס אנצוטאן און כ׳בין צוריק אוועק צו מיין בלאק. און ווידער בין איך ניצל געווארען פון דעם מלאך המות הענט. ווען די רוסן האבן זיך אנגעהויבן צו דערנענטערן צו שלעזיע און אושוויץ, האבן די דייטשען גענומען ליקווידירן די לאגערן און אפווישן די שפורן פון זייערע שרעקלכע מאסן־מארדען. זיי האבען געשיקט טראנספארטן, געטריבן צופוס אויסגעפייניקטע, צעבראכענע סקעלעטן אן עסען און

אן טריגקען. דער וועג איז באזייט געווארן מיט טויזנטער טויטע.

יעדער איינער שלעפט זיך קוים אויף די פיס. ווי נאר אן איינציקלעכער האט דערפילט אז ער קען שוין מער גיט, און וויל שוין מער גישט לעבן, האט ער זיך אנידער געזעצט אויף דער ערד. איבערגעדעקט זיך מיטן קאפ און גאלד האט אן ס. ס. מאן זוכגעשאסן זיין שארבן מיט א קויל און פארענדיקט דעם קרענקם ליידן. דאס האב איך געזען יעדע פאר מינוט. איך שטארק זיך מיט די לעצטע כוחות, שלעפ זיך נאך א פאר טריט, די כוחות פארלאזען זיך צוביסלעך. די רייען ווערן שיטערער. דער וועג איז באלייגט מיט בערגלעך „העפטלינגען", מיט די לעצטע כוחות שפאן איך ווייטער. דאס בלוט האט זיך מיר געלאזט פון נאז, און דאס איז שוין געווען דער סימן פון מיין סוף. איך געזעגן זיך מיט מיינע חברים און זאג זיי אז כ'גיי אנטלויפן. איך בעט מיין פריינד אז אויב איינס וועט באשערט זיין צו בלייבן לעבן, זאל ער לאזן וויסן מיין ברודער שלמה אין ארץ ישראל וועגן מיין סוף. אוועקגיין פון טראנספארט איז געווען א זיכערער טויט. איך דעק זיך איבער מיטן קאפ און איך גיי אוועק אין א זייט. אונטערן קאפ האב איך געטראגן א ציווילען אנצוג, און אלעס ציווילער גיי איך. עס דערהערט זיך א קאמאנדא: שטען בלייבען!!! איך מאך זיך ווי גישט מיך מייגט מען דא, און גיי אין זייער ריכטונג פון א הייזעלע, עס הילכט אפ א שאס. די קויל פליט פארביי מיין אויער און איך מאך זיך גישט וויסענדיג נאר גיב א שפרונג אין א זייט און באהאלט זיך אונטער א שייער, איך רוק זיך צוביסלעך ארויס פון דער צווייטער זייט און זע ווי דער טראנספארט איז אפגעגאנגען א שטיקעל וועג. איך אטעם אפ פרייער און לאז זיך ווייטער גיין און קום צו צו א הויז און וויל שוין אריינגיין איגוויניק. איך דערזע אין פראנט פון הויז 2 ראוועדען אינעווייניק זענען געווען 2 געסטאפאס, איך שלייך זיך אוועק.

דער שניי פארבלענדעט די אויגן. איך געפין זיך לעבן א טאל און קייקל זיך אראפ פון בארג און דער שניי וויקלט זיך אויף מיין קערפער און דעקט מיך אין גאנצן צו. איך בלייב ליגען נעבן א בריקעל איבער א קליין וואסערל, איך קריך אונטער די בריק און ליג אויפן אייז עטלעכע שטונדען. איך ווארט עס זאל ווערן טונקעלער און די נאכט זאל צופאלען. כ'בין שוין שטייף פון קעלט. איך קריך ארויס פון מיין אייזיקן קבר און לאז זיך גיין אין דער ריכטונג פון א הייזקע וואס כהאב דערזען. א פרוי האט מיך דערזען און מיך אפגעשטעלט. איך ווער א פארציטערטער, מ'קען גישט טרויען קיינעם. ווו גייסטו? זאגט זי, דארט איז דאך די אויבערקאמאנדע פון געסטאפא. גאט מוז זיין מיט דיר און דיך באוואכען... קום האב גישט קיין מורא, איך וועל דיר העלפן... זי האט מיך גענומען צו זיך

אין הויז, פארשלאסן אין א צימער, געגעבן עסן און טרינקען, און בין געקומען א ביטל צו זיך. זי, די פרוי, איז געווען זייער א פרומע קאטאליק, זי האט געהאט צוויי ברידער אין דער געסטאפא. גלייך צו מארגנס איז געקומען צו איר אן אנקעל, אויך א געסטאפע, וועלכער האט דעזערטירט פון פראנט. מיין רעטערין איז אוועק אין שטאדט איינטאפען א ביטל זאכן און דערווייל פארגעסן מיך צו פארשליסן. איר אנקעל, דער געסטאפא, האט מיך אנטדעקט און אויסגעפונען ווער איך בין. ער האט אויך גלייך דערקענט אז איך בין א„יודע" און ארויסגעכאפט דעם רעוואלווער מיך צו שיסן. איך בין געווארן פארצווייפעלט און מיט אים אנגעהויבן איינטענען, אז אויך ער וויל זיך ראטעווען דאס לעבן און אויב מען וועט אים כאפן וועט מען אים אויך שיסן אלס דעזערטיר און מיר ביידע געפינען זיך אין דער זעלבע לאגע. אבער ער האט מיר געדראט אז ווי נאר טוועט פינסטער ווערן וועט ער מיך ארויס פירען אין וואלד און דערשיסען. איך ווארט אויף א פאסיגן מאמענט ארויסצורייסען פון אים דעם רעוואלווער. די פרוי האט זיך דערווייל אומגעקערט און איך האב איר דערציילט אז איר אנקל וויל מיך שיסן. זי האט אים גענומען שטארק זידלען און מוסר זאגען, געשריגן ער זאל איר געבן דעם רעוואלווער. נאך לאנגע וואקלעניש האט ער איר אוועק געגעבן. זי ווידער האט דערלאנגט דאס וואפען צו מיר איך האנט און געזאגט אז אויב ער וועט מיך טשעפען זאל איך אים דערשיסען. די רוסען האבן זיך דערנענטערט און מיר געפינען זיך צווישען דעם פייער שוין עטלעכע וואכן. ענדלעך זענען די רוסען אריין און גענומען שמעטערען די דייטשן. איך געפין זיך שוין אויף דער רוסישער זייט. איך בין א פרייער מענטש. עס ווילט זיך מיר נישט גלויבן אז דער גאנצער קאשמאר האט זיך שוין געענדיגט. דער געסטאפא־מאן האט זיך באצייטנס אפגעטראגן. איך הייב אן צו קלערען וואס ווייטער צו טאן, ווו טוט מען זיך אהין, ווו גייט מען... דאס זענען געווען מיינע געדאנקען. ווייזט אויס אז מיין רעטערין, די גויע, האט געהאט אנדערע געדאנקען. אווי ווי מענער זענען געווען ווייניק, אלע זענען אין דער מלחמה, און דא האט זי געזען פאר זיך א געוונטן בחור, (כהאב זיך פאר דער צייט גוט דערהאלט) האט זי געטראכט מיך צו שמדן אויפן קאטוילישען גלויבען, און זי וועט מיט מיר חתונה האבן. זי איז טאקע גלייך ארויסגעקומען מיט דעם: „רובין קאכאני זלאטי", „וועסט ווערן א קאטאליק וועלן מיר חתונה האבן". האב איך געזאגט, זיכער, וואס דען, האסט מיר מיין לעבען געראטעוועט, באלאנג איך צו דיר. ליגנדיק באנאכט אין בעט טראכט איך, אפשר איז עס טאקע א פלאן. מיין לעבן האב איך איר צו פארדאנקען, זי איז יונג און שיין וועל איך מיט איר חתונה האבן. אבער דא האב איך ווידער דערזען מיין טאטער

מיט די אויגן, ער קוקט אויף מיר מיט א פארביסענעם בליק. סאיז מיר קלאר געווארן וועמען איך האב צו פערדאנקען מיין לעבען.

צומארגנס זאג איך צו מיין „באשערטע" אז איך וויל פארן קיין קאטאוויץ זיך איינקויפן קליידער און אנדערע זאכען „דא שליובו" (צו דער חתונה). זי איז מסכים און לאזט מיך גיין. איך גיי ארויס פון הויז און הויב זיך אן דערווייטערן פון מיין רעטונגס־הייזעלע וואס ווערט קלענער און קלענער, איך קוק זיך אום און זע נאך די פרוי שטיין אין פענסטער. מיינע אויגן זענען פול מיט דאנקבאר־קייט צו דער פרוי וועלכער איך האב צו פערדאנקען אזוי פיל, עפעס ציט מיך צוריק, סאיז מיר שווער אוועק צו גיין.

בימלעכוויז דערווייטער איך זיך, דאס הויז פארשווינדט אין טאל, א פרישער פריליגג־ווינטעל כאפט מיך ארום.

איך קום אן קיין קאטאוויץ און פון דארט האב איך זיך אומגעקערט קיין מלאווע.

---

## די צווי ברידער יעקב שמשון און מנשה ליפשיץ

ביידע קינדער פון אליהו יצחק ליפשיץ, ביידע האבן דורך געמאכט בלוטיגע וועגען אין די צווייטע וועלט מלחמה, מנשה האט זיך דעצודירט צו קומען אין לאנד. געהייראט, פירט א בכבודיגע משפחה לעבן און ארבייט אין קופת חולים, און יעקב שמשון איז פערבליבן אין רוסלאנד.

ווען מנשה איז געקומען נאך די מלחמה נאך שרענסק, האט דער גוי מלאטקאווסקי איהם פארגעשלאגן מאכען שותפותדיגע געשעפטן, מנשה׳ס געדאנ־קען זענען געווען ווייט פון פוילן, זיינע געדאנקען זענען שוין געווען אין אונזער לאנד.

---

## דוד מארינאוויץ

ער איז נישט בכח איבערצוגעבן וואס ער און זיין זון האבן דורכגעמאכט אין די גרויזאמע ביטערע טעג. זיין זון געפינט זיך אין קבוץ, דוד וווינט אין תל־אביב.

יוסף וימן (גרנט)

# ארבעה גבורים משרנסק

רבות הגבורות בזמן השואה שהראו משפטי־העם
„ידיעות" בית לוחמי הגיטאות

## הקדמה

דלה היא שפת אנוש בכדי למסור את המית־לבם והסבל של אלו שנפל בחלקם לעבוד ב„סונדר־קומנדו". רע ומר היה גורלם של כל האסירים היהודים באושוויץ, אבל קשה יותר ואכזרי יותר היה המצב של הבחורים שעבדו בתהום הפשע הנורא, שנקרא „סונדר־קומנדו". אני מביא הדו"ח של „ידיעות" בית לוחמי הגיטאות ע"ש יצחק קצנלסון למורשת השואה והמרד, אפריל 1956.

טירור הדמים באושוויץ לא מנע את הקמת הארגון המחתרתי שרישומו היה ניכר בחיי האסירים. הארגון הצליח לא פעם להוציא אנשים מרשימות הנידונים למוות שנערכו בשעת הסלקציות.

קשה ואכזרי היה גורל כל האסירים באושוויץ, אך חמור שבעתיים היה מצב היהודים במחנה. היהודים שהובאו לאושוויץ היו שרידים אחרונים מעיירות פולין, אוקראינה וליטא ומריכוזים יהודיים במערב אירופה. השמים והארץ זעקו שעה שעה „יהודי סוף למות"! כל יהודי באושוויץ היה מועמד טבעי למות. לאסירים בני־אומות אחרות נותר עוד שריד אמונה, שיעלה בידם להיחלץ מאושוויץ.

מתכוננים למרד

יום יום היו מקבלים צרור קטן עם חומר נפץ. חבר־נאמן, נפח, הכין כלי אוכל עם תחתית כפולה, ובמשך שבועות היו מבריחים בכלים אלה את החומר למחנה. אנשי הסונדר לא נרתעו, על אף סכנת ההשמדה המידית שאיימה עליהם, והם החליטו ללחום.

הנאצים היו נוהגים לרצוח את אנשי הסונדר קומנדו ולהחליפם באסירים אחרים. לאחר שהוכרחו לעסוק זמן ממושך בעבודה איומה הזו, הפכו אנשי קומנדו לחבר האנשים המוכן להתמרדות ולמאבק.

הם היו אסירים ותיקים במחנה והכירו את מצבם לאשורו.

בסוף אוקטובר ובהתחלת נובמבר 1944 הופסקו המשלוחים ההמוניים של יהודי הונגריה. האסירים במחנה נשמו לרווחה. אנשי הסונדר הבינו כי ימיהם ספורים. כאשר הנאצים ניסו בדרכי מרמה להוציא את הקומנדו ממחנה מגוריו ולהובילם למקום הטבח, פרץ המרד. והאסירים התכוננו זמן רב. ההתקוממות הקיפה במשך דקות ספורות את כל אנשי הסונדר קומנדו. הקרמאטוריום נמ' 2 פוצץ ונשרף כליל, ה„קפו" הגרמני הידוע באכזריותו הושלך חי לתוך הכבשן, וארבעה אנשי ס.ס. נהרגו בקרב פנים אל פנים. שטח המשרפת הפך לשדה מערכה, האסירים פרצו את הגדר, ושלוש מאות אסירים התפזרו בסביבה. קמה בהלה גדולה בין הנאצים, אלפים קלגסים הוזעקו לפעולה, והוכרז מצב הכן במחנה בירקנאו. במשך ימים נמשכו החיפושים ונשמעו יריות. ההתקוממות של הסונדר נסתיימה בכשלון. שום כוח מבחוץ לא בא לעזרתם, וגם המוני האסירים מהמחנה לא הצטרפו למאבקם. אך יום המרד היה סמל של נקמה ועידוד בשביל האסירים. באותו מקום ששמש במשך שנים גיא־הריגה לרבבות קרבנות, נפלו מידי האסירים הנאצים הראשונים. היו אלה יהודים שלחמו במחנה הגדול, שמנה מעל למאה אלף אסירים, קם קומץ יהודים ונתן האות להתקוממות. אנשי הסונדר הוכיחו לאסירים בני אומות אירופה, שיהודים מסוגלים להילחם ויודעים להגן על חייהם. במרד לקחו חלק פעיל בחורים אמיצים משרנסק.

(התוכן הודפס בחוברת „ידיעות" בית לוחמי גיטאות ע"ש יצחק קאצנלסון).

הגבור הפארטיזן מנדל בורגשטיין הי"ד

בנם של שלמה זלמן ומרים בורגשטיין. נולד בשנת 1917. למד בחדר למודי גפ"ת. האב, שלמה זלמן, עולה לארץ ישראל, שם נמצא בנו הבכור אהרן. הילדים מתחילים לעבוד בגיל צעיר, בכדי לעזור לאמא להחזיק מעמד ולפרנס את המשפחה.

עם פרוץ מלחמת העולם בשנת 1939, הצליח מנדל ביחד עם עוד חברים, דוד זימן ואחרים, לעבור את גבול רוסיה ולהגיע לביאליסטוק. בהיותו בחור בריא וחסון, קבל בלי קושי עבודה במקצוע נגרות. את המקצוע הזה למד מנדל בשאיפתו לעלות לישראל ולהצטרף לאביו ולאחיו, אשר גם הם עבדו בנגרות.

השלטון הסובייטי אסר את היהודים מפולין שעברו את הגבול ושלח אותם לעבודות בעיר אורשא.

באורשא נפוצו שמועות, שכל אזרחי פולין מוכרחים לקבל את הנתינות הסובייטית, ואסור יהיה להם לעזוב את הטריטוריה הסובייטית. מנדל הצליח להתחמק, עזב את אורשא והגיע לוילנה, שם הצטרף לקבוצת פרטיזנים. פ.פ.א.

אביא פה כמה קטעים מהספר „להבות באפר" על השתתפותו של מנדל בקרבות (במאבקים) בגיטו וילנה. (עמוד קי"א, שי"ב).



מנדל בורנשטיין הפארטיזן ואחיו יחזקאל

מנדל בורנשטיין נולד בשרגסק (בטעות כתבו מלבה) בשנת 1917. חבר לתנועת „פרייהייט" „דרור", לוחם הפ.פ.א. (פאראייניקטער פארטיזאנישער אורגא־ניזאציא) פארטיזאן. נפל בקרב. (כל לוחם פ.פ.א. הנהו גם פארטיזאן מושבע המוכשל עצמו לקרב באויב).

בין 40 עובדי יי.וו.א. נמצאים 6 חברי פ.פ.א. אין 40 אלה יודעים שבין המשורר סוצקובר, הנגר מנדל בורנשטיין, חבר „השומר־הצעיר" מיכאל קובנר, הסופר שמרקה קוצ'רגינסקי ורייזל יש קשר מיוחד במינו, הסמוי מן העין. והרי משגיחים הם בבני אדם אלה מדי יום ביומו. דומה שכל מחשבתו של מנדל בורנשטיין נתונה להברחת נייר למכירה.

הנגר מנדל בורנשטיין, שלכאורה אין לו כל קשר עם „האינטליגנציה", התקין לו בתיבת מכשירי הנגרות אשר לו, תחתית כפולה, ותוך תיבה זו, שהמשטרה בודקתה כל יום, מוצנע הנשק, שמנדל נוטלו ביי.וו.א. ומכניסו לתוך הגיטו.

מנדל בורנשטיין ז"ל היה בקבוצה האחרונה של אבא קובנר, שעזבה את גיטו וילנה. בדרך נתקלו בחבורות ליטאים וקבוצות צבא פולניות של הגוורדיה

הלבנה. בקרבות אלו נפלו רוב הפארטיזנים, ביניהם מנדל בורנשטין הי״ד.

*יהי זכרו ברוך.*

די העלדן מאיר קאנסקאוואלסקי און יעקב שאפט

די צוויי קינדער האבן געלערנט אין חדר און אקליין שטעטל. ז׳ערנאך שווער געארבעט פאר דער עקזיסטענץ, פאר רעכט אויף לעבן, קיינמאל נישט געטרוימט צו אפפערן זיך פאר א געוויסן ציל, אדער צו נעמען נקמה, ביז סכנת נפשות. אבער דאס איז געשען. די היטלעריסטישע חיות זענען אריין אין שרענסק. די צוויי האבן געליטען צוזאמען מיט אלע שרענסקער אידן, געזוכט א וועג ווי צו אנטלויפן — און געבליבן. זיי זיינען איבערגעפירט געווארן אין מלאווער געטא, און געלעבט אזוי ווי אלע אין שרעק און צרות. אין מלאווער געטא האבן זיי זיך ארומגעטראגן מיטן געדאנק פון נקמה. ווי מען גיט איבער האבן זיי בידע שטענדיק גערעדט נאר וועגן נקמה. נאכן דורכפירן א סעלעקציע דורך די נאצים זענען זיי געשיקט געווארן קיין אוישוויץ, דארט זיינען זיי אריין אין דער זאנדער קאמאנדא. זאל דא פארצייכנט ווערן, אז אויב ס׳איז ווען ארגאניזירט געווארן אין אושוויץ אן אויפשטאנד, איז דאס געקומען פון די וואס האבן געארבעט אין דער זאנדערקאמאנדא. די פארביטערסטע מענטשן האבן זיך דארט געפונען. טייל מענטשן אין די אפטיילונג האבן פערלוירען אין גאנצען דעם צלם־אלקים, טייל זיינען פשוט משוגע געווארן, אנדערע זיינען בעגאנגען זעלבסט מארד, אבער ס׳איז אויך געווען א טייל מענטשן וואס זיינען געשטאנען מאראליש הויך, שטארק אין גייסט, די האבן דאס ארגאניזירט דעם אויפשטאנד. צווישן אט די שטארקע מענטשן זיינען געווען די בידע שרענסקער בחורים: מאיר קאנסקאוואלסקי און יעקב שאפט. זייער פארביטערונג האט די דערפירט צו נעמען נקמה, צו זאמען מיט נאך אזעלכע שטארקע האבן זיי ארגאניזירט א ווידערשטאנד. מען האט אונטער געצונדען קרעמטאריעס, געווארפן דייטשן אין אויוון אריין, און אנטלאפן. ווארשיינלעך דורך א מסירה זיינען זיי געכאפט געווארן דורך די דייטשן און געפייניקט געווארן בכדי אויסצוגעבן די אנפירערס. זיי זענען געווארן פארפייניקט צום טויט און נישט אויסגעגעבן קיין שום נאמען, דאס איז די מאראל וואס די צוויי קינדער האבן איינגעזאפט אין זיך. די מאראל האבן זיי באקומען אין קליינעם שטעטל שרענסק, ווו די גאנצע יוגנט אן אויסנאם איז געווארן דערצויגן אין א גייסטיקע קולטורעלע סביבה.

ערע זייער אנדענקען!

דער העלד זלמן פיטעל

צען יאר בערך פאר דער צווייטער וועלט־מלחמה, איז געקומען קיין שרענסק אפּריזירער און געעפנט א רעזורע אין פּשיבישעווסקעס הויז. ער האט גלייך אראבגעבראַכט זיין פרוי זיך איינגעארדנט, און געווארן א מיטגליד אין דער אידישע קהלה. אין משך פון דער צייט האט ער דורכגעמאכט א פעלטשער־קורס, ער איז געווארן דער שטאט פעלדשער. מען פלעגט וועגן אים דערציילן נאר גוטס, די אידישע באפעלקערונג האט געהאט פון אים גרויס נוצן. מיט דער צייט האט ער אפגעקויפט דאס האלבע הויז פון פּשיבישעווסקין און געפירט א שיין געמיטליך פאמיליען לעבען. די פרוי האט אים געבוירען 2 קינדער, זיי זענען געוועזן א מוסטער פון א שיינע אידישע משפחה.



זלמן פיטעל וגוליה ניבורסקי

אין יאר 1941 ווערן זיי איבערגעפירט צוזאמען מיט אלע שרענסקער אידן אין מלאווער געטא, פון דארט ווערן זיי אפגעשיקט אין אוישוויצער לאגער, און דא געשעט דאס אומגליק ווי מיט אלע אידן. די פרוי מיט די קינדער ווערן פער־ניכטעט, און ער ווערט געצוואונגען אריינצוטרעטען אין דער זאנדערקאמאנדא, צו רייסן די גאלדענע ציין ביי די טויטע פרויען. ער מיט נאך געוואגטע חברים נעמען ארגאניזירען דעם אויפשטאנד. כ׳וועל איבערגבן, ווי ס׳ווערט באשריבן אין טשעכאווער „יזכור בוך".

פיר מיידלעך וואס האבען געארבייט אין אוישוויץ אין די אמוניציע פאבריק „אוניאן" פלעגען ביים אויסשיטן דאס מיסט מיטשיטן צו ביסלעך אויפרייס

מאטריאל, און אויך איזאלאציע־שערן. אויסער דעם פלעגן זיי ארויס גגבענען מאטעריאל אין די קליידער. די פיר מיידלך זיינען געווארען אנדעקט און אויפגעהאנגען דורך די רוצחים. נאכן אויפהענגען די פיר מיידלעך איז געווארן אָרגאניזירט דער אויפשטאנד, זלמן פיטעל דער שרענסקער פעלדשער פריזירער, איז איינער פון די ארגאניזאטארן מיטן צוועק אויפצורייסן די קרעמאטאריעס. גריידע האבן געארבעט אין די זאנדערקאמאנדאס, דער צייכן אנצוהויבן דעם אויפשטאנד איז געווען מיטן איבעררייסן די עלעקטרישע דראטן.

זלמן פיטעל זייענדיק א פעלדשער פלעגט שטענדיק טראגן א קעסטל מיטן רויטן קרייץ. ער פלעגט דעריבער האבן די מעגלעכקייט זיך פרייער צו באוועגן ווי אנדערע חברים, אין געווען איז ער דער פארמיטלער צווישן זיי. אז דער אויפשטאנד איז שוין געווען צוגעגרייט, איז די ערשטע ארבעט געווען אפצורוימען די אונטערשעפס־פירער. אין ווירקלעך, ווי גאר אן אונזער שעפס־פירער האט זיך באוויזן צו קאנטראלירן די אויוונס, האבן די אויפשטענדלער זיי גלייך אריינגעווארפן אין אויוון אריין. זיי האבן מיט אומגעדולד געווארט אויפן לעצטן אונטערשעפס־פירער, ער זאל קומען קאנטראלירען, און אויך אים צו ליקווידירן — אריין ווארפן אים אין אויוון. נאר דא איז געשען דאס אומגעלעסטע וואס מען קען זיך פארשטעלן — א ביאליסטאקער איד, א פראוואקאטאר *) א זאנדערזויץ האט געמאלדן דעם דייטשישן אויבערשעפס־פירער די גאנצע געשיכטע. באלד איז געמאכט געווארן אן אלארם. דער אויפרייס איז געווארן צוגעאיילט מיט עטלעכע שעה. עטלעכע מענער, מיט זלמן פיטל בראש, האבן נישט געוואוסט פון דער פראוואקאציע, און האבן גאך באוויזן אונטערצוצינדן 1 קרעמאטאריע פון די 4 וואס זיינען געווען, און איבערצוהאקן די עלעקטערישע דראטן, אבער אין דעם מאמענט האבען די היטלעריסטישע חיות געלאזט אין גאנג פיל מאשין־געווער, און די העלדען האבען געפונען זייער טויט, דער ערשטער איז געפאלן זלמן פיטעל.

ערע זיין אנדענקען!

---

*) ס׳איז נישט מעסטגעשטעלט אז א אידישער פראוואקאטאר האט געמאלדן די דייטשן, ס׳גיבט א מיינונג אז א דייטשער געהיים אגענט פערשטעלט אלס ארעסטירטער וואס ענטדעקט די צוגרייטונג צום מרד און געמאלדן די דייטשן.

## אברהם זלמן ניבארסקי הי״ד

דער שוואכער גדליהו ניבארסקי קען נישט ערפילן די צוגעטיילטע ארבעט אין אושוויץ, אברהם זלמן זיין ברודער מאכט פאר אים די גרעסטע טייל ארבעט און ווען גדליהו ווערט קראנק אין ווערט געשיקט דורך די אויס וורפען אין אויוון אריין, גייט מיט אים מיט אברהם זלמן און ביידע קומען אום ביזאמען.

## נחום אלטוס

אין גיהנם פון אושוויץ, פערמאטערט פון דער ארבט שטעלען זיך אין דאס לעבן נחום אלטוס מיט זיין קוזין ש. יעקב בעקער אויף צו זוכן שוצנסקער, אז נחום דערהערט אז משה קודובורדסקי פון שרענסק איז געפרוירן געווארן ביי די ארבעט שלעפט ער אים (פיל קילמטר) פון דער ארבעט צו דער מחנה בכדי אים צוריאטעווען.

נחום אלטוס לעבט אין פוילן.

## איסר ניבארסקי הי״ד

די שטימונג אין מלאווער געטא איז א געדריקטע. 50 יונגע אידישע בחורים זענען דערשאסן געווארן אן שום סיבה. מענטשן גיין ארום אין טויט שרעק אומגבאהאלפענע באשעפענישן א יאוש האט אלע ארומגעכאפט. איסר ניבארסקי שטארקט די געטא אידן. דער בית המדרש איז פול געפאקט ווען איסר רעדט נישט פאר לירן דעם צלם אלקים, זיין שטארק מוטיגט ער דעם עולם.

## הירש גראנאט הי״ד

הירש באמיט זיך אריבער צוווארפן איבערן גדר פון געטא עסענווארג, פאר די הונגעריגע אין געטא, אזא טאט איז פארבונדן מיט סכנת־נפש, אז מען פאקט אים איז טויט שטראף.

# הרב [illegible]



























פרק חמישי

## א

## מדור ספרותי. — אנשי העט כותבים על שרנסק

## ב

## שרענסקער פאלקלאר אדער סתם גוטע ווערטלעך

# מדור ספרותי — אנשי העט כותבים על שרנסק

## ר׳ נחום סוקלוב ז״ל

### אחד מעלויי שרנסק

זכרונות מימי הילדות — קושיות חמורות
תורת הקדמונים — ותורתנו אנו
ר׳ יוסף לפי השקפתי — מתקופה לתקופה
השעורים אצל „בעריש גרויברד — תכונת אברך בעל תורה
האברך והרב — לכבודו של מת
המציאות והשלימות — שאלה של אומנות
החיים הם האמנות היותר גדולה.

קטנה וכל כך גדולה היא נפש הילד!... הדלה שבאבנים היתה נראית לי כבית המקדש של שלמה, וגלגלת הסוקר, שהיתה תלויה מן הספון בחנות, הבשמים הסמוכה לשכונתי. כמגבעתה הגבוהה של מלכת שבא, כשהיא מהלכת, כפי שצירתי לי אז, בין ששים גבורים... באחד הימים עלה אבא עמי על „הר הארמון״, ששם, במרום ההר, בין „חרבות השוידים״, עיי ארמון ישן, שהחריבו צבאות השוידים, יש בנין קטן, שקוראים לו „גן עדן״. חשבתי כי זהו באמת „שער השמים״. חולם הייתי הרבה פעמים בילדותי על אודות ההר ההוא ועל אודות אליהו הנביא. משם השתרע אופק התכלת הבהירה על פני נהר הוויסיל בווישוגרוד. פעם אחת דרך הלוכנו, הראני אבא סמוך להר ההוא מעין מים נובע מן האבנים, איך יוצאים מים מן האדמה, אבא? — ואיך צומחות שבלים מן האדמה? — השיבני אבא בשאלה — מן גרעיני הזרע — אמרתי, ואוסף לשאל — האמנם יש גרעיני זרעונים גם למים? — יש נטפי גשמים שיורדים מן השמים! הבינותי, ואומר עם לבי; כן, הכל מן השמים.

סמוך לתקופה ההיא אמר לי אבא: יש לך די מיהונתן, כבר יכול אתה ללמוד דף גמרא: בעינא דתיזול לשיעורא ד„בעריש גרויברד״, אז הלכתי לשיעורו של „בעריש״ אך זמן קצר. אבל זכרונות הזמן ההוא התחקו בקרבי עמוק

עמוק. היה זה אדם יפה בעל פנים לבנים כשלג, וזקן שחור מקיף אותם. העינים הגדולות היו מלאות חיים, ולב טוב מאד הציץ מחרכיהן. הוא לא היה לא רב ולא מלמד, אלא אברך סמוך על שלחן חותנו, ולא מצעירי האברכים, כי אם מאלה שכבר נתמחו ונתנסו ושכבר כבשו להם מעמד הגון בעולם התורה. תינוק הייתי, אבל איזה כח כמוס משך אותי אל האברך המובהק הזה. כמוני, היה גם הוא יליד עיירה קטנה בפולין; מוניטין שלו יצאת בעולמנו הקטן בתור אחד מ„עילויי שרענסק", ומוניטין שלי, שרא לי מרא, התחילה גם כן להסתמן ברומו של אותו עולם. אבותינו היו ידידים, ובסקרנות מיוחדת הייתי מסתכל אל אבא, כיצד נהנה מחברתו של אבי בעריש גרויברד, ששמו היה, אם זכרוני לא ישׁשני, בנימין. וכיצד היו שני יהודים פקחים, בני תורה, מחודדי המח ובעלי הומאר, משתעים במילי דעלמא ובמילי דאורייתא, ניצוצות הוו נתזין מן השיחות ההן: רבנים, רביים — עברו כבני מרון: שם, בעיירה יש רב, וריב לו עם העדה, והחסידים קמים עליו: בעיירה אחרת — רבי הירש קם והמציא שיטת חדשה של חסידות: העניינים היו מתחלפים כפרגודי התיאטרון, מילי דבדיחותא ושיחות חולין של ת"ח היו מבריקים. נשכח השוק וריקניותו ובערותו ונבלותו. נשכחו כל פגעי היום ותלאותיו, והתרקם ונברא עולם אחר, מלא אצילות וזיו. ומשנתו של בעריש היה קב ונקי, השיעור הראשון היה „חזקת הבתים", וגם שם — אולי יזכרו החברים? — נכנסתי אל „גוב האריות" כלומר: הרציתי את שאלותי הממשיות לפני בעלי המלים. שאלתי ע"ד לחי וקורה ומבוי. רציתי לגשם לי את הדברים המופשטים „ובעריש" היה מגחך גחוך קל, והיה אומר לי: אין לנו עסק במוחשים שבעולם המציאות והמעשה, אלא בהלכות, אין אנו לומדים חזקת הבתים, כדי לעשות, אלא כדי ללמוד. קפצתי ממקומי כמו נכוה: כיצד? — שאלתי — הן לא המדרש הוא העיקר אלא המעשה! — כן, השיבני בעריש, אבל אין זה נוגע אל ההלכות האלה, כי אם ל„יורה דעה" ול„אורח חיים". החשן המשפט הוא רק ללמדו בעלמא! — מנין לך זה? האם „החשן משפט" איננו תורה? האם מה שנאמר בסדר משפטים שבתורה גרוע בערכו ממה שנאמר בסדרות אחרות? ובעריש לא הוסיף להשיב לי. הוא היה בעל מזג טוב וזה נצחני, השיעור משך את לבי בזהר קסמו. היה בו שחוק חן, היתה בו תומה ונכוחה, היה בו לחש קול זמר ערב, געגועים וצלילים מאיזה עולם אחר, צח ונקי וקדמון, וכמעט יכול אני לאמר, שהיו בו גם לב מתרחש ונפש פיוטית, אפילו כשהפלפול היה מנקר ומחטט בסעיפי ודוקי"ם, היתה בו מדה גדולה של חזיון ושירה, של דברים שאי אפשר למדדם באופן המדידה הרגיל, או לשקלם במשקל הרגיל. ורוח זו של חזיון נאצלה מאת אדם טוב ויפה. הוי, חלומות נשכחים, תמונות אשר כבו!

עברו שנים רבות, ואותו „בעריש גרויברד" היה לרב בישראל, טירת האידיאלים, נשמה, טירת המציאות נבנתה על חרבותיה, וכבר היה לאברך המעודן הזה מגע ומשא עם עולם „המציאות והמעשה". הוא היה לרב בשעדליץ, פ"א בקרני; היכן אותו אברך קל ונעים עם קולו הבהיר והנאה, רב חשוב, מטופל, מסובך בדאגות, קברניטה של ספינה, שבקמטי מצחו אתה מכיר את כל בדקי הספינה ואת כל עקבות הסערות הגוהמות לנגדה כחיתי טרף... לא מצאתי בו עוד את הרעוא דרעוא של השיעור, את החירות והעידון של תורה לשמה, כבר היה מכווץ בחוג פעולותיו, כבר הגיחה עליו הרבנות את חותמה...

אויפן הויף פון דער שוהל פלעגט פארקומען א קליינע מלחמה צווישן די בית־המדרש בחורים מיט די קינדער פון די בעלי־מלאכות אונטער דער אנפירונג פון הערצקע גראנאט און מענדעל גראבארד.

די עלטערן פון די קינדער האבן געבעטן מיין פאטער ער זאל זיך באמיען איינצושטילן די קריגעריין, מיין פאטער אין אוויסן רייזע מאנטל, גייט דורך פאר דער שוהל און שרייט הויך „שמע ישראל". די קינדער רופען אויס: הערצקא, א טויטער! הערצקא מאכט זיך גיין גלייך צום „טויטן" און שרייט אריבער צו די קינדער: כ׳וועל דעם טויטן די זשעברעס אונטערהאקן. אהיים שלאפן, לאבוס — שרייט צו אים מיין פאטער. אהיימקומענדיק טרעפט מיין פאטער הערצקען שוין ליגן אין בעט און שנארכן. הערצקא — זאגט מיין פאטער — די „טויטע" האבן געוואלט אייך באשטראפן, גאר מיין שרייען „שמע ישראל" האט געהאלפן. מיין ברודער הערצקא עפענט די אויגן און נעמט שרייען „שמע ישראל". וואס שרייסטו איצט? — פרעגט אים מיין פאטער. — פאר די לעבעדיקע שריי איך, פאר די טויטע האב איך נישט קיין מורא...

## ר׳ חיים ביעלאווסקי ז״ל אין געריכט

ר׳ חיים ביעלאווסקי קויפט קאטשקעס ביי די שכנים. גויים אנטיסעמיטן מאכן אויף אים א בלבול, אז ער האט ביי זיי געגנבעט די קאטשקעס און שטעלן פאלשע עדות. נאכן אויסהערן אלע עדות אין געריכט, בעט חיים ביעלאווסקי דעם שופט ער זאל אים מיטגעבען א פאליציאנט צו באווייזן אז דאס אלץ איז א בלבול. ווען דער פאליציאנט קומט צוריק מיט ר׳ חיים׳ן, זאגט ר׳ חיים צום שופט: אלע

האבן עדות געזאגט אז מיינע קאטשקעס זיינען געגנבעט געווארן ביי זיי, איך בעט אז דער פאליציאנט זאל דערקלערן אז ביי מיר איז אין גאנצן נישט געווען קיין קאטשקעס (זי). נאר קאטשערס (ער)...

## היט מיך כ׳בין א גנב

אדאלף דער שגץ, דער זון פון די פרוי בראנצ׳יא, האט געווינט ביי גרינבערג׳ן אין בוידעם שטיבעל ער פלעגט ריידן און פארשטיין גוט יידיש, אבער שרייבן און לייענען יידיש האט ער גיט געקענט. האבן חברה אינגלעך אים אין א דאנערשטאג אין א מארק טאג אנגהאנגען א שילד אויף דער פלייצע מיט אן אויפ־שריפט: „היט מיך, איך בין א גנב". ווען ער האט שפעטער אויסגעפונען וואס מען האט אים אנגעשריבען, האט, אונז אינגלעך, שוין קיין צרות נישט געפעלט.

## נחמן שמש — אין ליפא מאיר׳ס קאלאש

נאכדעם ווי נחמן שמש האט שוין געהאט גענעדיקט רופען פרייטאג פאר־נאכט „אין שוהל אריין", איז ר׳ ליפא מאיר ז״ל, א קליין אידעלע, וואס האט געווינט נעבן דער תיפלה און געווען דער לעצטער אין לויפן פון מקוה, אין גרויס איילעניש פלעגט ער אין שניי פארלירן א קאלאש. אריינקומענדיק אין שטוב, האט די משפחה דערזען אז ס׳פעלט אים א קאלאש, און ס׳האט זיך אנגעהויבן א זוכעניש, אבער ליפא מאירן ארט נישט דער גאנצער טומל, ער גרייט זיך צו קבלת שבת.

## „באחאל"

ר׳ מיכאל קירשענבוים ז״ל הערנדיק ווי מען האט גערופען איינעם אנישט קלוגען „באחאל", דערקלערט ער דעם פשט פון דעם. דער תלמוד ברענגט אן אגדה אז ס׳איז פאראן א פויגל וואס לעבט אייביק. נאך יעדע 1000 יאר פארלירט ער די פעדערן און ווערט באלד צוריק לעבעדיק. דאס איז דערפאר ווייל ער האט נישט געגעסן פון עץ הדעת, אזא פויגל הייסט „חול". מען קען זיך פארשטעלן די חכמה פון אזא פויגל דעריבער זאגט מען אויף נישט א קלוגען, די ביסט ווי א חול ד. ה. „באחאל".

## די געלע חיה שרה׳ס אין יזכור

מען דערציילט, אז ביי „הזכרת נשמות" פלעגט די געלע חיה שרה׳ס רעדן

צום טויטן מאן: כ׳ווייס, דו האסט א פערשטאפטן קאפ, נעמט דיר גיט אין קאפ אריין — א מאל אז א אינגל האט אנגערירט א מיידעל איז זי געווארן טראגענדיק. סיי דאס אינגל און סיי דאס מיידל האבן זיך דעריבער געמוזט פירן אנשטענדיק. היינט איז א הפקר־וועלט, ס׳געשעט גארנישט, דעריבער זאלסטו זען אויבן אין הימל צו שטורמען וועלטן, ס׳זאל זיין ווי ס׳איז געווען א מאל, און זיי וועלן זיך פירן אלע אנשטענדיק...

## שרענסקער ישיבה־בחורים

אין חודש אלול — און אין חודש ניסן, קומען צוריק אהיים די ישיבה בחורים אויף יום טוב, דער קול התורה אין בית־המדרש הערט זיך טאג און נאכט. יעדער איינער האט געברענגט א פאק מיט שיחות־חולין של תלמידי־חכמים, דער גרעסטער באגאש פרמאגט חבר קירשנבוים פון גערער־ישיבה.

## דאס בית המדרש און די זיץ־בענק

נאכ׳ן רעמאנטירן דאס בית המדרש דורך דעם גבאי ר׳ משה ליב עבערט ז״ל, זיינען צוגעקומען פרישע בענק. חבר קירשענבוים בעמערקט צו דעם אז אין גערער ישיבה פלעגט מען זאגען פאר וואס ברענגט די גמרא, אז אין דעם שטרייט צווישן ר׳ גמליאל און ר׳ יהושע, זענען צוגעקומען 400 בענק, פאר וואס ווערט נישט דערמאנט וויפל תלמידים. נאר די תלמידים זענען געווען אזוי וויא די בענק, נאר כ׳האף, פארענדיקט ער, אז ס׳איז נישט חל אויף שרענסק.

## די בית המדרש־בחורים ווערען זינגער׳ס

ס׳ווערט איינגעארדנט א כאר פון בית־המדרש־בחורים, דורך די ארגא־ניזאטארען, יחיאל אליעזר ז״ל, דעם חזן׳ס חיים ברוך׳ס זון — און דורך ח׳ נתן דאבראשקלאנקא. די שעורים קומען פאר אין בית המדרש זייער שפעט אין אוונט, נאכ׳ן רב׳ס שיעור. יעדער איינער האט שוין געקלערט פון א קאמערטאן. איינמאל באוויזט זיך דעם רב׳ס זון, הירש מענדעל. וועלכער איז אויך א מיטגליד פון כאר, און דערקלערט, אז עס ווערט געשטערט די רו פון זיינע עלטערן. די ארגאניזא־טארן באשליסען צו לקוידירן דעם כאר — און דער חלום פון א קאמערטאן איז געבליבען א חלום.

## ר׳ מענדעל קרוק ז״ל און די מקוה

ווען אין שטעטל האט זיך געשאפן א שטאטישער קאמיטעט מיט ר׳ מענדעל בראש מיטן ציל מעביר צו זיין דעם חזן שוחט ר׳ חיים ברוך פון די שחיטה, איז ר׳ מענדל ארויסגעטרעטן מיט א גרויסע דרשה פארן ציבור אין בית המדרש, שבת פארן לייענן די תורה. אין דרוש דערקלערט ער, אז יעדער מענטש האט זיך זיין געשמאק, און נישט יעדער איינער איז נהנה פון זעלבער זאך, למשל, איינער האט הנאה פון אגוט מיטאג מיט א געבראטענע קאטשקע, דער צווייטער האט הנאה פון אהייסע מקוה. ווי ער האט נאר דערמאנט דאס ווארט „מקוה״, שפרינגט אויף דער מקוה׳ניק און הייבט אן שרייען, ער וועט נישט הייצן קיין הייסע מקוה׳ס, ר׳האט קיין געלט צו קויפן האלץ. אלע בארואיגונקס אויפקלערונגען אז מען מיינט נישט אים האבן נישט געהאלפן, די קהלה האט געמוזט טוישן אויך דעם מקוה׳ניק.

## משה ראזענבערג דער קאמוניסטישער פירער און זיין רבי

ר׳ שמשון ראזענבערג ז״ל האט געדונגען א מלמד פאר זיין זון משה, ער זאל אים אויפוועקן צווישען 4־5 פארטאג צו גיין לערנען אין בית המדרש. משה׳ן האט זיך שטארק נישט געגלוסט אויפצוהייבן 4 פארטאג, האט ער איינמאל אפגעמאכט מיט זיין גרעסערער שוועסטער, אז זי זאל שלאפן אין משה׳ס בעט, און משה וועט שלאפן אין איר בעט.

דער מלמד האט געהאט צוויי מעלות: געווען א גרויסער בטלן און א קורצזיכטיקער. ווען ער פלעגט קומען אויפוועקן משה׳ן פלעגט ער אים ארונטער־פירן די הענט אונטערן העמד און אים שלעפן. נישט לייכט איז געווען אים אויף צוּוועקן. ווען דער מלמד איז געקומען אין יענער נאכט, האט ער דאס זעלבע זיך נוהג געווען מיט זיין שוועסטער. עס איז געווארן א גרויסער רעש, די שוועסטער האט געשריגן, דער מלמד האט געשריגן, אז ער איז נכשל געווארען מיט אן אשת־איש. די שכנים זענען זיך צוזאמענגעלאפן. ר׳ שמשון, א איד א פיקח, האט זיך גלייך געכאפט וואס דא איז פארגעקומען, האט ער דערקלערט דעם מלמד, אז ס׳איז א מיידל, נישט קיין אשת־איש, זאל ער בעסער גיין אין ביהמ״ד זאגען א קאפיטל תהלים. דעם זון האט ער באשאנקען מיט צוויי פעטש, די שכנים האט ער געשיקט שלאפן און פון דאן אן זענען די מיידלעך געשלאפן אין א פערשלאסענעם צימער, און אז דער שליסל פון מיידלשן צימער איז פארשוואונדן געווארן האט מען געמוזט אויפרייסן די טיר, און ר׳ שמשון האט פערשטאנען אז ס׳איז משה׳לעס ארבעט.

# ה ש ו א ה

## שקיעתה וחורבנה של שרנסק היהודית

ונקיתי דמם לא נקיתי...
יואל ד' כ"א

# יזכור

יזכור העם את בניו ובנותיו של

# קהלת שרנסק, רדזנוב וקודז'בורק

שנרצחו, נורו, נחנקו והורעלו בגזים והומתו

במיתות שונות ע״י הנאצים הטמאים ועוזריהם

בשנת — 1942

בין הנספים היו טף וילדים, גברים ונשים, אנשי־עמל

ומסחר ובעלי־מלאכה. כלם תמימים וישרים לאלהים.

ינקום הד' את דמם עבור חייהם שנגדעו בלא עת.

ארץ אל תכסי דמם!

תהא נשמתם צרורה בצרור החיים

## נתן בן מנחם (דוברושקלנקה)

# מען מוז שרייבן !!!

מיינע פריינד האבן זיך צו מיר געוואנדן איך זאל שרייבן זכרונות פון שרענסק, וואס זאל ארומנעמען די תקופה ווען איך בין געווען טעטיק געזעלשאפט־לעך אלס מיטגרינדער פון קולטורעלע, ציוניסטישע און סאציאלע אינסטיטוציעס, די יארן ווען איך בין געווען ראש־הקהל און שפעטער ווען איך האב פארלאזן שרענסק און זיך באזעצט אין טהארן־פאמערן.

איך בין מודה אז עס איז מיר זייער שווער צו נעמען די פעדער אין האנט און שרייבן וועגן אונזער קהלה, אונזער יוגנט און אונזערע אינסטיטוציעס וואס זענען פארברעכעריש אפגעמעקט געווארן און עס איז פון אלץ קיין זכר נישט געבליבן.

איך האב מיר געשטעלט די פראגע; צי בין איך בכוח פון גייסטיקן און זעלישן שטאנפונקט צו טראכטן, און שרייבן וועגן לעבנס פון טייערע און נאנטע, וואס זענען אזוי גרויזאם סאדיסטיש פארפייניקט געווארן? צי בין איך פעאיק גלייכגילטיק שרייבן זכרונות ווען פאר מיינע אויגן שוועבן די גרויל־בילדער וועלכע ווערן געשילדערט אין די ביכער „סלמנדרא״ „בית־הבובות״ (פופען־הויז) א. א., בילדער וואס פארגליווערן דאס בלוט אין די אדערן, ווי עלטערן ווערן געצוואונגען צו זיין תלינים פון זייערע אייגענע קינדער; ווי היטלער־מערדער שפאלטען מיט העק די קעפלעך פון קליינע קינדער אזוי ווי מען האקט דורך א שטשאפע האלץ, ווי די מערדער פייניקן סאדיסטיש זייערע קרבנות, ווי זיי נעמען מענטשן און לאזן אריין אין פעסער מיט צואות מיטן קאפ אראפ און די פיס אין דער הויך ביז זיי ווערן דארט דערשטיקט; ווי זיי נעמען אידישע טעכטער, טוען זיי אויס נאקעט און האקן זיי מיט שטעקענס ביז זיי הויכן אויס זייערע הייליקע נשמות, און נאך און נאך סאדיסטישע גרויזאמקייטען וואס די מענטשלעכע פאנ־טאזיע איז זיך גאר נישט בכוח פארצושטעלן?

עס ליגט א מאראלישער חוב אויף יתומים צו שטעלן א מצבה פאר זייערע עלטערן, עס איז א פליכט פאר אלע געראטעוועטע און לעבנ־געבליבענע צו פאראייביקן דאס אנדענקען פון אונזערע קדושים, צווישן וועלכע מיר זענען דערצויגן געווארן און פארבראכט א גרויסן טייל פון אונזער לעבן.

דער גרעסטער טייל פון די שרענסקער קדושים זענען פארשניטן געווארן מיט זייערע משפחות און עס איז נישטא ווער עס זאל נאך זיי קדיש זאגן, זאלן אלזא די זכרונות דינען אלס קדיש פאר זייערע נשמות.

**יתגדל ויתקדש שמיה רבא!!!**

# לזכר עולם

## רשימת יהודי־שרנסק שניספו בשואה בשנים 1940 — 1944

שמות הקדושים נמסרו ע״י משה ניבורסקי

(במשפחות החסרים שמות — לצערינו לא נתקבלו הפרטים)

### משפחת הרב

הרב יהודה שרגא ליכטיג
הרבנית רויזה ליכטיג
אליעזר ליכטיג
אסתר ליכטיג אשתו

צבי מנחם הירש מנדל ליכטיג
רחל ליכטיג אשתו (לבית פרלומטד)
אלטא קושיק (לבית ליכטיג)
יחיאל קושיק [redacted]

אות א.

אוסמן שלמה
״ חוה
״ גיטל
״ חנה
״ בילה
״ יצחק
״ רבקה
״ דברה
״ לאה
אוסמן יעקב־אהרן
״ חנה (חנטשא)
״ פריידה
״ אסתר
״ רבקה
״ דוד
אוסמן יוסף (יאשע)
״ יוטא
״ רבקה
״ פנינה

אוסמן יעקב אריה
״ משה
אורונוב יחיאל
״ שינה רויזה
אייזנשטיין מנחם
״ חנה חיה
(לבית גרנט)
״ הנ׳ה
״ פלה
איידליץ עקיבא
״ חיה רעכיל
״ הינדה
״ אברהם יוסף
אלשעוער י. מאיר
״ טאבא
״ שלמה
״ אסתר
״ זלדה
אלטוס שאול
״ צארנא

אלטוס גננדל
״ אסתר
אנשלביץ שלמה
״ רבקה
״ יוסף
״ שושנה
אנשלביץ ליפא
״ אידל
״ יוסף
״ ציפה
אקס שפסל שבתי
״ חנה רשי
״ שמשון
״ רחל לאה
אקס אברהם
״ שרה
״ נחמה
ארביטער צירעל
״ שרה

אות ב.
בורנשטיין יחיאל מ.
בורנשטיין מרים
״ פייגא
״ טובה שרה
״ יחזקאל איסר
״ רבקה
״ מנדל
(מנחם)
בורנשטיין עקיבא
״ פייגא (גרנט)
״ גיטל רשי
(הילדה)
באניסלאבסקי שמואל
״ מאיר
״ יונה
״ לילי
״ שושנה
״ פרל
בילאווסקי חוה
״ אליעזר
״ קילה
״ חוה רבקה
״ פרימה דבורה
ביאליסטוק רבקה
אשתו של השמש
״ נח
״ חוה
״ רבקה
בקר הניה רחל
בקר זלמן

בקר אריה
בקר שרה
״ חיה
בקר שמואל מרדכי
בקר דינה
״ מאיר
בורנשטיין פריידה
״ בלימה
״ אסתר
״ למיל
בורנשטיין [redacted]
ומשפחתו
בקר אסתר נכה
״ שמואל יעקב
״ דוד
״ זיינביל
״ חנה
בקר אברהם
״ רחל (רוחטשה)
(גרגט)
״ שרה
״ בלימה
בראון יהושע
״ חיה יוטא (לבית
גרינבוים)

אות ג.
גראנאט גולדה
(לבית לסק)
גראנאט חנה
״ צבי (הירש)
״ פנחס מרדכי

גראנאט ליב
״ גיטל שפרה
״ הינדה
גרודה נכה
גרודה אליה נחמן
״ פייגא
גולוברודה יהודה
״ אסתר
״ פאלא
גרינברג מתתיהו
גרינברג צביה
גרינברג טובה
גרינבוים משה הירש
״ רויזה
״ אשר
גרינבוים אטקה
גרינבוים
מרדכי יוסף
גרינבוים שיינדיל
גרינבוים שלמה
״ שרה
״ דן
״ גולדה
גרינברג יחיאל
״ חיה שרה
״ בינם
״ מתתיהו
גרינברג מרים

אות ד.
דוברושקלנקה פייגא
״ חנה

אות ה.
היללר הרשיה
" פועה
" רלה
" גולדה
" אסתר
היללר
נפתלי (הירצקה)
" דבורה
" חית יטא
" צביה
" אברהם
המבורגר עזריאל
" הגדל
" משה
" דוד
המבורגר אברהם
" שרה
המבורגר משה
(דעם שטימרס)
" אסתר
" יטא
" בילה
" שמואל
הנדל זלמן
" הינדה

אות ו.
וויראסקי בינם
" אשתו
" ילדו

אות ז׳
זימן אלישבע (לבית
מרחיים)
" דוד
זימן יחזקאל
זימן שלמה
" זיסא (לבית
שפירא)
" ילד
" ילדה
זימן אהרן זליג
" יוטא (מבית
קורלציק)
" ישראל
" אברהם
זילונקה צביה (לבית
יצקוביץ)
" שלמה (הי־
לד)
זילברשטיין גולדה
(לבית נח)
זילברשטין דוד בע־
לה)

אות ט.
טורובסקי אהרן
" רחל אשתו

אות י. (יוד)
יזראעל יעקב
" דבורה
" שלמה
" פייגא

יזראל יטא
" נח
יגלוביץ חיים (מוס־
טרס אידעם)
" פנינה
" בינם
יצקוביץ לאה פרימה
" אלטער
" יהודה ליב
יצקוביץ רחל בת
אברהם
יצקוביץ אברהם בן
אברהם
יסטשמעבסקי
" שיינ־
דעל (לבית גרינברג)
בינם בן של חיים
ברוך שרפסקי
יצקאוויץ אפרים
" שרה יוטא

אות כ.
כהן אברהם
" מרים
" חנה רויזא
כהן נתן
" חוה לאה
" הילד חנוך
כץ רחל (גיבורסקי)
כץ דוד בעלה
הילדים: יחיאל, אי־
סר, מרדכי, שפרא.

אות ל.
ליכטמן יעקב
" דינה מלכה
" ביניש
" אליעזר
ליכטמן דוד הערש
" טובה
" משה
" פרימה
" שלמה יוסף
" יצחק ליב נשוא
" אסתר
ליכטמן דניאל
" פייגא רחל בתו
ליכטמן ישראל
ליפשיץ אליהו יצחק
" רחל
" אדל
" חוה
" הינדה
" בלימה
" דבורה
ליפשיץ פנחס
" חיה מרים
" אברהם
" שרה
" פייגא
" צרקא (צילה)
ליפשיץ פייבל
" דבורה
" עטקא

ליפשיץ שמואל
" שמעון
" צבי
ליפשיץ צבי מאיר
" אלקה
" בתם
" מרדכי
ליפשיץ זנה
" צבי מאיר
" יצחק
" אדלה
ליפשיץ עטא
" שרה
ליפשיץ יוסף (יוסל)
" שרה
" אריה
" שמואל
ליפשיץ אברהם חיים
" רויזה לבית לנדוי
" בנם הירש־לה צבי
לעוויטן דוד יום־טוב
" חיה
" חנה
" אביעזר
לסמן־פרלמוטר חיה־שרה
לנדאו מנדל (מנחם)
" צפורה

לנדאו קינה פוגל — מבעלה
" בילה־שפירא נשואה ממלוה
מגנישעוער יחיאל
מגנישעוור צבי
מינדל אשתו, גולדה, שרה בנות
מלובנציק שלמה
" אשתו
" ליבל (אחיו)
מאנדרי שמואל
" מרים צפורה
מטוס מתתיהו
" רשי
" צבי
" אהרן
" הינדה
" פסה
מיצנמכר חוה (לבית כהן)
" בתיה
מאראנאוויץ אסתר רחל
מטוס אדם
" באשא לבית־מיצנמכר
" משה מגדל הילד
מאנדרי חיים יצחק
" חנה רודא אשתו

מיאנטשין רחל (לבית
נאאך)
מרינוביץ יטא אשתו
של דוד מרינוביץ
מרינוביץ הלל
" שרה הינדה

אות נ.
ניבארסקי חיים זאב
" חיה
ניבארסקי אברהם
זלמן
" חיה הדס
" אליהו
" שרה הינדה
" רבקה
" בילה
" איסר
" ישראל־
מרדכי
" זיסה לאה
ניבארסקי איסר
" שרה
ניבארסקי גדליה
" שרה
" יצחק מאיר
" יעקב דוד
נדולניק רפאל
" צירל
בתם
נורדנברג פיגא

נורדנברג רבקה
נורדנברג דניאל
" חיה ליבה
" רחל
" חנוך
נורדנברג מנשה עם
משפחתו
אות ס.
סטביסקי חנוך
" שרה דבו־
רה רבקה
" חיה
סולדנר יעקב משה
" זיסא
" רלה
" יונה
" רחל
" מאיר יחיאל
סוכול קריאנדיל
סוכול פרל
" אריה
סגל אברהם מרדכי
" חנה רויזה
" עלקה
" ושני ילדים
סוסקי משה ניסן ו־
משפחתו
סטרוגובסקי יוטא ל־
בית טורובסקי
" נחמן
" הילדים

אות ע.
עליאש אליהו
" פייגא לבית־
בקר
עבערט מלכה
אות פ.
פיטל זלמן
" דבורה
" דינה
" רחל
" דוד
פישביין פייגא (לבית
זימן)
" טובה
פליישר חוה מלכה
פליישר יוסף
" פייגא
" רבקה
" שלמה
" יוטא
" רויזה
" נח
" אברהם
פלוצקי שלמה
" אשתו
" שרה
" חיים אליעזר
" שיבה
" חנה
פעפער הגדל
" שיינדיל

פלאט בילה — אחרי
נישואים יבלונסקי
פדרו טוביה
" חייה פייגא (ל־
בית פריידנברג)
" חנה
" מרים
פריידנברג אליה
משה
" מינדל
" חנטשא
" אברהם
" מיכאל
פריידנברג זרח
" גיטל נעכא
פודלס זיניו
" דבורה לבית־
רייכגאט
" יעקב ליב בנם
אות צ.
ציכאוויץ אברהם־
יצחק מוסטר
" מאשא
" ביילא
" יהודית
" רבקה
צוקר פייגא
אות ק.
קאלקאווסקי יוכבד
קודזבארסקי אלחנן
" גיטל

קודזבארסקי חוה לאה
" משה
" רבקה
" יעקב
קודזבארסקי יצחק
" פייגא
" אברהם
" מרים
" משה
" בתיה
קודזבארסקי אברהם
" זלטה
" שני ילדים
קרול הנה (לבית
גרינבוים)
" בנה יחיאל מ־
איר
קודזבארסקי יהודית
" משה
" הניא
" ולמן
" גח
קירשנבוים אלתר
קורן טובה רשי
" זלמן הירש
(בנה)
" מרים (לבית
יורמן) כלתה
" איטה מאירה
(בתה) בת מרים

קורלטשיק פייגא
(הייטשא)
קנובל פייגא (לבית
שרפסקי)
" פנינא
" משה
קליימן שלמה
" יוטא גולדה
(לבית הילר)
קרוק יחיאל
" חיה
" הילד
קרמרוש יחיאל
" פריידה
" ילדות
אות ר.
רוזנבוים רבקה
" שמחה
" לאה
רוזנבוים יהודה גר־
שון
" פסה
" פנינה
" יוטא
רוזנבוים אריה
" עטקא (לבית
קודזבאסקי)
" בילה
" מנדל
רוזנבוים שלמה
" פייגה

רוזנבוים חוה לאה
לבית שפט
" בת
" בת
רייספעדער יחיאל
אליעזר
" רבקה
" שלמה
רבינוביץ אברהם
" חנה

אות ש.
שער ברך
" אסתר לבית
קרוק
" אהרן
שפירא פרץ
" חנה (לבית
גרינברג)
שפירא מלכה
שאפט אהרן

שאפט פריידא
" יעקב
שרפסקי יהודה דב
" טישל
" זלמן
" אליהו מר־
דכי
" יעקב
" זליג
שרפסקי חיה שרה
(לבית מונדרי)
" ישעיהו (שייה)
" אברהם
" פייגה
" רחל
" לוניה
שרפסקי חנה (לבית
לנדוי)
" רפאל בנה
שרפסקי אברהם א־
הרן

שרפסקי דבורה
" יעקב
" רחל
" פייגא
" דרקא
" זלמן
" זליג
שצפקאווסקי מאיר
" פייגא
" יוטא
" יחיאל
" טוביה
" רחל
שצפקאווסקי גדליה
הירש
" מלכה
" יחיאל יוסף
" יעקב שלמה
" יוטא
שפירא חנה
מאי

## קרבנות פון גלות פולין

ר׳ אלתר (קוצקר)
גולדשטיין הי״ד
טובה שרה גולדשטיין
אשתו הי״ד

ר׳ נחום האדעס הי״ד
ר׳ ליב זייאנץ הי״ד
ר׳ אברהם יצקוביץ
הי״ד

ר׳ יואל לייב סוסקי
הי״ד.

## אברהם ז. סטביסקי

# על קהלת שרנסק שנשמדה, השם ינקום דמם

מי יתן ראשי מים ועיני מקור דמעה
ואבכה כל ימותי ולילי את חללי
ספי ועוללי וישישי קהלי

(מקנות לתשעה באב)

ברגשי קודש, אני נגש להעלות בכתב, אי אלה דברי־אזכרה על קהלתינו, שנחרבה על ידי הצורר ימ״ש, ודומני שדברי המקונן הנ״ל, הולמים את מצבנו, אנו. יום ולילה, אסור לנו לשכוח לרגע קט את החורבן הנורא והשואה האיומה, לו היה בכוחני ואלמלא הטבע שטבע הבורא באדם, ששורר בו מלאך השכחה, ויש להמשיך לעסוק בחיי הימים, נוסף לאבל יחיד, של כל אחד מאתנו, יען מי מאתנו לא התיתם ושיכל את בני משפחתו, מי הורים, מי אחים אחיות, וכו׳, נשאר חלל ריק, בתוך המשפחה, אין עם מי להתיעץ, אין את מי לשאול, אין עם מי לשמות, נוסף לזה יש כאן, אבל — רבים, אבל של כלל ישראל, אבל על כל בני־
מאתנו לא התיתם ושיכל את בני משפחתו, מי הורים, מי אחים אחיות, וכו׳, נשאר
חלל ריק, בתוך המשפחה, אין עם מי להתיעץ, אין את מי לשאול, אין עם מי
הקהלות הקודש שמסרו את נפשם על קדושת־השם, הנאהבים והנעימים בחייהם וגם במותם לא נפרדו: יהדות פולין, לבה ומוחה של היהדות העולמית, אותה היהדות מליאת־חיים, תוססת חיים ותורה, חיים של יראת־שמים, חיים צבוריים וחברתיים, מצטיינת בתורה בחכמה בצדקה; חסד באהבת ישראל, וגם באהבת ארץ ישראל; וכמו בהכלל גם בפרט, בכל קהילה וקהילה אפילו הקהילה, הכי־קטנה, הצטיינה, בכל המדות והמעלות הנ״ל. כי אותה אוירה של תורה, צדקה חסד, אהבה־לציון, היתה שורה בכל עיירה ועיירה, נקח לדוגמה, קהלת שרנסק עיירה קטנה (נדחת), באיזו פנת צדדית, ללא קשר ישיר עם העולם הגדול (רק בזמן אחרון היה קשר במכונית למלבה ושרפץ), קהילה בת מאה משפחות, ובכל זאת איזה חיים תוססים צבוריים היו בה; קהילה מסודרת עם מוסדות צדקה וחסד, בית מדרש מלא תורה ותפילה בית כנסת מפואר. אני זוכר עוד בתי חסידים של חסידי גור ואלכסנדר, דאגה לחולים, (לינת הצדק ובקור חולים), דאגה למעוטי יכולת (קופת גמ״ח), בנק אגודת סוחרים גדולים וקטנים, וכל זה בזמן אחרון, לפני הרבה שנים, היו עוד חברות לכל עניני צדקה למוד התורה ואגודת בעלי מלאכה. יעידו על כך הרבה ספרי התורות שהחברות הנ״ל כתבו ונדבו לבית המדרש ולבית הכנסת, כמו חברת מבקרים, חברת אומרי תהלים ועוד. שרנסק

היתה מקור לתורה. ואם אמנם אינני זוכר בזמני, שבית המדרש יהיה מלא עם לומדי תורה, אבל השולחנות ארון הספרים בבית המדרש, שהכיל דומני חצי תריסר ש״ס בבלי, ש״ס ירושלמי, ספרי הוראה, ספרי דרוש ומוסר, כמו״כ ספרי מחקר, העידו שפעם היה הבית המדרש מקור תורה, יום ולילה. ספרו שהיתה קימת שם ישיבה גדולה שבחורים מחוץ לעיר באו ללמוד אצל הרבנים הגדולים ששמשו בקודש, כמו ר׳ יהושע׳לע מקוטנא, ר׳ יחיאל מיכל משרפץ, ר׳ יונה זלוטניק מפלאצק, ואחרון אחרון, מורי ורבי הרה״ג מהרי״ש ליכטיג זצ״ל אבל גם בזמני אף פעם לא נדם קול תורה בבית המדרש. תמיד היו כמה צעירים לומדים תורה וחסידות בבית המדרש ושמעו דברי הלכה מפי הרב זצ״ל. גם זקנים ישבו ולמדו תורה עסקו בחסידות. לא פעם התאונן לפני מורי ורבי הרב זצ״ל, על מעוט לומדי התורה בעיר, הוא התגעגע לימים עברו עת היה מרביץ תורה לפני עשרות תלמידים. דומני שלא היה איש צעיר יודע תורה שלא היה מתלמידיו של הרב זצ״ל. יהודי מופלא היה הרב זצ״ל. תלמיד גדול בתורה, אחד מגדולי הרבנים, חסיד מובהק של אדמו״ר מגור זצ״ל. עניו ופשטן, אוהב את הבריות, אוהב את המקום, שמח בחלקו, לא שאף לגדולות, ישב בעירה הרבה שנים, הוא היה ראוי, אמנם לשבת על כס הרבנות בקהלות גדולות, לפי גדלותו. הוא סבל יסורי גוף, ידוע־חולי. אבל הלב היה מלא על גדותיו באהבת השם, באהבת ישראל. הצטער בצערו של כל אחד מקהלתו והיה שמח בשמחתו של כל אחד. עוד אהבה קננה בו והיא: אהבה לציון, לארץ־הקודש. אהבה זו היתה ממלאת את לבו הטהור. כמה שמח שזכה שבנו עלה לארץ־ישראל, כמה שמח שקיבל מכתב מבנו, בו הוא מבשר לו שהוא מתחיל להסתדר. את המכתבים והגלויות היה שם בתוך דפי הגמרא. הוא בעצמו כמה התגעגע לעלות לארץ־הקודש, ולחונן את עפרה, כמה שמח בזמן שנפרדתי ממנו בעת עליתי לארץ־ישראל הוא אמר: ב״ה שגם תלמידי זוכה ועולה לארץ הקודש. הוא בירך אותי בהצלחה וסיים: מתי אזכה גם אני לעלות. לצערי לא עלה בידו לבצע את מחשבתו הטהורה והוא הלך ביחד עם בני קהלתו, למקום ממנו לא שבו. כידוע היה בזמן אחרון רב בגיטו מלבה, גם רעיתו הרבנית ע״ה, אשה כשרה וחסידה, שסבלה רבות בחיים, אבל תמיד דאגה שבעל״ה הקדוש, יוכל לשבת ולעסוק בתורה. גם לנו, לתלמידים, דאגה וכאם היתה לי. גם שובי״ם ושצי״ם היו בשרנסק, יהודים למדנים וחסידים כמו ר׳ משה דוד, ר׳ חיים ברוך, ר׳ חיים שוחט ואחרון ר׳ אליעזר בילבסקי, אברך למדן וחסיד שסבל הרבה ושימש באמונה את הקהילה; גם מלמדים (מורים) שהרביצו תורה לילדי ישראל, היו יהודים יקירים, חסידים, אנשי מעשה. אזכיר אי אלה שאני הכרתי אותם ולמדתי אצלם: ר׳ מנדיל מאטעס, בנו ר׳ יחיאל מיכל, ר׳ מנדיל רוזנבוים, ר׳ וואלף

ניבורסקי ועוד. חושבני, אם שרנסק היתה ברובה קהלה של בני תורה, כל זה הודות למלמדים הנ״ל ולרבנים הגדולים. גם חסידים היו בשרנסק; חסידי גור וחסידי אלכסנדר שהיו לומדים תורה וחסידות והיו נוסעים מפעם לפעם לחצרות האדמורי״ם. אזכיר כמה מהם: ר׳ שמואל מרדכי בורנשטיין, ר׳ משה גראנאט, ר׳ מנדיל זימן, ר׳ ברוך קורן, ר׳ אברהם מאיר רייכגאט, אבי, כולם זצ״ל מחסידי גור, ר׳ משה לייב עבערט מחסידי אוטבוצק, ר׳ הרצקע גראנאט חסיד נלהב ועושה חסד, ר׳ הירש הילער שהיה גדול בתורה, מחסידי אלכסנדר, ועוד ועוד, ר׳ מנדיל קרוק, למדן וחסיד גור, איש משכיל ומלומד. ראוי להזכיר את פרנסי הקהלה ר׳ פנחס ליפשיץ, ר׳ אברהם כהן, ובזמני ר׳ עזריאל המבורגר, ר׳ יעקב משה סולדנר, ר׳ מנדל זימן ויבדל לחיים יו״ר הקהלה האהוב ר׳ נתן דוברושקלנקה (בן מנחם) שיחי׳. כמו״כ עוד אנשים מכובדים, כגון ר׳ משה הירש גרינבוים, ר׳ מנחם אייזנשטאט איש המעשה, העושה בעניני צדקה וחסד ר׳ גדליהו ניבורסקי, תלמיד חכם גדול ומשכיל, מזכיר הקהלה, הבנק וקופת גמ״ח. בקצור, כולם אהובים וכולם קדושים. פרק מיוחד מהווה הפרק של אהבת ציון שהיתה בעירה. לא לחינם זכינו ב״ה לעשרות משפחות מבני שרנסק המסתופפים בארצנו הקדושה. חז״ל אומרים מי שטרח בערב שבת יאכל בשבת שרנסק היתה מבין הקהילות הראשונות שנענו לקריאה לעלות לציון עוד לפני 40 שנה, אפילו כל אלה שיצאו מבית המדרש, לא יצאו לרחוב סתם, אלא יצאו לבית מדרשה של תורת ארץ ישראל והגשימו בפועל את התפילה „ותחזינה עינינו בשובך לציון״. בחורים צעירים בלי כל מושג מקשיי החיים, עזבו הורים ומשפחה, ילדי אבא אמא עלו ברנה לציון, לבנותה ולהבנות בה. כמה היתה השמחה גדולת בכל העיר, אם מי שהוא עלה לארץ הקודש, היו מלווים אותו בתופים ובמחולות, כולם ברכו אותו בהצלחה. כמה שמחו שנתקבל מכתב שהצליחו להסתדר (אם כי רק כתבו ככה בעוד שסבלו כמו כל החלוצים). זוכר אני ההתרגשות הקדושה וגדולה בעת שיסדו חברה בשם „נחלת אבות״ שמגמתה היתה ע״מ לאסוף כסף ולרכוש קרקע בא״י, הגרילו „חנוכיה״ וזכה בגורל אחד מתושבי העיר, ר׳ הירש הילער, בליל ראשון של חנוכה בנוכחות קהל רב עלה על הבימה בבית המדרש י׳ יוסף לייב פפר ז״ל ומסר את המתנה לידי הזוכה, ואמר לו כשם שזכית לזכות בגורל בחפץ זה, שתמורתו היתה קודש לארץ הקודש, כן תזכה אתה ונזכה כולנו לעלות במהרה לציון, וכולם ענו אמן ואמן. מעמד נשגב מאד היה בזמן שהגיע שליח מטעם המוסדות הציוניים, הלכו רבים לשמוע אותו וכולם תרמו כסף, ושוה כסף למען ציון וירושלים. כמה הצטערו והתאבלו כשנודע להם ע״ד הפרעות שנערכו אז בארץ-ישראל. יהודי העיירה התאספו לבכי והספד בבית הכנסת ותרמו לשיקום נפגעי הפרעות. אפילו אנשי אגודת ישראל תרמו כסף,

למען קרן הישוב, הקרן למען ארץ ישראל, מיסודה של אגודת ישראל.

בסכום הדברים: עירה חביבה, יעלת־חן, טבעת בשרשרת הגדולה של קהלות פולין, (לפי המסורת מסופר כשהיהודים הלכו בגולה ועברו את חלק תבל זו יצאה בת קול ואמרה פה לין:) אם אמנם כבר עברו הרבה שנים מהשואה והחורבן, קשה עוד להשלים עם הרעיון, שכל זה היה ואיננו, הכל נחרב ונשמד, מתחת שמי השם ואין תנחומים.

„על בית ישראל ועל עם השם, כי נפלו בחרב" כדברי המקונן אנו אבלים ובוכים. הנחמה היחידה היא, נחמת ציון, שזכינו בימינו אנו לראות את מדינת־ישראל, הולכת ונבנית. בתוך הנס והפלא הזה אל לנו לשכוח את קדושינו יקירינו שהם המותם צוו לנו את החיים. וצדק אותו יהודי שאמר בזמן שנזרק לכבשן האש „לי לא יעשו שום דבר, יש לי בנים בארץ ישראל". במשפט זה נעוץ הבטחון שעוד נמשכת השלשלת, כשם שזכינו לאתחלתא־דגאולה, כן נזכה לגאולה שלימה, לראות את מדינת ישראל ואת עם ישראל, בתפארתו ובגדולתו. — אבל אנחנו צריכים להיות ראוים לזה אם נלך בדרכי אבותינו הקדושים באהבת התורה, באהבת הבריות ובאהבת מדינת ישראל, שהיא בית חיינו — על ידי ז.ז, שפתותיהם ידובבו למעלה והם יהיו תפארתינו ואנו תפארתם. תהי נשמתם צרורה בצרור החיים של עם ישראל במדינתו.

---

הקדוש ברוך־הוא שתף בצערם של ישראל

בשעה שהקדוש ברוך הוא זוכר את בניו ששרוים בצער בין אמות העולם, כביכול, מוריד שתי דמעות לים הגדול וקולן נשמע מסוף העולם ועד סופו — וזוהי זועה. חכמים אומרים: בועט ברקיע, ויש אומרים: שואג בקולו ומרעיש עולמות, שנאמר: „יי ממרום ישאג... שאוג ישאג על נוהו". (ב״ר נט: ע׳).

---

# די ביים לעבן געבליבענע דערציילן

## משה ניבארסקי

## ערב און אנפאנג פון חורבן

קיין שום צווייפעל אז די נאענטסטע טעג וועט אויסברעכן א קריג, די שטימונג ביי אונז איז ווי אין גאנץ פוילן זייער א אנגעשטרענגטע. די לופט שמעקט שוין מיט פולווער.

אמשווערסטן טרעפן די ידיעות דער אידישער באפעלקערונג. יעדער גרייט זיך אויף זיין שטייגער צום קריג, אויפן שרענסקער מארק — גרופקעלעך אידן מיט דער אייביקער פראגע: „וואס טוט מען, וואס וועט זיין"?! די פראגע בלייבט הענגען אין דער לופט, און נישטא ווער ס'זאל אויף דעם ענטפערן, ביי די איינצעלנע איינוווינער וואס האבן געהאט ראדיא־אפאראטן איז שטענדיק איבערפולט מיט מענטשן. מיט גרויס שפאנונג און ציטער האבן מיר דערהערט דעם טרויעריגן אנזאג פון קריגס־דערקלערונג, וואס איז לײדער פאר אונז אידן געווען דער טויט־אורטייל, וואס קיינער האט נאך צו יענער צייט נישט ווי געהעריק פארשטאנען און אפגעשאצט.

צומארגנס בין איך געווען באשטימט צו גיין אויף ארבעט (גראבן אקאפעס) נאר וואכנדיק די גאנצע נאכט ביי מיין אומפארגעלעכער קוזינע, רבקה פליישער, וועלכע האט זיך געפונען אין גסיסה־צושטאנד און אויסגעגאנגען 2 שעה אידער ס'איז געפאלן דער ערשטער שאס. צו ליב דעם בין איך פון דער ארבעט באפרייט געווארן, די קבורה פון אונזער ערשטן קרבן איז אונז נאך גרויס מי געלונגען דורכצופירן, מיט א זייער געדריקטע שטימונג זענען מיר זיך צעגאנגען אין די הייזער, טרויעריק איז געווען דער פרייטיק צונאכט, בלייך האבן געלויכטען די ליכטעלעך אויפציטערנדיק יעדע ווײלע פון די הארמאטן־שאסן.

דעם גאנצן שבת ציען זיך דורך שרענסק איינצעלנע פוילישע זעלנער פון מלאווער פראנט און דערציילן שרעקלעכע זאכן פון „דארט", מיר אידן באגלייטן יעדן באשיצער אונזערן מיט א ביטער געפיל און מיט שרעק אין הארץ, ווארטנדיק אויף די קומענדיקע שעה'ן נאכדעם ווי דער פראנט איז געווארן דורכגעבראכן.

מיר האבן זיך יעדע מינוט גערעכנט אויפן אריינמארש פון די דייטשישע חיילות, אין דער שפאנונג האבן מיר איבער געווארט דעם שבת, די פוילישע מאכט האט באשלאסן צו פארפלייצן דעם שטח צווישן שלאס און דארף פשעכעד און אזוי ארום די דייטשן זאלן נישט האבן קיין צוטריט צום שטעטל, היות ווי ס'איז געווען זונטיק, די קריסטלעכער חגא, האט מען מאביליזירט אלע ארבייטס־

פעאיגע אידן און מיר מיט לאפאטעס און רידלעס זענען אוועק באלד אין דערפרי אונטער דער אנפירונג פון טעכניק קארענטשוק צו דער ארבעט, מיט אונז איז אויך געווען אונזער חזן און שוחט אליעזר ביעלאוסקי. מיר האבן געארבעט ביז 11 אזייגער פ.מ. פלוצלונג האט זיך אויפן האריזאנט באוויזן אן עראפלאן, פליענדיק גאנץ נידעריג און אונז גענומען באטראכטן, מיר האבן נישט געקאנט פעסטשטעלן צו וועמען געהערט דער עראפלאן מיר האבן באהערשט די בהלה און פארטגעזעצט די ארבעט. באלד אבער האבן זיך באוויזן אנדערע צוויי וועלכע האבן אנגעהויבן פארפאלגן דעם ערשטן עראפלאן, ס'האט זיך אנגעהויבן א לופט־קאמף איבער אונז, די בהלה האט זיך פארשטארקט, און מיר זענען זיך צעלאפן. אויפן וועג אין דער ריכטונג פון פאמערן האבן מיר באמערקט אנקומען אן עסקאדרע פון 11 שווערע באמבארדירער און זיי האבן סיסטעמאטיש באמבארדירט אלע דערפער ארום שרענסק און פון זלאטאווא, פארקערעוועט אויף שרענסק, ס'זענען אראפ־געווארפן געווארן באמבעס ביי דער בריק און אויף דער גאס, פון דעם זענען אפגעברענט געווארן עטלעכע הייזלעך, אין א שווערער שפאנונג זענען מיר געבליבן אין די הייזער, ארויס־שטעקנדיק נאר די נעז דורך די שפארעס פון די לאדנס, אויך די נאכט איז אדורך א שלאפלאזע.

מאנטיק פרי האבן מענטשן זיך געלאזט איבער די וועגן, שרעקלעך האט אויסגעזען דאס בילד ·ווי אידן איינגעהויקערטע מיט פעקלעך אויף די פלייצעס ארומגערינגלט מיט זייערע קליינוארג שלעפן זיך איבער די וועגן, זיי האבן זיך געטראגן פון שרעק און געשפענסט וואס האט אנגעפולט די לופט. מיט אמאל האט זיך דערטראגן א ווילד געשריי פון א מחנה פייגל אין די הימלען, דאס איז דער אנזאג וועגן אנקומען פון די שטאלענע פייגל, דאס שטעטל איז גלייך אויסגעשטארבן געווארן פון מענטשן, יעדערער האט זיך פארשטעקט ווו ער האט נאר געקענט, איך בין דעמאלט געווען אין מארק ביי מיין חבר, איך האב נישט באוויזן צו אנטלויפן און בין געבליבן שטיין אונטערן וואגט ביים קרעמל פון קאראלטשיק'ס בעקעריי. עס איז אנגעקומען א פור מיט א מלאווער איד מיט פעק און פארפארן צו דער וווינונג פון מלכה עבערס.

דער געדויש פון די עראפלאנען שנייט זיך אריין אין געהירן און צעטומלט דעם מענטש. דער איד איז אין גרויס שרעק אריין געלאפן אין שטוב, אויפן פור איז געבליבן א קליין קינד שרייענדיק פאר שרעק, באמבעס האבן אויפגעריסן מיט געוואלדיקער קנאלעריי, דער שטארקער לופט דרוק האט מיך א שליידער געטאן און איך בין געפאלן, כ'האב נאר געכאפט א בליק צו די ווענט פאלן נישט אויף מיר און גלייך אויפגעשפרונגען. דא האב איך ווידער דערהערט דאס

ווילדע געשריי פון דעם קינד אויפן פור, דער פאטער האט וויזט אויס אין גרויס שרעק פארגעסן אין קינד, איך בין צוגעלאפן צים קינד, אראפגעכאפט עס פון פור און אריין אין שטוב אוועקצוגעבן די עלטערן, אין שטוב האב איך קיינעם נישט געטראפן, כ׳בין ארויס אין הויף, אראפ אין קעלער פון ראטהויז ווו אלע זענען געזעסן צונויפגעקארטשעט אין גרויס שרעק, די שרעק איז געווען ביי אלעמען אזוי שטארק אז די עלטערן פון קינד האבן נישט געקאנט זיך פארשטעלן פון וואנען איך האב דאס קינד גענומען, יעדער האט מיך באטראכט ווי א געקור־מענעם פון יענער וועלט. איך בין גלייך ארויס און לויפנדיק הינטער די ווענט געלאזט זיך אהיים ווויסנדיק אז אלע ווארטן מיך אפ מיט גרויס אומגעדולד, ווי נאר כ׳בין דערלאפן א היים האבן ווייטער אנגעהויבן פאלן באמבעס, כ׳האב גלייך אלעמען באפעלן צו פארלאזן די שטוב האלטנדיק אז דארט איז נישט זיכער, זעענדיק מיין פעסטן אויסדרוק אויפן פנים האבן אלע מיך געפאלגט. מיר זענען ארויס אין הויף און אוועק אויף דערלאנקע אונטערן בית המדרש, זיך געלייגט אין ריוו צווישן די ביימער, האלטנדיק אז די באהעלטעניש איז א פיל זיכערערע ווי יעדע שטוב, זייענדיק אזוי פארטון מיט מיין משפחה, דערהער איך פלוצלונג א שוואכע שטימע וועלכע כ׳האב גלייך דערקענט, דאס איז געווען אונזער רב ר׳ יהודה שרגא ליכטיג וועלכער האט זיך מיט דער רעביצן געשלעפט ניט ווויסנדיק וואס צו טון, ער האט אונז דערקענט און גענומען אונז רופן „אברהם זלמן״, „אברהם זלמן״, ווארט אויף מיר! איך בין אוועקגעלאפן צו זיי און געהאלפן זיי צוגיין צו אונז, איך האב זיי געהייסן זיי זאלן ליגן ביז ס׳וועט ווערן שטיל, ווי נאר די אויפרייסן פון באמבעס האבן אויפגעהערט האב איך אלעמען געלאזט אין פעלד און אליין אוועק אין מארק א קוק טון וואס ס׳הערט זיך, באגעגענדיק דוד בעקער זענען מיר ביידע אוועק צי דער גמינע איבער וועלכע עס האבן זיך געטראגן שווארצע וואלקנס רויך, עס האט געברענט די גאס אזדי, דערנעבן זענען געלעגן די ערשטע קרבנות 8 מאן קריסטן, איינער נאך א לעבעדיקער מיט א אפגעריסענעם פוס אין קני, האט מיך געבעטן כ׳זאל אים העלפן, כ׳האב אים איינגעצויגן דעם פוס, דאס בלוט זאל נישט אפגיין, מערער העלפן האב איך אים ליידער נישט געקאנט, קומענדיק צוריק אין מארק האב איך שוין געטראפן דאס רעשט ביסל אידן מיט פעק אויף די פלייצעס צווישן זיי אויך, דעם יעצט על פי נס לעבן־געבליבענער געוועזנער פרעזעס פון אונזער קהילה יעקב אהרן אסמאן. קומענדיק צוריק צו מיינע עלטערן האבן זיי מיט מיין אנקל דוד מארינאוויטש באשלאסן צו אנטלויפן ווייטער אין דער ריכטונג פון פלאצק, מיר האבן זיך געלאזט אין וועג, די סעפטעמבער זון האט געברענט אומ־

רחמנותדיק, מיטגעמענדיק אביסל בעטגעוואנט האבן מיר זיך געלאזט קיין ביעזשון. שרעקלעך איז געווען דאס בילד אויפן וועג, שווארצע מאסע איינגעהילט אין שטויב האט זיך אומענדלעך געצויגן, אינגע און זקנים, דער וועג איז געווען א אמת'ער גהינום, פוילישע מיליטער אפט, אנטלויפנדיק אין בהלה זענען כסדר פארפאלגט געווארן פון דער לופטן פון וואס עס האבן אויך געליטן די ציווילע באפעלקערונג.

פארנאכט האבן מיר זיך ענדלעך דערשלעפט קיין ביעזשון, קומענדיק אריין אין שטעטל האבן מיר דארט געטראפן די מענטשן אין דער זעלבער בהלה, די בעלי בתים געבן איבער זייערע דירות און אליין אנטלויפן זיי אויך קיין שיערפץ. אין אזא דירה איז אריין אונזער משפחה, דער זיידע וואלף ניבארסקי און דער פעטער יוסף פליישער מיט זיין משפחה, מיר האבן זיך צעלייגט אויף די פאדלאגעס און איבערגעגעכטיקט. ידיעות זענען אנגעקומען שרעקלעכע, אז דער דייטש פארנעמט אלע מענער פון 60—14, אויף מיין פראגע ביי א העכערן פוילישן אפיציר וואס האבן מיר צו טון? האט ער מיר געענטפערט: אנטלויפן אויף יענער זייט ווייסל, דארט וועט מען אים נישט דורכלאזן, די ווייבער הערנדיק דאס אלץ האבן אין א ים פון טרערן אין יללות אנגעהויבן זיך געזעגענען מיט זייערע מענער און זון, צו מיר איז געקומען צו לויפן מיין חבר אברהם שערפסקי מיט דער פראגע: משה, דו אנטלויפסט? ניין, האב איך אים געענטפערט, די צווייטע פראגע איז געפאלן פון מיין אומפארגעסענעם ברודער אליהו, וועלכער האט זייער מורא געהאט און געוואלט לויפן, וויסנדיק זיין געזונט־צושטאנד און אז די דייטשן זענען זיכער פלינקער פון אונז, האב איך באשלאסן נישט צו לויפן, מיינע אלע חברים אונטערן דרוק פון זייערע מוטערס האבן זיך געלאזט אין וועג.

דינסטיק דעם 5־טן סעפט. זענען קיין שרענסק אריין די ערשטע דייטשישע חילות, באגעגנט דאס שטעטל מיט עטלעכע שאסן, ארומגעדרייט זיך און אוועק. צומארגנס פרי זעענדיק די גאנצע לעכערלעכקייט פון דעם אנטלויפן האב איך באשלאסן גיין צוריק קיין שרענסק, זעען וואס דארט טוט זיך, קיינער האט מיך נישט געלאזט אפילו טראכטן פון דעם, אבער איך בין געבליבן ביי ס'מייניקע און נישט געקוקט אויף קיין זאך, מיין פאטער ז"ל זעענדיק מיין פעסטע אנטשלאס־סנקייט האט געגן זיין ווילן, נישט וועלנדיק מיך לאזן אליין, געגאנגען מיט מיר, יעדער האט אונז באטראכט ווי עפעס צוויי אום נארמאלע וועלכע גייען אליין דעם טויט אין די נעגל אריין.

טרויעריקע געפילען האב איך געהאט אויפן וועג, מיט וועלכע כ'האב זיך מיטן פאטער נישט געוואלט טיילן, יעדער איינער פון אונז האט מורא געהאט

איבערצוגעבן דעם צווייטן זיינע השערות, פון די באגעגנטע פויערים אין וועג האבן מיר געהערט שוידערלעכע זאכן, איינער האט אונז דערציילט אז אין עטלעכע דערפער האבן די רוצחים אויסגעהרגעט אלע מענער, אין א צווייטן דארף אוועק־גענומען 30 פויערים, דאס אלץ גיט אונז גאר נישט צו קיין מוט מיין פאטער ז"ל, האט מיך אנגעקוקט מיט א פראגע אין די אויגן: ווו פירסטו מיך?!. נאך עטלעכע שעה גיין זענען מיר אנגעקומען דורך די פעלדער אין ראַזאַנאַווער גאס, מיר האבן זיך אומבאמערקטערהייט אריינבאקומען אין שטעטל, דער ערשטער איד וואס האט אונז מקבל פנים געווען איז געווען מנחם אייזענשטיין, דערוויסנדיק זיך אז מיר זענען צוריק געקומען, האבן אידן גענומען שטראמען צו אונז און אויספרעגן אלץ גענוי, ווייל יעדער איינער האט געהאט וועמען אונטער וועגס.

זענענדיק דערווייל א נארמאל לעבן (קיין דייטשן האט מען נישט אנגעזען) האבן מיר געדונגען א פור און געשיקט נאך דער משפחה, דאס זעלבע האבן פול מענטשן געטון, דאס לעבן האט זיך איינגעשטעלט, נאר דער איינציקער שרעק איז די דערוואַרטונג... ענדלעך האט מען זיך דערוואַרט. עס האבן אנגעהויבן שטראמען דייטשישע חיילות מיט זייערע ריזיקע פערניכטונג מכשירים, ס'האט גאר קיין ענדע נישט גענומען, די אידן האבן זיך פארשטעקט אין די לעכער, איך האב זיך ארויסגעגנבעט פון שטוב און כ'מוז מודה זיין מיט שרעק און, מער מיט נייגיר, זיך געלאזט גיין צו א גרופע דייטשן וועלכע זענען געווען ארומגע־רינגלט מיט ציווילע באפעלקערונג און געמיטלעך געשמועסט, און דא האב איך פון דער נאנט באטראכט די געשטאלטן וועלכע האבן שוין צו יענער צייט אונטער געחתמעט אונזער גורל, דעם גורל פון אידישן פאלק, די ערשטע ווערטער וואס כ'האב דערהערט פון א רויט אנגעפרעסן פרצוף איז געווען כלומרשט א טרייסט פאר אונז אידן „איר האבט דאך קיין שולד אין קריג" האבן זיי געזאגט די ענגלישע יודען דיזע... אונזערע אידן הערנדיק אזעלכע „זיסע רייד" האבן אפגעאטעמט פרייער, מילא, גאט וועט העלפן, און אזוי איז זיך געפלאסן דאס לעבן טאג איין טאג אויס, אן שום אויסזיכטן אין האפענונגען, דאס איז געווען די איינציקע טרייסט אונזערע, צייט, אפשר וועט זי דאך ברענגען נייעס, און אזוי דערנענטערן זיך די ימים נוראים.

אידן האבן פיל ארבייט, מען גרייט זיך אויפנעמען דאס נייע יאר, ראש השנה, א יום טוב וואס מאכט אן איינדרוק אויף יעדן מענטש, אפילו די פרייסטע ווערן אויך דורכגענומען מיט א ציטער, אידן פארשמייעטע, פאַריוגטע, אבער יעצט איז ערב יום טוב, יעדער גלעט זיך צו די בארד, פוצט זיך אויס אין די יום טוב'דיקע בגדים און לויפט אין שוהל אריין, וועלנדיק זיך כאטש אויף

איינצעלנע שעהען פארגעסן און פאראייניגן מיט גאט. א פייערלעכע שטימונג, א וואלד פון ווייסע טליתים און ביי דער תפילה פון שליח ציבור גייט דורך א שטורעם־ווינט איבערן עולם, די ווייסע געשטאלטן צעוויגן זיך...

עס גייט מיר דורך א ציטער איבערן לייב איך באטראכט אזוי די אלע היימישע ארימע אידן, ווי אנדערש עס איז היינט ווי אלע מאל, דער עולם פילט די ערנסטקייט פון דער לאגע, מען פילט דאס אין דעם חזנ׳ס ווינען אין רייסן זיך צום הימל בטחון — בטחון... מען פילט דאס ארויס אין דעם אוי ביי די מתפללים, א ארעמע באשעפענישן, דער נתנת תוקף איז שוין א געחתמעטער, די עקזעקוטארס ווארטן שוין אויסצופירן דעם אורטייל, מי במים ומי באש, מי בחניקה ומי בסקילה... קיינער פון אונז ווייס נאך נישט פון א מיידאנעק, אשוויעענטשים, דאכאו און צענדליקער אנדערע טויט לאגערן וואס ווארטן אויף טראנספארטן, א שוידער גייט דורך מיין לייב ווען כ׳דערמאן זיך אט דאס בילד פון ראש השנה.

שטיל און גיך ווי מייז צעלויפן זיך אלע אהיים, אזוי ווי שאטנס לויפן זיי פארביי מיין פענסטער, צונויפגעקארטשעטע אונטער דעם שווערן לאסט פון זייערע צרות.

כל נדרי 1939

עס דערנענטערן זיך די ימים נוראים וועלכע ברענגען מיט זיך דאסמאל דאפלטע זארגן, און זיי לייגן זיך ביי יעדן אויפן הארצן ווי שווערע מילשטיינער, די זעלבע זארג אויסגעגאסן ביי יעדן אויפן פנים, די זעלבע מוראדיג צעשראקענע אויגן וועלכע פרעגן שטומערהייט און קיינער קען נישט ענטפערן אויף דער פראגע, וואס וועט זיין?

ווידער א טאג א דורך אין פארשידענע געדאנקען, אבער עס רוקט זיך אן די נאכט מיט אירע שרעקלעכע שווארצע געשפענסטער. די ידיעות פון די ארומיגע שטעטלעך זענען דערשלאגנדיקע, נאך לייכט ביי יעדן אין די אויגן דער פלאם פון דער ברענענדיקער מלאווער שוהל, און מיט דער א שרעק לייגט זיך יעדערער מיט אפענע וואכזאמע אויגן, אויפשפרינגענדיק ביים מינדעסטן שארך, וואס הייסט זיי וועלן פארברענען די שוהל אונזערע?... אזא ריזיקער האלץ בנין, סוועט דאך חלילה וחס דאס גאנצע שטעטל אוועק אין פלאמען, אבער גיי שריי חיי וקיים. שוין איבער א מאנאט ווי איך פארברענג אזעלכע וואכזאמע נעכט, יעדן טאג ביז שפעט אין אוונט האב איך געארבעט, און נאך דער ארבעט צוגעלייגט זיך אין די קליידער אויף א הארטע באנק כדי כ׳זאל נישט אנטשלאפן

ווערן? ווער האט געקאנט שלאפן, — בלויז ביי אונז אין שטוב האבן 9 הערצער אין א נערוועזן ריטש געקלאפט און דאס גאנצע שטעטל? פון מיין פענסטער זעט זיך די שוהל און דער בית המדרש.

און אזוי פליסט לאנגזאם א שעה נאך א שעה, נאר אט טאגט שוין, עס הויבט אן העלער צו ווערן, עס הייבן זיך אן ארויסווייזן קאנטורן פון הייזלעך וואס דאכט זיך אז איבער נאכט זענען זיי נאך מער איינגעשרומפן געווארן. איך פארלאז מיין וואך־פאסטן און לייג זיך צו שלאפן אויף עטלעכע שעה.

אזוי פירט עס זיך נאכט ביי נאכט.

און אט רוקט זיך אין שטעטל אריין דער יום טוב יום הכפור מיט גרויס שרעק און מיט א געוויסע טרייסט לאזט זיך יעדער אין שול אריין און אין בית המדרש.

איינגעבויגענע רוקנס, די קעפ טיף אריינגעלאזט צווישן די אקסלען. איך שטיי ביים פענסטער און באטראכט יעדן פארבייגייענדיקן אידן מיט וועלכע כ'בין צוזאמען טאג טעגלעך געקומען אין קאנטאקט, דערקען איך זיי נישט. לויט א באפעל פון די דייטשן האבן זיך אלע געמוזט אפשערן די בערד, איז קיין וואונדער נישט אז כ'האב נישט דערקענט שלמה אסמאן, נאר ערשט ווען ער האט אנגעהויבן רעדן צו מיר, זעענדיק מיין פארוואונדערטן בליק האב איך אים ערשט לויטן קול דערקענט. אין די עשרת ימי התשובה זענען צו אונז אנגעקומען עטלעכע אפטייל־לונגען פון פאליציי מיט זשאנדארן, דאס שטעטל האט אויפגעציטערט, דא גרייט זיך שוין עפעס שרעקלעכעס פאר אונז אבער וואס? ווייס נישט. נאר די שרעק דרינגט נאך טיפער אין יעדן אריין. טאג טעגלעך זענען די אידישע קראמען באלאגערט פון טויזנטער פויערין מיט זעק, קוישן און וואגנס, וועלכעווארטן נאר אויפן באפעל אנצופאנגען ראבירן דאס ביסל אידישע ארעמקייט, אבער דערווייל ווייסט קיינער נישט ווי די דייטשן וועלן זיך צו דעם באציען.

דאס שטעטל גרייט זיך פיבערדיק צום יום הדין, ערב יום כפור, אגב — קיין כפרות האט נישט געפעלט, ווייל פאר אידן איז פארבאטן געווארן צו שעכטן בהמות, נאר עופות האט מען געמעגט. ווי דער שטייגער ערב יום כפור פאר מנחה זעט מען לויפן ווייבער אין זייערע ווייסע שירצן, איינע טראגט דאס ליכטל אין שוהל אריין, איינע א צדקה, א קערה, דאס מאל איז אלץ שטיל געווען.

ווו נישט ווו באווייזט זיך א קאפ, קוקט זיך צעשראקן ארום און נישט זעענדיק אין דער נאענט קיין דייטשן, לויפט גיך דורך צום בית המדרש. ס'איז באשטימט געווארן נישט צו גיין צו כל נדרי אין שוהל אריין צוליב די ריזן־פענסטער וועלכע באלייכטן דאס גאנצע געסל, צוליב די גרויסע וואקסענע ליכט,

וועמענס געשמאקער האניק־ריח האט זיך צעטראגן איבערן שוהל.

דער אלטער מנהג פון בענטשן די בני בית פארן אוועק גיין אין שוהל ווערט אויך דאס מאל אפגעהיט. אלע זיצן מיר אין שטוב פארטיפט אין אונזערע געדאנקען און קוקן אויפן פאטער, ענדלעך זיפצט אפ דער טאטע, נעמט אונז אלמען ארום מיט זיין טרויעריקן בליק, און שטעלט זיך אויף אונז צו בענטשן, און שרעקלעך שווער איז מיר געווארן, ווען מיין פאטער ז״ל האט אויס געבראכן אין א יאמערלעכן געוויין וועלכער איז גלייך באגלייט געווארן פון אלע בני בית.

ס'איז שרעקלעך און רירענד צו זען ווען א מאנסביל צעוויינט זיך אויפן קול, דאס הארץ וויינט ביי מיר, אבער איך מוז זיך איינהאלטן מיט אייזערנע כחות כדי צו צוימען דעם קוואל פון טרערן וועלכער שטיקט מיך אין האלדז. אוי־ווי! מזאל דערלעבן אי״ה איבער איאר, אין א לייכטערן געמיט, רבונו של עולם!... מיט די ווערטער לאזט זיך מיין פאטער אין בית המדרש, ווען איך בין דארט אריינגעקומען איז געווען געפאקט און מהאט זיך נישט געקאנט אויסדרייען, אין דרויסן ארום איז באלאגערט געווען פון פרויען. פון בית המדרש ביזן מארק זענען געשטאנען שטאפעטן און אכטונג געגעבן צו עס קומען נישט אן קיין דייטשן. מיט אמאל ווערט טויט שטיל, און אלעמענס בליקן זענען געווענדן צום איינגאנג. עס קומט אריין אונזער אלטיטשקער רב, אונטערגעהאלטן פון שמש. קוים וואס ער גייט אויף די פיס, מענטשן פרעגן אים מיט די בליקן: קלוגער רבי, הייליגער רבי, וואס פארא פרעניות דערווארט אונז?...

דער רב נעמט די גאנצע עדה אידן ארום מיט זיין ווארעמען בליק און גייט לאנגזאם אויף זיין „שטאט".

דער עולם איינגעהילט און טליתים הייבט זיך אן צו באוועגן ווי אין אלייכטן ווינט. אבער באלד צעוויגן זיך די קערפערס ווי אין א גרויסן שטורעם, הענט הויבן זיך אין דער הויך, עס ווערט טויט שטיל ווען עס דערהערט זיך דעם רב'ס שוואכע וויינענדיקע שטים: אור זרוע לצדיק...

אלעס וויינט, פון דרויסן הערן זיך שרעקלעכע קלאגערייען פון די וויבער, עס שנידט ביים הארץ. ביסלעכווייז ווערט שטיל און עס באהערשט דעם עולם א מוראדיקע שטילקייט, און מיט אמאל דערהערט זיך דעם חזנס שטים: כל נדרי...

דער וואלד מענטשן כאפט זיך אויף פון זיין פארגלווערטקייט, צעוויגט זיך און צעברומט זיך, דער שטראם כאפט אלעמען ארום, און ס'הערט זיך איין וויי־געשריי פון אלעמען.

דער געשריי דריקט אין זיך אויס אלעס, דעם גאנצן ווייטיק, די גרויסע פיין און פראטעסט, פארוואס קומט אונז אזוי?...

אונזער שליח צבור באמיט זיך צו שטארקן, זיין ריזן שטים ברעכט זיך אבער, און פון זיין האלז רייסן זיך ארויס שלוכצערייען, א געוויין און טרערן. איך לויף ארויס אין גאס א קוק טאן צו אלץ איז אין ארדנונג. דאס שטעטל איז ווי אויסגעשטארבן, מ׳זעט קיין לעבעדיגן מענטש נישט, איך קער זיך אום אין בית המדרש, אלע זענען פארטיפט אין זייערע תפילות, ווו אין יעדן ווארט ווערט ארייגעלייגט דאס גאנצע הארץ.

פון מארק קומען אן ידיעות אז עס פארן הין און צוריק דייטשע לאסט־אויטאס ד.ה. אז מוועט אונז באלד אלעמען אוועקפירן. דער חזן מאכט בקיצור, מ׳ענדיקט גיך, און איינצלוויז לאזט מען זיך אוועק אין די הייזער, יעדער ווי א שאטן לויפט פארביי חלילה א דייטש זאל אים נישט באמערקן. עס איז נאר דערלויבט צו גיין ביז 6 אין אוונט. צומארגנס האט מען געדאווענט אין שול אבער מיט אלע פארזיכטיקייטן, ווייל דער געדאנק אז די אויטאס ווארטן אונז אוועק־צופירן, איז געווארן ביי יעדן א זיכערע זאך. אבער אויך יום כיפור גייט דורך בשלום, און קיינמאל האט נאך קיינער פון אונז אזוי הייס נישט געזאגט דעם „לשנה הבאה בירושלים״ ווי דאס מאל.

אויף צו מארגנס איז געקומען א דייטשישע קאמיסיע פון איין ס.ס. מאן אין תנ״ך פארשער און א פאליציי־אפיציר און פארחתמעט די שוהל מיטן בית המדרש. מהאט נאך פריער באוויזן ארויסצונעמען די „ספרים״ וועלכע זענען געהאלטן געווארן אין פריוואטע וווינונגען.

פאקטיש איז מיט דעם, ליקווידירט געווארן די קהילה ביי אונז אין שרענסק.

לכ׳ בני היקר משה שיחי׳!

דיין בריוו האבן מיר ערהאלטן און טרינקענדיק זיך אין טרערן האבן מיר אים געלייענט, ליידער מיין טייערער זון איז געשען דאס וואס האט אונז נישט געקענט אויס מיידן און וואס איז נישט געלעגן אין אונזער מאכט דאס נישט צו דערלאזן, דער טויט איז שטארקער פון דעם לעבן און ער האט געזיגט „צר לי מאד עליך בני״, ווייל דו ביסט אין דער פרעמד איינער אליין איז דיר שווער, אבער מיר זענען אלע צוזאמען איז אונז פארט לייכטער צו ליידן ס׳איז אונז פינסטער געווארן אין שטוב, ווייל אונזער ליכט איז פון אונז צוגענומען געווארן, אויך די שבת־דיקן ליכט ביים טיש זענען פינסטער קוקנדיק אויף די צוויי ליידיקע פלעצער ביים טיש, דיין ליידיק פלאץ און דיין טייערן ברודער אליהו ז״ל,

וועלכע קיינער קען נישט פארפילן. די וואונד אונזערע האט ווידער אנגעהויבן בלוטן, וועלכע האט נאך נישט אויפגעהערט...

דו פרעגסט מיך וועגן פסח, צו מיר האבן אנגעגרייט אזוי ווי שטענדיק, מיט איין זאך בין איך שוין פארזארגט, מרור האב איך שוין גענוג...

איך בין צעקריגט שטארק מיט אפרים איצקאוויטש איך זע אים איגאנצן נישט, אויך האט זיך אויף אונז באליידיגט שלמה פלאצקי און וויל נישט קומען צו אונז, וועגן אנדערע פריינד איז שוין אפגערעדט. בני היקר, מיר ווילן גלויבן אין דיינע ווערטער, ווייל אין דער פינסטערניש זענען זיי פאר אונז א שטארק ליכט, און איך בעט דיך, זיי נישט קארג אין די ווערטער, ווייל דאס אליין איז פאר אונז אויך א נחמה, אולי ירחם,,, איך מוז ענדיקן, דער אומריינער נאפט שטיקט מיך שוין, און מוז אויך לאזן אביסל אויף מארגן, שרייב אפט.

אביך אברהם זלמן

אפרים איצקאוויטש איז געווען דער קצב, דאס האט געהייסן אז ס׳איז נישטא קיין פלייש. שלמה פלאצקי איז געווען א בעקער (איבערגענומען די פיע־קארניע פון וואלף קאראלטשיק ז״ל), דאס מיינט אז ס׳איז נישט דא קיין ברויט.

---

## איבערגעגעבן פון נחום אלטעס

מאבליזאציע, יונג אין אלט ווערן געריפן, יונגע צום מיליטער, עלטערע צו דער ארבעט, ס׳איז אויסנאם־צושטאנד, מענטשן זענען ארומגעלאפן צעטור־מלטע, די לופט האט אנגעזאפט עפעס אכזוריתדיקס. ס׳איז א בהלה אין שטעטל, מיר שטייען פאר א מלחמה מיטן שרעקלעכסטן שונא פון די אידן, אויב די גויים אין שטעטל האלטען זיך אין איין בארימען, אז די וואס האבן אונז אנגעווארפען מלחמה, וועט מען צעשלאגן אויף זיין אייגענער ערד, איז ביי אונז שרעקלעכער אידען פינסטער חשך. הונדערטער פויערישע וועגענער זענען צוגעגרייט אוועק צו פירן די מאבליזירטע קינדער, פרויען, אלטע און יונגע ווינען און קלאגען. די מענער פארן פארטיידיקן דאס לאנד מיט א ערלעכן ווילן, קעמפן קעגן דעם אכזריותדיקן שונא, מיר האבען געהאפט אויף נקמה. לעבנס־מיטל איז געשטיגען אויף 200 פראצענט.

דעם 1.9.39 א אומרואיקער טאג די מלחמה האט אויסגעבראכען, ביינאכט רייסט אונז ארויס פון די בעטען א שווערע ארטילעריע־פייער, מען הערט די הארמאטן פון דערוויטנס, מען ווייסט זיכער אז מלאווע ברענט. יוסף אסמאן דער

הויפט בעל־עגלה, וועלכער פלעגט פאהרן אין די שרעקלעכסטע בעדינגונגען, פאהרט גישט איצט מער קיין מלאווע, קיין שום פערבינדונג מיט מלאווע, מען הייבט שוין אן צו פילען דעם בראנד.

2.9.39

דעם 2.9.39 סעפטעמבער ווערט שרענסק באמבאדירט, א סאך הייזער ברענען, ס'איז שוין דא טויטע, און פערוואונדעטע, די געשרייען פון די בהמות און רעש פון עופות און פערד האבן מיך צוטומלט, כ'האב געפיהלט דעם גאנצען צער בעל חיים, ווען כ'האב געהערט זייערע ווילדע געשרייען, און מיר אידן לויפן, וואנדערן פון איין ארט צו אנדערן. פלוצלונג פרעגט יעדער איינער ווו אהין?

דאס פולישע מיליטער ציט זיך צוריק, שווארץ זענען די וועגען, שווארץ זענען די מענטשען, בפרט מיר אידן, דער באדען ברענט אונטער די פיס, און מיר ווארטען אויף א נס אויף א ישועה.

3.9.39

דעם 3.9.39 בעוויזען זיך שוין די דייטשישע הארדן, שווערע טריט פון מיליטערישע שטיוול אין די שרענסקער געסלעך, א אימה נעמט אלע ארום, מיר אידן ווערען באהערשט פון אזא פחד אז מיר זענען נישט פעאיק צו טראכטן. מיין טאטע און מאמע בעטען אז די ערד זאל זיך עפנען, און אונז אלע איינשלינגן, לײדער עפענט זי זיך נישט, פרומע אידן לייגען איין וועלטען, זיי רייסן קריעה, אבער אין קול ואין עונה, ביי די יוגנט האט זיך אנגעהויבן א שווארצן איבער דער גרענעץ, א טייל האבען געוואנדערט נאך ביעזשון, נאך איידער די דייטשן זענען אריין, מנשה ליפשיץ, יעצט אין לאנד, האט ארגאניזירט א גרופע צו שווארצן די גרענעץ, אסאך זענען צוריק געקומען אבער א גרויסער טייל — בעלי־רחמנות, ווילען נישט איבער לאזן זייערע עלטערן, זייערע נאנטע און בלייבן. אין שרענסק איז שוין דאן געווען דייטשיש מיליטער, מען האט געוווסט פון די ארומיקע שטעטלעך, וואס עס דערווארט אונז, אזוי האבן מיר געלעבט אין פחד און אין דערווארטונג ביז דעם 1.11.39.

דעם 1 נאוועמבער 39 בעוויזן זיך די מלאכי חבלה, די געסטאפא ראשי תבות: געהיימע שטאט־פאליציי — און דאן הייבט זיך אן דער ביטערע גזר־דין אויף אונז אידן, אויף יעדן אידיש הייזל בעוויזט זיך א מעלדונג מיט פערשידענע גזירות, בעזונדער האט דער אויסרופער פינק, יעדען טאג געקלונגען מיטן גלאק, און געמאלדן די אידען אין נאמען פון די זשאנדערמעריע א פרישע גזירה.

גזירה נומער 1. רעגיסטראציע פון אלע אידן אין שטעטל.
″ ″ 2. די אידן אין שרענסק מוזן באצאלן קאנטריבוציע
″ ″ 3. אלע אידן זאלן זיך מעלדן צו דער ארבעט, פאר די אידן זענען געווען די ברודיקסטע ארבעט, ביז 60 יאר האבן אלע געמוזט ארבעטן די שענדלעכסטע ארבעט פאר דעם קלענסטן לוין, אידישע פרויען האבען געמוזט רייסן די גראזן אין מארק און פון די געסלעך, סאיז שווער איבערצוגעבן ווי סהאט אויסגעזען, ווי אונזערע שוועסטער אין מאמעס, אונזערע טייערע, האבן געריסן דאס גראז, ס׳האט אונז נישט אינטערעסירט, ווי די שונאים שטייען און קוקן זיך צו.

4־טע גזירה, קאנפיסקירן די אידישע פארמעגענס, ליידער די שרעקלעכע גזירה האט שוין נישט געמאכט אזא איינדרוק, ווייל מיר זענען געווען אין אזא מצב, אז ס׳איז אונז אידן נעבעך געווען אלץ איינס מיט די פארמעגנס און אן די פארמעגנס.

גזירה נ. 5. פאר אידן איז פארבאטן צו קויפן אין א אריש געשעפט.

גזירה נ. 6. אלע פעלצן אין ווארעמע זאכען, דיוואנען, ווערט־זאכן מוזן ווערן איבערגעגעבן די דייטשיש אויסוורפן, מען קען זיך פארשטעלן ווי די גזירה האט אנגעטראפן די אידישע באפעלקערונג אין ווינטער, ס׳גייט מיר דורך א שוידער, ווי די אידישע מאמעס האבען געקלאגט, בלויז אויף דעם געדאנק אז די מענער און קינדער וועלן בלייבן אן מאנטלען.

גזירה נ. 7. טראגן די געלע לאטע דעם מגן־דוד, פון 12 יאר אן.

גזירה נ. 8. פארבאטן אלע אידן אן אונטערשיד פון געשלעכט, צו גיין אויפן טרעטואר.

גזירה נ. 9. פארבאטן אידן צו פארן אין א וואגן אדער אין א אויטא, נאר גיין צו פוס זעלטן ווען א איד האט באקומען א דערלויבניש צו פארן. אין אלגעמיין זענען אידן געגאנגען צו פוס.

ס׳האט זיך געשאפן א יודנראט מיט ליב רוזנבוים, און אהרן זעליג זימאן בראש אין אנפאנג האבן מיר גערעכענט אז דער מצב וועט ווערן אביסל בעסער, נאר ליידער האט מען געזען די טייוולאנישע פלענער פון די סאדיסטן, לא די ס׳איז נישט בעסער געווארן נאר זיי האבן נאך דערדריקט די קלענסטע האפנונג וואס ס׳האט נאך געטליעט ביי די שטארקע אידן, אזוי האט זיך די לאגע געשלעפט ביז צום אפריל 1941.

דער מצב פון אפריל 41. האט זיך פארערגרט ס׳איז שרעקלעך געווען צו זעען די שרענסקער אידן, אלע אן אויסנאם האבן פארלארן דעם צלם אלהים, קריעה בלויה, אפגעריסן, ס׳האט זיך געעקלט, מען האט נישט געוווסט פון קיין

12.4.41

שבת, און נישט פון קיין זונטאג, נישט פון קיין טאג און נישט פון קיין נאכט, מען האט נאר געהאפט אויף נקמה.

דאס איבערטראנספארטירען די שרענסקער אידישע באפעלקערונג נאך מלאווער געטא, און די געשעענישען אין מלאווער געטא, ווערט באשריבען דורך ראובן סאלדאנער.

מלאווער געטא — אוישוויץ

פון מלאווער געטא נאך טרבלינקא — אוישוויץ זענען געשיקט געווארין 3 טראנספארטן מיטן ערשטן טראנספארט זענען געווען פיל שרענסקער אידן מיטן רב שראגא ליבטיג בראש אלע אין עלטער פון 60 יאר בערך, סאיז ווערט צו צוגעבען אז ער איז שוין דאן געווען מלאווער רב,ביים טראנספארט נאך טרבלינקא איז ער דאך געשטאנען מיט די שרענסקער אידן, איך בין געשיקט געווארן מיטן צווייטן טראנספארט.

דער 2־טער טראנספארט

מיטן צווייטען טראנספארט בין איך געשיקט געווארן, צוזאמען מיט מיר איז געשיקט געווארן — ווי איך געדענק — שלמה יזרעל, עקיבא בארענשטיין, שלמה מלאוואנטשיק, משה קודזבארסקי, יצחק מאיר ניבארסקי, — גדליה׳ס זון — יהודה דוב שערפסקי מיט די דריי זין, — אריה בעקער, שמואל יעקב בעקער, די אלע געדענק איך. אנקומענדיק קיין אוישוויץ, האב איך זיך פארנומען מיטן זוכן שרענסקער פון ערשטן טראנספארט, טאג נאך טאג האב איך זיך נישט גערעכנט מיט מיין מידקייט און געמאכט אלע אנשטרענגונגען עמעצן צו געפינען, לײדער זענען מיינע זוכענישן געווען בחנם. מיינע חברים און איך האבן פארשטאנען דעם ביטערען אמת, אז זיי אלע זענען אומגעקומען דורכן פארברענען אין די קרעמאטאריעס, און זיי זענען שוין נישט צווישן די לעבעדיקע.

דער טויט פון מיינע חברים פון דעם 2־טען טראנספארט

עקיבא בארענשטיין איז אויסגעגאנגען פון הונגער, ער איז געווען דער ערשטער קרבן פון אונזער גרופע, שלמה יזרעאל איז אויך געשטארבען פון הונגער, ס׳איז עפעס שרעקלעכעס ווען די האסט געזען דיינע נאנטע גייען אויס, און קענסט נישט העלפן. שלמה מאלאוונטשיק, איז מאראליש באלד געווארן איינגבראכן און ס׳האט נישט געהאלפן אונזערע דערמוטיקדיקע ווערטער, דער סוף איז געווען

ער האט נישט אויס געהאלטן, און ער איז גלייך אומגעקומען. איטשע ניבארסקי, גדליה'ס זון, איז געשלאפן צוזאמען מיט מיר אויף דער פריטשע, כ'האב אים געהאלפן מיט אלעס, ער איז אלט געווען 17 יאר, און נאך יעדנס ארבעטס טאג, האט ער מיר געזאגט, אז ער איז נישט פעאיק איבערצוהאלטן די שווערע ארבעט, כ'האב אים געהאלפן וויא אייגענעם זון, ער האט קוים אויסגעהאלטן 2 וואכן. משה קודזובארסקי איז געפרוירן געווארן, ס'זענען געפרוירן געווארן 60 מאן, הערענדיק די שרעקלעכע ידיעה, וועגן די 60 מאן, בין איך געלאפן צום ארט, דערקענענדיק משה'ן, האב איך אים געריבען מיט שניי, כ'האב מיט א שליטן אים געשלעפט 7 קילאמעטער אין לאגער אריין, ליידער איז שוין אלץ געווען צו שפעט.

אריה בעקער איז אומגעקומען דורך פארגיפטונג ווייל מען האט געגעסן וואס מען האט נאר געקענט באקומען, פערפוילט און ברודיק.

פון די גאנצער גרופע בין איך געבליבן און מיין קוזין שמואל יעקב בעקער יעדן טאג זעען מיר זיך, מיר שטעלען זיך אין אויף קידוש השם, ער איז מונטער פול מיט האפענונג, כ'פארזארג אים מיט עסן און רויכערען, מיר ביידע זוכן שרענסקער אידן, מיר זאגען „אולי ירחם". אפשר וועט מען געפינען א צייכען... אזוי האלט עס אן 6 מאנאט: דאס אומגליק איז געקומען פלוצלונג, שמואל יעקב הערט אויף צו קומען, ער האט באקומען א קלאפ אין פוס, ביי דער ארבעט, און ער האט נישט געקענט לויפן, האבן אים די אוסוורפען, גלייך געשיקט אין קרעמאטאריום, און איך בין געבליבן איינער אליין א שרענסקער פון ביידע טראנספארטן, די ליידן זענען שרעקלעך, כ'האב זיך געפילט שטארקער פון שמשון הגבור, אז כ'האב אלעס איבערגעטראגן.

דער דריטער טראנספארט

פון דריטן טראנספארט, איז מיר זייער שווער צו שרייבן, ווייל סאיז געשען מיט מיינע חברים דאס ערגסטע וואס מען קען זיך פארשטעלן, מיט דעם טראנספארט זענען געקומען פיל שרענסקער, כ'האב גערעדט מיט יוסל ליפשיץ, נתן כהן, אברהם אקס מיין שוואגער, צבי מאטוס, אריה ראזענבום, מרדכי גראנאט, זלמן פיטעל, מאיר קאנסקאוולסקי (על פיטעל ועל קאנסקאוולסקי ראה המאמר גבורים בשרענסק) און אנדערע, אלע מיינע חברים זענען געווען אונגעפער אין מיין עלטער, מיר האבען זיך געטרייסט, בעראטען, געגעבן האפנונג איינער דעם אנדערן, און ליידער האט אלס געדויערט געציילטע שעהן, צוריק מארשירענדיק

פון דער ארבעט, האב איך שוין געזען ווי מען פירט זיי צו פערברענען, שריי חי וקים! אז ס'העלפט גארנישט...

ביים סוף וויל איך דערמאנען א משפחה וואס גיט מיר נישט קיין רו, די געליטענע משפחת פליישער: רבקה איז געשטארבן אין אנפאנג מלחמה, שלמה זלמן איז פון מיליטער נישט צוריק געקומען, נח איז דערשאסן געווארן אין מלאווער געטא, די טאכטער ייטע איז אומגעקומען אין רוסישן געביט, די מוטער פיגא איז אין א גוסס־צושטאנד ארויסגעפירט געווארן פון דער געטא, דאס איז דער סך הכל פון די משפחה הי״ד. תנצב״ה.

---

איבערגעגעבן פון ראובן סאלדאנער
געבערענגט צום דרוק דורך משה גיבארסקי

צום הייליקן אנדענק פאר יעקב אהרן אסמאן

זינט די דייטשן זענען אריין קיין שרענסק האבן זיי ארויפגעלייגט קאנטריבוציעס אויף די אידן. פון די ערשטע צו באצאלן א גרויסע סומע געלט איז געווען ישעיהו קליימאן, איטיע גאלדעס מאן, זיי האבן באצאלט 500 זלאטעס פאר אומריינקייט אין געשעפט, פאקטיש פאר האלטן אן אייוועלע אויפן צייל־טיש צוליב אנווארעמען זיך. דאס אופן פון ארויס פרעסן געלט ביי אידן איז געווארן א נארמאלע זאך, פאר יעדע קלייניקייט האט מען באשטייערט יחידים און אויך גרופן.

אין א פרייטיק צונאכטס ווען יעדער איז געזעסן אין שטוב און מקבל שבת געווען ביים שוואכן ליכט פון א דאר ליכטל האבן די דייטשן ארעסטירט 10 אנגעזעענסטע בעלי בתים פון שטעטל. אזוי ווי דער רב איז געווען קראנק, האבן די דייטשן ארעסטירט דעם שמש, יעקב משה סאלדאנער, וועמען זיי האבן גערופן „דער אונטער ראבינער״, יצחק מאיר אלשעווער, יעקב אהרן אסמאן, פנחס ליפשיץ, פייוול ליפשיץ, אליעזר ביעלאווסקי, אברהם אהרן שערפסקי, איסר ניבארסקי, מתתיהו מאטוס, אהרן זליג זימאן פיטעל זלמן. א אימה איז געפאלן אויפן שטעטל, יעדער האט געטראכט אז דאס איז שוין דער סוף. יעדער פון די

---

*) ווי ס'זעהט אויס האט חבר אלטוס נישט געוויסט, אז דער ערשטער טראנספארט פון מלאווער געטא איז געשיקט געווארן נאך טרעבלינקא.

אויסגערעכנטע אידן איז ארויסבאגלייט געווארן פון הויז מיט הארצרייסנדע געשרייען און קלאגערייען, ווייל קיינער פון די איבערגעבליבענע אין הויז האט זיך נישט פארגעשטעלט זיי מער צו זען פאר לעבעדיקע, אז דער פאליצייִ־מאן איז אריין צו יעקב משה'ן אין הויז איז זיין זון ראובן ארויסגעלאפן, טראץ דעם וואס מהאט נישט געטארט זיך באוועגן אין גאס שפעטער ווי 6 אין אוונט, ער איז צוגעלאפן צו דער פלעבאניע ווו די זשאנדארן האבן געוווינט (ראובן איז געווען מער באקאנט ביי דעם זשאנדאר זעלינגער י. ש. ווייל ער האט געארבעט ביי זיינע פערד) און זיך געוואלט דערוויסן וואס עס וועט ווערן מיט זיין פאטער ע"ה, און אלע אנדערע 10 אידן, ער האט אבער גארנישט געקענט זיך דערוויסן, און דאס האט נאך מער פארשטארקט דעם חשד און זומצוטרוי צו דעם ארעסט. ראובן האט זיך צוריק געגנבעט אין שטוב אריין מיט דער גרעסטער סכנה דערשאסן צו ווערן, בלויז פאר זיין אין גאס אזוי שפעט. געשטאלטן ווי שאטנס זענען געלאפן פון איין הויז צום צווייטן, ביז צו ראובנען, הערן עפעס א ווארט וועגן דעם גורל פון די ארעסטירטע, די 10 אידן האט מען פארשפארט אין „קאזע", אוועקגעשטעלט א שטארקע וואך מיט מאשין געווער אויף א גאנצע נאכט. ראובן סאלדאנער האט קיין שום גוט ווארט נישט געהאט צו בארואיקן אלע, יעדערער האט זיך בגניבה אהיים געשלייכט און אין הויז האט געהערשט די גרעסטע אימה, יעדער שארך פון דרויסן האט אלעמען געמאכט אויפציטערן, כארגליווערן דאס בלוט אין די אדערן... נאכן אויפזיין א נאכט פול מיט געשפענסטער און אין מח האבן געמאטערט טויזנטער מחשבות, דאס הארץ איז געווען פוסט. די ווייבער פון די ארעסטירטע זענען אין משך פון איין נאכט פארענדערט געווארן נישט צו דערקענען... אבער אויך דער פרימארגען האט נישט געברענגט קיין שום ידיעות וועגן דעם גורל פון די ארעסטירטע. אליעזר דער חזן ליגט אויף דער נארע אין זאגט הלל „מן המיצר קראתי י־ה"... פנחס ליפשיץ דער שטילער איידעלער איד קלאפט זיך אין הארצן זאגנדיק ווידוי, אשמנו, בגדנו... אבער דער חזן לאזט נישט פארלירן דעם מוט, „לא אמות כי אחיה ואספר מעשי י־ה" יסור יסרני י־ה ולמות לא נתנני... צעברומט זיך זיין ריזן שטימע, פול מיט רוגזה אבער פול מיט בטחון.

די שטונדן שלעפן זיך ווי יארן...

2 אזיגער בייטאג האבן די דייטשן באפרייט די אידן פאר 200 מארק א „קאפ". פון די 10 אידן האט נאר איבערגעלעבט איינער, יעקב אהרן אסמאן, דער פרעזעס פון דער שרענסקער קהילה, וועלכער איז דא אין אמעריקע געשטארבן 15 יאר שפעטער נאך דעם טרויעריקן שבת אין שרענסק.

געטא מלאווע

ענדע 1941 האט הימלער ימח שמו באשטימט צו מאכן פוילן „יודען־ריין" און קאנצענטרירן די רעשטלעך אידן אין געטעס. די אידן פון שרענסק האט מען ארויס געפירט אין מלאווער געטא. צו דער אקציע איז געקומען קיין שרענסק דער קאמענדאנט פון מלאווער געטא, פערלמוטער, בכדי אויפצופאסן, אז אלץ זאל צוגיין מיט ארדנונג.

עס זענען געווארן באשטימט „פאדוואדעס", צוגעשטעלט פון די שרענסקער קריסטלעכער באפעלקערונג יעדע משפחה האט באקומען א וואגן מיט פערד און גענומען איינפאקן דאס ווירטשאפט ווו מאיז דורות לאנג געזעסן... די אקציע איז צוגעגאנגען שטיל אן שום גרעסערע אינצידענטן, די לעצטע פאדוואדעס גייען שוין ארויס פון שרענסק. פריידע שאפט לויפט נאך אריין צו א קריסטלעכע שכנה, גיט איר עטלעכע גאנשיערדס (גלעזערנע בטלעס) „נעם זיי צו ביי מיר ווען כוועל צוריקקומען — וועסט מיר די פאני געבן אביסל קארטאפל פאר זיי". אט אזוי האבן די ארעמע מענטשן געגלויבט ביז דער לעצטער מינוט. דאס שטעטל איז שוין ליידיק, נישטא מער קיין אידן אלע זענען שוין אויפן מלאווער שאסיי. בלויז בליקן קערן זיך אום צו די אלטע היימען...

אבער פלוצלונג דערהערן זיך געוואלדן, א אידישע פרוי א פארבלאנדזשעטע נשמה, לויפט ארויס פון הויז און שרייט: ווי לאזט עץ מעך איבער?... ווי איז מיר און ווינד איז מיינע יארן... חוה ביעלאווסקי (חיים אגערס) ווייב האט זיך געהאט אומגעקערט אין שטוב, זען צי זי האט עפעס נישט איבערגעלאזט, אדער אפשר גאר נאך אפזאגן א תפילה פאר איר זון אברהם משה, וואס זי האט נאך אלץ געגלויבט אז ער לעבט... קיינער איז שוין נישטא, חוה לויפט ארום ווי א פארסמטע איינע אליין שוין צווישן גוים. דער קאמענדאנט פערלמוטער האט זי אריינגענומען צו זיך אין דער קארעטע און אזוי ארום ארויסגעפירט די לעצטע אידישע פרוי פון שרענסק, געבליבן זענען נאר די מתים אויפן עולם האמת. צוליב מאנגל אין פלאץ אין מלאווע, האבן די דייטשן געשאפן א צווייטע געטא אין סטשעגאווע, ווי די באדינגונגען זענען געווען פיל בעסערע ווי אין מלאווער געטא.

באין ברירה האט מען זיך צוגעפאסט צו דער געשאפענע לאגע, באזארגט יעדערן א נארע, אריינגעקוועטשט זיך מיט אנדערע לאקאטארן און קיינער איז נישט געבליבן אן א דאך. דאס לעבן האט אנגעהויבן ווערן „נארמאל".

עס האט עקזיסטירט א אידישע פאליציי וועלכע האט געהאלטן ארדנונג צווישן דער צונויפגעדרענגטער אידישער באפעלקערונג אין געטא. אסאך שרענסקער גויים האבן געהאלפן די אידן פון שרענסק מיט ברענגען קארטאפל, מעל און אסאך

אנדערע פראדוקטן, און פארקויפט בגניבה, אריבערוואַרפנדיק דורך דער געטאַ־מויער, דאס איז געווען פארבונדן מיט סכנת נפשות, אבער דאך האבן געוויסע פויערים דאס געטאן.

אסאך אידן פון געטא האבן געארבעט אויף דער „ארישער" זייט צו זאמען מיט אנדערע. הערש גראנאט איז ארויס יעדן פרי פון געטא צו דער ארבעט און אין אוונט זיך אומגעקערט צוריק אין געטא. איינמאל איז הערשן געלונגען צו באקומען א שטיקל פוטער אין ער האט עס אריבער געווארפן דורכן מויער פון געטא, ער איז אבער באמערקט געווארן דורכן פאליציאנט, ראובן סאלדאנער הערשס שוואגער, האט דאס באמערקט. הערשן איז געלונגען צו אנטלויפן מען האט צו וויסן געגעבן די אידישע פאליציי אז ראובן סאלדאנער האט געזען און ווייס ווער עס האט אדרוכגעווארפן די פוטער. ראובן איז גענומען געווארן אין דער פאליציי אויף אויס־פארשונג, ער איז שרעקלעך געשלאגן געווארן דורך א אידישן פאליציאנט וועלכער האט אים מיט א דיקע גומע געשלאגן איבער די הענט, פנים, אזוי אז זיינע הענט זענען געשוואלן געווארן. ראובן האט אבער נישט געוואלט אים זאגן ווער עס איז געווען, איז ער נאך מער געפייניקט געווארן. דער פאליציאנט האט אים מערדערלעך געשלאגן. ראובן פילט ווי אט אט פאלט ער אנידער, זעענדעק אז דער פאליציאנט פאלט נאך אריין אין א ווילדער רציחה און אז ער וועט אים דא קיין לעבעדיקן סיי ווי סיי נישט ארויס לאזן, האט ראובן א כאפ געטאן א קילאף פון ווינקל און זיך פארמאסטן אויפן פאליציאנט, „די ווילסט דאך מיך הרגענען צים טויט וועל איך דיך הרגענען טאמער רירסטו מיך נאך אן...

דער פאליציאנט זעט אז סאיז שלעכט, האט ער זיך אנגערופן, יעצט וועל איך דיר לאזן גיין אבער איך וועל דיך נאך טרעפן. אזוי האט זיך פארענדיקט דער פאל מיט הערש גראנאט.

דער ערשטער קרבן

דער ערשטער שרענסקער קרבן אין מלאווער געטא איז געווען רחל ליפשיץ, (רחל אליצעקס) זי איז דערשאסן געווארן פאר פארקויפן אליין געבאקענע קיכלעך פון ווייסן מעל. דער חטא איז באשטאנען פאר ניצן ווייס מעל וואס איז נאר געווען דערלויבט פאר דייטשע סאלדאטן.

צוליב געוויסע אויסריידן (פאקטיש צו ליב דעם וואס די אידישע פאליציי האט אריינגעשמוגלט עסנווארג אין געטא) האט מען אויפגעהאנגען 12 אידישע פאליציאנטן אין געטא, אליין האבן זיי געמוזט ארויפגיין אויף דער תליה און פארלייגן דעם שריק אויפן האלדז.

איניקע טעג שפעטער איז ווידער געקומען דער באפעל: „יודן אנטרעטן". מען האט קאנטראלירט די ארבעטס־דאקומענטן. ווער עס האט געהאט א דאקומענט איז געשיקט געווארן צו זיין געוויינלעכער ארבעט. פון די איבעריקע האבן די דייטשן אויסגעקליבן 100 יונגע מענטשן און איינגעזעצט אין קודזבארסקיס פאבריק, וואס איז געווארן ארומגערינגלט מיט פאליציי. אין 11 טעג ארום איז געקומען די געסטאפא פון טשעכאנאווע, און צונויפגעשטעלט פון די ארעסטירטע 2 רשימות. צומארגנס איז געקומען א באפעל די אידן זאלן אויסגראבן אין גערשאווסקיס הויף ביי דער גארבעריי א גרוב לויט פארשריבענע מאסן, נאכדעם האט מען אלע אידן פארזאמלט אויפן הויף. מען האט ארויסגעפירט די 100 ארעסטירטע און אוועקגעשטעלט צו 50 פון יעדער זייט גרוב. מען האט ווידער פארגעלייענט אן אורטייל פון העכסטן געריכט אין בערלין; אזוי ווי פאר 2 וואכן זיינען געהאנגען געווארן אין געטא אידן אלס שטראף און אזוי ווי די אנוועזנדע האבן זיך נישט אויפגעפירט אזוי ווי עס דארף צו זיין, זיי האבן געוויינט און געשריגן, וועט יעצט ווערן אויסגעפירט א צווייטער אורטייל. מען האט אפילו געדארפט שיסן אלע הונדערט, אבער די געסטאפא האט זיך „באמיט" צו פאר־קלענערן די צאל ביז 50, אבער אויב עס וועט ווער וויינען, און עס וועט זיך דערהערן עפעס א שטימע, וועט מען שיסן אלע אידן און צום ערשטן די 50 „באגנעדיקטע", ארום זיינען געשטאנען פאליציסטן מיט מאשינגעווער.

דער גאנצער קהל איז געשטאנען ביי דער הריגה אזוי ווי דאס בלוט וואלט אים פארפרוירן געווארן אין די אדערן, מען האט נישט געהערט קיין קרעכץ, אפילו נישט פון קיין קינד. עס האט זיך געדאכט אז אלץ ארום האט אויפגעהערט צו לעבן.

10 פון דער געסטאפא זיינען צוגעגאנגען. דער קאמענדאנט האט פאר זיי געהאלטן א רעדע: „אויף אייך איז געפאלן דער גורל און אויך דער גרויסער כבוד צו פארניכטן אזוי פיל אידן, זייט שטאלץ און דערפילט אייער אויפגאבע ענערגיש. שיסט גלייך אין קאפ".

מען האט צוגעפירט די ערשטע 5 מאן, דעמאלט איז יעצט קלאר געווארן, וועלכע 50 וועלן דערשאסן ווערן. די „פארמשפעטע" האט מען אוועקגעשטעלט קעגנאיבער די שיסער און נישט פארבונדן די אויגן. איינער פון די ערשע 5 האט אוועקגעבויגן דעם קאפ און די קויל האט אים נישט געטראפן, האט ער געמוזט אפווארטן ביז מען האט געשאסן אלע 50 און דעמאלט האט מען אויך אים דערשאסן.

נאך יעדער 5 דערשאסענע האט דער קאמענדאנט געדריקט די הענט פון

די שיסער, די אידן זיינען געשטאנען ווי פארשטיינערט און אפילו קיין זיפץ נישט ארויסגעלאזט. א פאליאק, וואס איז געשטאנען פון יענער זייט צוים, האט עס נישט אויסגעהאלטן און אנגעהויבן שרייען: „נידער מיט היטלערן, אומשולדיק בלוט ווערט פארגאסן". ער איז געווארן ארעסטירט און גע̇הרגעט. די 50 וואס זיינען נישט דערשאסן געווארן האבן געמוזט אראפגיין אין גרוב, אראפציען די שיך פון די דערשאסענע און פארשיטן דעם גרוב.

צווישן די 50 מאן זענען געווען 10 שרענסקער, מיין ברודער איסר, מיין קוזין נח פליישער מיין פעטער יוסקעס זון) לייבל מאלאוואנציק, מתתיהו גרינברג, יחיאל יוסף און זיין ברודער יעקב שלמה שצעפקאווסקי (משה פייקעס איניקלעך), היים איגלאוויטש (אהרן יצחק מוסטערס איידעם) פורזיצקי, א שרענסקער איידעם, און נאך צוויי, וועמענס נעמען ראובן האט זיך נישט געקאנט דערמאנען.

צווישן די אנדערע 50 זענען אויך געווען פיל שרענסקער, ווי מתתיהו מאטוס, אהרן זליג זימאן שלמה מאלאוואנטשיק און אנדערע, די גאנצע באַפעל־קערונג פון געטא האט געמוזט בייוווינען דאס שרעקליכע בילד... דא האבן שוין די אומגליקלעכע דערזען דאס שוידערלעכע בילד וואס עס ערווארט זיי, א שטארקע קייט פון ס.ס. מיט מאשין געווער האט ארומגערינגעלט דעם גאנצן שטח. די עלטערן, שוועסטער און ברידער האבן געמוזט שטיין און זיך צוקוקן צום שוידער־לעכן בילד און נישט ארויסלאזן א קרעכץ... אבער די אומגליקלעכע פארמשפעטע האבן אנגהויבן שרייען און קלאגן... עס זענען געווארן צוגעפירט די ערשטע 5 צום גרוב אויסגעדרייט אויף הינטן, די דייטשן צילן גוט, און די יונגע קערפערס ווערן דורכגעלעכערט ווי א זיפ און פאלן אין גרוב אריין. אהרן זליג, מתתיהו און שלמה מאלאוואנציק גייען אראפ אין קבר און לייגן איין די הרוגים וועלכע צאפלען נאך אין זייער לעצטער קאנוואולסיע, זיי ווארפן ארויף עטלעכע שויפלען ערד און די צווייטע 5 פאלן אין גרוב אריין, שלמה מלאוואנציק הייבט אויף די לאפאטע און שיט אויס די ערד אויף זיין דערשאסענעם ברודער לייבל, עס דערהערט זיך פון צווישן די הרוגים א שטים, שלמה וואס באגרבסטו מיך איך לעב דאך נאך!!! ווייזט אויס אז לייבל איז נישט דערהרגעט געווארן גלייך, געהאט זיין באוואוסטזיין און געדעדס נאך צו זיין ברודער שלמה, אבער די דריטע גרופע פאלט אויף זיי פון אויבן ביז די 50 קרבנות זענען אלע דערשאסן געווארן, די לעבעדיקע אין קבר שטייען ביז איבער זייערע קני אין בלוט, מוזן אבער טאן זייער ארבעט ווייל אויף יעדן קאפ איז אנגעצילט א מאשין געווער, קיינער האט זיך נישט אנגערופן מיט קיין ווארט. שפּעטער לאנג שפעטער האט מען נאך געקאנט זען ווי די ערד ציטערט איבערן בארג פון די 50 יונגע קרבנות.

א עלנטער מענטש שלייכט זיך ביינאכט צו צום ווארימען ברודער קבר, ליגט אויף דער ערד און גלעט א האנט וועלכע שטארט ארויס פון קבר, א האנט וואס האט אפשר באמיט זיך אויפצוגראבן פון אונטער די מתים. גדליהו הערש ליגט און גלעט די האנט, זיין יחיאל יוספס, זיין זונס האנט, די ערד צאפלט נאך אלץ און די מוטנע וואסערן פון סיעראטש זענען נאך רויט, רויט פון אידיש בלוט, פון יונגע אידישע קינדער.

ערשטער טראנספארט

נאכן דערשיסען די 50 יונגעלייט, איז געווארען א כאאס אין געטא און יעדערער האט זיך דערפילט גלייכגילטיק צו אלעס, געוווסט האט מען, אז עפעס שרעקלעכעס רוקט זיך אן.

די דייטשן טראכטן וועגן ליקווידירן די געטא, זיי זאמלען צונויף אלע אין געטא, קלייבן צונויף דעם ערשטן טראנספארט, די אזוי גערופענע אומפעאיקע. געשען איז דאס דעם 10־טן נאוועמבער 1942.

די מערהייט שרענסקער משפחות זענען דאן אוועק, צווישן אנדערע דער רב זצ״ל, דער געלער איטשע מאיר, יחיאל אלעזר רייספעדער, היניך סטאוויסקי, משה הערש גרינבוים מיט זיין משפחה, מנחם איזענשטיין, פייגא דאבראשקלנקה, חנה גראנאט מיט גיטל שפרה׳ן מיין זיידע וואלף מיט דער באבע חיה, שמואל מאגדרי און פיל אנדערע משפחות ס״ה 2000 מענטשן. א מאך מיטן פינגער האט דערצידירט, אויף רעכטס — לחיים לינקס — למות. שלמה אנטשלעוויטש — פוקס — זעהענדיק בלויז אויף איין אויג, א ביק האט אים אויסגעהאקט דעם אנדערע — איז אנגעוויזען געווארן אויף לינקס — צום טויט, ליפע זיין ברודער שרייט צו אים: שלמה לויף איבער אויף דער אנדערע זייט, שלמה לויפט, א געסטאפא קויל האקט אים ארונטער — טויט. יחיאל אליעזר רייספעדער איז שווער פארווונדעט געווארן ביים איבערלויפן, ער איז געלאפן נעמען טלית און תפילין און אוועק צוזאמען מיט אלע אידן קיין טרעבלינקע. געהייסען האט עס אז מ׳שיקט זיי אוועק קיין זשאלדע אויף ארבעט.

צווייטער טראנספארט

ביים ארויסשיקען דעם צוויטן טראנספארט דעם 13 נאוועמבער 1942 האט מען ארויסגעשיקט די צווייטע גרופע וועלכע איז באשטאנען מערסטנס פון יונגע מענטשן. מען האט אלעמען פארזאמעלט, געהייסען אפגעבען דאס געלט, גאלד און צירונג, אויב מהאט געפונען געלט נאכן ארויסגעבן דעם באפעל, האבן זיי דער־

שאסן אויפן ארט. שמואל מרדכי׳ס בעקערס פרוי, איז דערשאסען געווארן ווייל די דייטשן האבן בא איר געפונען 5 מארק וואס זי האט געהאט פארשטעקט אויף א׳נויט״. אין דעם טראנספארט זענען אריין פאלגענדע: יעקב אהרן אסמאן מיט דער משפחה, זלמן שערפסקי, נחום אלטוס, מיין פאטער אברהם זלמן, מוטער און מיינע שוועסטער און ברידער, מיין פעטער גדליהו און זיין משפחה, מתתיהו מאטוס מיט ראשען און קינדער, מיין אנקעל דוד און זיין פאמיליע, גדליהו הערש שצעפקאווסקי, מאיר זיין ברודער, ראובן סאלדאנער און נאך פיעל אנדערע. מען האט זיי אלעמען פארמאכט אין וואגאנען און אוועק געפירט קיין אוישוויץ. די גאנצע רייזע פון 36 שעה האבען זיי נישט באקומען קיין וואסער. 12 באנאכט איז דער צוג אנגעקומען קיין אוישוויץ. מען האט אלעמען געהאלטן א גאנצע נאכט אין דרויסן דערנאך אויסגעקליבן די יונגערע און געזונטע צו פארשידענע ארבעטן און די „איבעריקע״ געשיקט אין „באד״ און פון באד אין אויוון אריין. משפחות זענען צעשייד געווארן. מיין פאטער, מיין אנקעל גדליהו און אלע אנדערע אידן זענען אפגעריסן געווארן פון זייערע פרויען און קינדער, זיי האבן ליידער נישט געוווסט אז זיי וועלן שוין מער נישט זען זייערע טייערסטע... ווער האט זיך דאס געקענט פארשטעלן וואס זיי דערווארט אפילו שוין זייענדיק אין טויטן־לאגער.

פולע פון זיי האט מען באלד אוועקגעשיקט קיין „בונה״, ווי שלמה מאלא־וואנציק, שמואל יעקב בעקער, אברהם אקס, שלמה אלשעווער, משה קודזבארסקי, יעקב אהרן אסמאן. די איבעריקע ארבעטס־פעאיגע האבען זיי אפגעהאלטן א גאנצע נאכט, אין דרויסען אויפען עסגדיקן פראסט, נאקעט, אין דער פרי האט מען אונז געלאזט אפוואשן און מיר האבן באקומען די לאגער־קליידער, געשטרייפטע, צומארגנס האט מען אונז טיטואירט מיט נומערן. פון יעצט אן האבן מיר אופגע־הערט צו עקזיסטירן אלס מענטשן מיט נעמען יעדער איז גיווען בלויז א נומער. מיין פאטער אברהם זלמן און אנקעל גדליהו ניבארסקי האבען געארבעט ביי לאדענען וואנאנען אין „באנהויף״, גדליהו האט אויסגעהאלטן 3 וואכען און געווארן קראנק — ער האט געדארפט ווערן ?... — מיין פאטער האט אים ווי וויט מעגליך פארשטעלט מיט זיינע פלייצעס געארבעט פארביידן, אבער דאך דער שוואכער גדליהו וואס האט זיך אויפגעהאלטען א דאנק זיינע גייסטיקע כוחות איז צוזאמען געבראכן געווארן, ער האט זיך געוואנדען אין שפיטאל אריין נאך מעד. הילף, מער האט אים שוין זיין ברודער נישט געזען, פון שפיטאל האט מען אים געשיקט אין קרעמאטארום אריין. מיין פאטער פארלירענדיג גדליהו׳ן האט דאס נישט געקענט אויס האלטן און קוים א וואך שפעטער אויך אוועק אין „שפיטאל״ אין

גין פאראייניקט געווארן מיט זיין ברודער גדליהו מיט זיין פרוי מיין אומפאר־געטלעכע מוטער, חיה האדעס, און זיינע קינדער...

אפאר טעג שפעטער איז אוועק גדליהו הערש, דער קליינער מתתיהו מאטעס האט זיך ארומגעקוקט אז קיינער איז שוין נישט געבליבן אזעלכע שטארקע מענטשען ווי מיין פאטער, און ווי גדליהו הערש, איז ער נאך מער איינגעשרומפן געווארן און אין 3 טעג ארום אויך אוועק... מאיר שצעפקאווסקי איז געווען דער לעצטער...

פון צווייטען טראנספארט האבען די דייטשן אויסגעקליבן די גרופע יונגע־לייט פאר דער מויערער־שולע, עס זענען אריין: ראובן סאלדאנער, שמואליק ליפשיץ — פייוויל עטקיעס זון — יוסף הערש הויסמאן, ארטשע מאטוס, יעקב קודזבארסקי, שלמה רייספעדער, יעקב שערפסקי, — יהודה בערס זון — אברהם שערפסקי — חיה שרהק׳ס — די יונגלעך האבן זיך געהאלטן א געוויסע צייט, אחוץ ארטשע מאטוס און יעקב קודזבארסקי וועלכע האבען זיך געהאלטן כמעט ביז צום סוף. לעבן געבליבן זיינען נאר 2 יוסף הערש הויסמאן און ראובן סאלדאנער.

דריטער טראנספארט

דעם 17 נאוועמבער איז ארויס פון מלאווע דער דריטער טראנפארט. פון שרענסקער זענען געווען: יוסף ליפשיץ, הערש און מרדכי גראנאט, יעקב שאפט, זלמן פיטל מאיר קאנסקאוואלסקי (איצעק שטריקמאכער׳ס) צוליב זייער גוטען פיזישן צושטאנד זענען די אלע אויסגעקליבן געווארן צו דער א. ג. „זאנדער־קאמאנדא״.

די קאמאנדא האט געארבעט ארום די גאז־קאמערן אין קרעמאטאריומס. מרדכי גראנאט איז אין עטלעכע טאג ארום געגאנגען אין שפיטאל אריין און איז פארברענט געווארן, הערש זיין ברודער האט נישט געקענט דאס איבערלעבן און זיך דאס לעבען גענומען אויף די עלקטרישע דראטן פון לאגער־צוים.

יוסל ליפשיץ, יעקב שאפט, מאיר קאנסקאוואלסקי און זלמן פיטעל האבן געפירט די פארסאמטע קרבנות פון די גאז קאמערן אין אויוון אריין אויף טאטשקעס. עדות האבען דערציילט אז מאיר ביים פירן די טויטע צום אויוון, האט צווישען דעם „בארג״ דערקענט זיין ברודער הינך. ער האט זיך שטארק צעוויינט איבער זיין ברודערס גוף און אים אפגעפירט צום „אויוון״ אין פייער אריין. מאיר האט אויך דערקענט זיין חבר און שכן אברהם אקס. פארן פארברענען די טויטע האט זלמן פיטעל יעדען קערפער אונטערגעזוכט זיין מויל און ארויס געריסען די גאלדענע ציין און געווארפן אין פעסער.

צו לאנג האבען די דייטשישע מערדער נישט געהאלטן די „זאנדער קאמאנדע" ווייל זיי האבן צופיל געזען און צופיל געוווסט. יעקב שאפט און יוסל ליפשיץ און מאיר קאנסקאוואלסקי זיינען געשיקט געווארן קיין לובלין צום טויט. א סאך פון דער „זאנדער קאמענדע" האבען אנטייל גענומען אין אויפשטאנד פון אוישוויץ וועלכער איז נישט געלונגען צוליב א מסירה, דאך איז געלונגען אויפצורייסען איין איוון. זלמן פיטעל האט זיך אויך באטייליקט אין אויפשטאנד. און אזוי ווערט די צאל שרענסקער איינגעשרומפן פון מינוט צו מינוט, קיין איין פרוי אדער מיידל איז נישט פארבליבן.

ווען די רוסן האבן ארייגמאשירט אין אוישוויץ און אין אנדערע טויטן־לאגערן האבען זיי באפרייט די „העפטלינגען", צווישען זיי נחום אלטוס, זלמן שערפסקי, יעקב אהרן אסמאן, שלמה קנאבעל — חיה שרה'קס איידים — יוסף הערש הויסמאן, ראובן סאלדאגער, דוד מארינאוויטש מיט זיין זון חיים. דאס איז דער טרויעריקער סך־הכל פון דער שרענסקער קהלה, פון די 500 נפשות פון דעם שיינעם שטעטעלע שרענסק.

עס וואנדערן ארום עטלעכע שרענסקער אין ווייטן אזיאטישען רוסלאנד. עטלעכע יחידים פון א פאר צענדליג יונגעלייט. געבליבען לעבען: יצחק מאיר גרינבוים פרוי און קינד, מנשה ליפשיץ און זיין ברודער יעקב שמשון — געבליבען אין רוסלאנד — חיים ליפשיץ — לייזעריעס — יוכבד שערפסקי, שרה רבקה גלאסמאן, — אקס — מאן און טאכטער און איך.

פילע שרענסקער וועלכע האבן זיך געראטעוועט פון די דייטשישע רוצחים און אנטלאפען קיין רוסלאנד זענען דערגרייכט געווארן אין 1941 פון די זעלבע מערדער, עס זענען אומגעקומען אין רוסלאנד דוד זימאן, פיגה פישביין־זימאן און איר טאכטער טאבע, ישעיהו שערפסקי טאבעס מאן, ישראל ליכטמאן, חנה בעקער, דבורה ליפשיץ. פיעל מערערע זענען אומגעקומען, סאיז מיר אבער נישט געלונגען צו געדענקען מער נעמען.

---

צ. אוסמן

מילואים צו די בעשרייבונגן פון
## ניבורסקי, סולדאנער, אלטוס.

די צוויי דויטשען אין שרענסק

אין שרענסק זענען געווען 2 פאלקס־דייטשן וואס האבן גורם געווען אסאך צרות דער אידישער באפעלקערונג, איינער האט געהייסן פריפענטשיק ימ"ש,

אין דער צווייטער אדאָלף, א אומגעזעצלעכער זון, די מוטער זיינע האט שטענדיק געארבעט ביי פנחס ליפשיץ. א גרויסער סאדיסט איז געוועזן דער אדאָלף ימ״ש, דעם גאנצן כעס האט ער אויסגעלאזט צו זיין ברויט־געבער, ער האט געפּייניקט פ. ליפשיץ ב. שער, אין אליעזר ביעלאווסקי, איבערהויפט ביים גראבן די גריבער אבצוציען דאס וואסער פון די פעלדער, דאס הויז וואס מנשה קאלקאווסקי האט איבער געארבעט, איז געווארן אוועקגעגעבן דעם אויסוווּרף אדאָלף.

## דער שפּיטאל אין אוישוויץ

פאקטיש איז דאס געווען א מאסקירטער שעכט־הויז פיל האבן געדענקט געזונט צו ווערן אדער אפּצורוען אין שפּיטאל, אבער זעלטן ווען ס׳איז עמעצער צוריקגעקומען. 99% זענען געשיקט געווארן פון דארטן אין קרעמאטאריומס. אלע שרענסקער וועלכע זענען אוועק אין שפּיטאל זענען נישט צוריק געקומען ווי צ. ב די ברידער גדליה אין אברהם זלמן ניבארסקי, מתתיהו מטוס, בעקער ש. ז. און אנדערע. — אבער כ׳וויל דערמאנען דעם פאקט וואס האט מיר פערשאפט פיל ווייטיק, אברהם אקס קומט אין די מויערער־שולע און ער גיט מיר איבער מיט שמחה אז ער האט באקומען א גוטע ארבעט און ער איז שוין רואיק נאר ער ווייזט מיר א פינגער וואס האט זיך אים אנגענומען, געהט ער אין שפּיטאל זיך פאַרבאנדאזשירן דעם פינגער. אין מער האב איך איהם שוין נישט געזען. ער איז געווארן געשיקט אין קרעמאטאריום צו פערברענען. דאס איז געוועזן דער שפּיטאל אין אוישוויץ.

## די שרענסקער פרויען

וועגן די ליידן פון די שרענסקער פרויען ווערט שוין דערציילט אין בוך. כ׳וויל נאר פעסטשטעלן, אז אלע שרענסקער פרויען זענען אומגעקומען. אין אנדערע שטעטלעך זענען נאך געבליבען איינצעלנע, אבער פון שרענסק איז קיין איינע נישט פארבליבן. יוכבד שערפּסקי — חיה שרה׳ס טאכטער — די איינע פון לעצטען דור, וואס האט געוווינט אין שרענסק אין געבליבען לעבען. זי איז אין גאנצען נישט געווען אין אוישוויץ. נאר אין רוסלאנד. כ׳וויל נאר איבערגעבן ווי אזוי מען האט פארנארט די פרויען. כ׳בין געווארן געשיקט מיטן צווייטן טראנס־פּארט פון מלאווער געטא, אין דעם טראנספּארט זענען געווען אסאך שרענסקער פרויען מיט קינדער. אנקומענדיק נאך אוישוויץ האט מען אלע אינגערע בעשטעלט אין רייען צו 10 און מארשירט אין די לאגערן אריין, דאגעגען די פרויען וואס מען האט זיי א נאמען געגעבען „עלטערע״ — און די קינדער, האט מען געלאזט

ווארטן צוזאגנדיק, אז אויטאמאבילן וועלן זיי ברענגען אין די לאגערן. די אויטאָ־מאבילן זענען געקומען, נאר אנשטאט צו פירן אין די לאגערן האט מען זיי געפירט אין קרעמאטריום און זיי פערברענט. די איינצעלנע וואס האבן זיך ארומגע־וואלגערט אין די לאגערן האבן נישט איבערגעהאלטן, מיין שוועסטער חנה, וועלכע האט געארבעט אין אויפרוימונג׳ס קאמענדא, כ׳האב געהאפט אולי ירחם ד׳ אין זי וועט איבערהאלטן? ליידער איז זי אומגעקומען גלייך מיט אלע.

ארץ אל תכסי דמם.

---

יוסף רימון (גרנט)

## סיכומים און באמערקונגען צום עדות זאגן פון די 4 על פי־הנס איבערגעבליבנע

## אלטוס נחום, אוסמן צ., ניבארסקי משה, סולדאנער ראובן.

איין שטריך פאראייניקט אלע פיר עדות; זיי הייבן אן פון אנפאנג קריג. משה ניבארסקי הייבט זאגאר אן זיין עדות זאגן נאך פון ערב דעם אויסברוך פון דער מלחמה. כ׳האב געבעטן יעדן עדות ער זאל באשרייבן נאר די ריכטיקע פאקטן, אזוי ווי זיי האבן געזען און מיטגעמאכט. כ׳וויל באמערקן אז אין די אנגעטראפענע סתירות זענען די עדות נישט שולדיק, צ.ב.ש. ווען נחום אלטוס שרייבט, אז קומענדיק נאך אוישוויץ אין צווייטן טראנספארט, האט ער געזוכט די שרענסקער אידן פון ערשטן טראנספארט, און דא קומט ער צום געדאנק, אז אלע שרענסקער האבן שוין נישט געלעבט, ווייל נחום אלטוס האט נישט געוואוסט אז דער ערשטער טראנספארט פון מלאווער געטא מיטן הרב ליכטיג בראש איז געשיקט געווארן נאך טרעבלינקע.

אוודאי איז נישט אנגעקומען אזוי לייכט צו פארנאטירן די גביית עדות א טייל האבן פשוט נישט געוואלט זיך דערמאנען וואס זיי האבן איבערגעלעבט, ס׳איז כדאי צו דערמאנען אז דער הויפט־עדות ראובן סאלדאנער, וועלכער האט דערציילט זיינע איבערלעבונגען פון אנפאנג ביז׳ן סוף, געפינט זיך איצט אין אמעריקע, מיט אים איז געפירט געווארן אונטערהאנדלונגען מער ווי א יאר צייט ער זאל מסכים זיין שרייבן דאס וואס ער האט געזען, ווייל דאקטורים האבן אים געווארענט ער זאל זיך בעמיען צו פארגעסן זיינע איבערלעבונגען, דאס זעלבע איז אויך פארגעקומען מיט די אנדערע עדות. אבער אין אלגעמיין האבן זיך די אלע פאקטן באשטעטיקט.

---

ישראל!

לוא גם כים רבו חטאתיך, אם גם מעפר הארץ הרבית אשמות — הנה נסלח לך; כי קרבנותיך אשר העלית על מזבח אלהיך רבו ממספר חטאתיך, ולא שה ושור הבאת לעולה רק בניך היו קרבנותיך — לכן נסלח לך ויאשמו רודפיך.

פרץ סמולנסקין 1840—1885 (מולדתי)

רימון (גרנט)

# הספד על קדושי שרנסק

אלה הם דברי קינה והספד על קדושי — שרנסק הי״ד (לפי האלף בית)
שהושמדו ועברו לעולם הנצח.
זכרונם נשמור בקדושה ובטהרה.

אלה אזכרה ונפשי עלי אשפכה
על ראשי האבות והמשפחות בקהלת שרנסק
שנספו בשואה, השם ינקום דמם.
ותהא נשמתם צרורה בצרור החיים של האומה.

נקיים ונשמור אמונים, לדרכם ולרצונם של היקרים והאהובים שנעלמו ע״י התעללות — השטן! ואינם...!
נשתדל למסור את המית־לבם של קרובי הקדושים, המבכים את קרוביהם, הנפשות האהובות עליהם, בסגנונם ובלשונם.
על בתי הכנסת שהטמאים הרסו עד היסוד, על בתי המדרש ששרפו, על ספרי התורה ועל הש״סים שהעלו באש,
על קדושינו שחוללו ונרצחו, אנו באים להגיד קדיש.
יתגדל ויתקדש שמיה רבא!...

# פ ת י ח ה

ההסטוריה היהודית מוכיחה שבמשך דורות ודורות נהרגו ונרצחו אחינו ואחיותינו על לא עול בכפם, הרבה קהלות יהודיות הושמדו, דם יהודי נשפך לרוב והרוצחים לא באו על ענשם. בכל זאת מספרת לנו ההסטוריה שבתקופת הרת־אסון אירע בפעם לפעם נס. מדינה אחרת היתה פותחת את שעריה בפני היהודים הנרדפים. בפעם הזאת, במלחמת העולם השניה, כשהתחוללה השואה האיומה שבשואות כל הדורות, והאכזריות הגיעה לשיא, עמדנו המומים ונדהמים מול החזיון הטראגי.

גלמודים ונעזבים עמדו קדושי־שרנסק בפני טבח איימים, נגד הכח השטני החזק, ובאפס מעשה חכו לרוצחים הטמאים, שעשו את מלאכתם לעיני השמש ואין עוזר ואין מציל. בלב המועמדים לעקידה כבתה התקוה לעזרה. מוסרים שבין אכולי יאוש אלה, נמצאו עוד יחידים שהאמינו בסתר לבם, שהסערה תעבור ויזכו לראות את היקרים.

שרנסק! עיירה קטנה זו, כמו כל עיירה ועיירה, המהווה פרק בהסטוריה היהודית בפולניה — מספרת על הסבל, העוני ועל הגבורה העלאית בה עמדו בני הדורות הראשונים והאחרונים.

הקדושים והטהורים

בדחילו וברחימו, ביראת הרוממות וברטט של קדושה וטהרה מתוך לב שותת דם, אמרתי להספיד כל אחד מקדושי עירנו, שהיה עולם מלא לעצמו למשפחתו ולמכריו ולספר על כל אחד, על עבודותו ועל מפעלו למען העם והארץ, למען לא יכנסו לתהום הנשיה. במיוחד חשוב הדבר לגבי משפחותיהם ע״מ שצאציהם יקראו וידעו את אלה שקדמו להם בנפלם על קדושת השם, בתור יהודים. השתדלתי לא לקפח אף אחד. קשה לתאר במלים, את ההרגשות שעברו עלי בזמן העלאת נר זכרון לנפשות היקרות והקרובות, שעברו שבעה מדורי גיהנום של ענויים אכזריים...

אסיים במלים שנאמרו ע״י אחד מן העם:

כל אדמת־אירופה — בלי יוצאת מן הכלל — ספוגה בדם הורינו ואחינו, אבל פולין!! זאת היה ים־דמים של תושביה היהודים. הפולנים ליוו בשמחה את אחינו שהובלו בקרונות המות. אירעו גם מקרים, שקדושינו היקרים ספגו מכות מהפולנים, בהיותם בדרכם האחרונה לתחנת ההשמדה. הם גם שדדו את הרכוש של הקדושים שנרצחו.

הקורא יבין לרוחי אם אציין, שלא היה ביכלתי וגם לא היה בי הרצון לשנות או ליפות את הרשימות והערכות על גבורינו וקדושינו משרנסק.

## משפחת רבה האחרון של קהלת שרנסק

**הרב ר' יהודה שרגא ליכטיג זצ"ל**, אשתו הרבנית הצדקת מרת [redacted] **רויזה ליכטיג** ז"ל. הילדים: **אליעזר**, בנו בכורו של הרב שהתחתן במקוב והיה גר שם. בעל לאשה ואב לששה ילדים; **צבי מנחם** (הירש מנדל), התחתן במלבה, עם רחל פרלמוטר. והיה גר במלבה. בעל לאשה ואב לשני ילדים. בתם **אלטה** שהתחתנה במלבה.



אלטה בת הרב

על הרב, מנהיגה האחרון של הקהלה, נכתב בספר רשימות מספר, ואלו הן:

א) בן מנחם נתן תלמידו, במאמרו המקיף על שרנסק, בשם משפחת פ. דובראשקלאנקא עמוד 162 — 164.

ב) גרינבוים י. מ. במאמרו „ערב יו"כ בשרנסק עד החורבן" עמוד 184.

ג) סטביסקי אברהם, תלמידו, במאמרו „שרנסק־ואנשי־תורה" עמוד 353.

ד) רמון יוסף, בפרק „רבנים בשרנסק" עמוד 131 — 133.

הרב משרנסק, נתקבל לרב במלבה. כהן במשרת רב של כל העדות בגיטו מלבה. בראש חדש כסלו ביום 10.11.42 נשלח מגיטו מלבה — ביחד עם אלפיים (2000) נפש לטרבלינקה.

יהי זכרו ברוך, זכר צדיק לברכה.

*) נשארו 2 ילדים שיבדלו לחיים 1) מרים ויידמן ליכטיג — הגרה בחיפה, נשואה. 2) ליכטיג שלמה נת, הגר בתל אביב, נשוי.

## אליעזר ליכטיג

**אליעזר, בנו בכורו של הרב משרנסק, עבר לגור אחרי החתונה למקוב. אחרי שנים של נסיונות מסחריים, למד שחיטה ונתקבל לשו"ב במקוב. אנשי מקוב התיחסו אליו בכבוד. היה בר אורין, איש נמוסין ואהוב על הבריות. אעפ"י שעברו על ראשו גלי־פורעניות, נשא הכל בדומיה. כשמצבו הוטב, סגר עצמו באהלה של תורה, והקדיש ימים ולילות ללמוד התורה.**

גורלו כגורל כל יהודי פולין.

## צבי מנחם ליכטיג

**התחתן עם בתו של פרלמוטר, בעל טחנת־קמח במלבה. בבחרותו ישב** ולמד בבית המדרש בשרנסק, וגם אצל אביו, עם יתר בחורי שרנסק. ביחד למדנו בבית המדרש. אחרי נשואיו עמדנו בקשרי מסחר.

**לפני החתונה היה איש־חזון. חזונו לא היה כסף, אלא אחדות העם. הוא האמין כי יבא יום ואהבת ישראל תאחד כל העם, כי אהבת ישראל צרופה היתה** מושרשת בו באופן טבעי.



ילדי צבי מנחם ליכטיג הי"ד

לא נמצא לעולם רבב על בגדו, כתלמיד חכם מובהק. היו זמנים שמצבו היה טוב, בכל זאת חיי־מותרות לא היו מנת־חלקו.

ציינתי לעיל שאחרי החתונה עמדנו בקשרי מסחר ופה עלי לציין, שהיה ישר במשא־ומתן. — ולכן היה חביב על כל אחד שבא אתו במגע. היה מצוין בגישתו לענין — אפילו מסחרי. היה לו מסחר עצים עם שותפים.

במלבה ידעו להוקיר את האיש יקר־הרוח ובעל מזג הטוב. לא הלך בגדולות. שותפו לבקוביץ, הסוחר הגדול הידוע ממלבה אמר לי פעם, שהירש מנדל נותן דוגמא שגם במסחר אפשר להיות ישר.

לפני נסיעתי ארצה בקרתי אצלו ע״מ להפרד. הוא אמר לי: בקרוב נתראה, כי אני ומשפחתי מתכוננים לבוא למקום המיועד לעם ישראל, עתיד האומה.

כפי שמוסרים, כל הניירות היו כבר מוכנים הוא חיסל הכל. אולם לא הספיק לצאת מפולין כי המלחמה פרצה.

מרים ויידמן לבית ליכטיג

## זכרונות מבית אבי

אין אני מסוגלת ומוכשרת להעלות על הניר את זכרונות בני משפחתי ז״ל, אשר הושמדו כליל ע״י אנשי דמים ובני בליעל. אבי, יהודה ליב ליכטיג ז״ל, כשמו כן הוא — ליכטיג (אור) שהאיר ברוחו האצילה על יהודי העירה שרנסק, שהיה רבה הראשי במשך כ־40 שנה.

שרנסק, עירה קטנה, יהודיה אנשים משכילים ותרבותיים היו והנוער היהודי בעל הכרה ציונית, למד תורה מפי אבי ז״ל.

אבי ז״ל היה אב טוב, איש גבה קומה ויפה תואר, ישר וירא שמים, תרבותי וגדבן, חובב ציון נלהב ונאמן לעמו ולתורתו.

היה מחסידי הרבי מגור. כל זמנו הקדיש לתורה ולעמו, וגם מצא זמן לקרוא עתונים לא רק בעברית כגון „הצפירה״, אלא גם ברוסית.

יהודי שרנסק התיחסו אליו ביראת כבוד וגאותם היתה בו. אמי הרבנית, חיה רויזה ליכטיג לבית ז׳יטי ז״ל, היתה אשה צנועה, צדקנית, טובת לב ונדבנית, אשר הקדישה את כל חייה לזולת. דאגה ועזרה למחוסרי ישע ולזקוקים, כי לא יחסר להם דבר, בפרט בשבתות וחגים.

אבי למד אותנו, הבנים והבנות כאחד, תורה וגם עברית.

מכל המשפחה נשארנו בחיים אני ואחי שלמה ליכטיג, אשר בעזרת

אבינו ז"ל, עלינו ארצה הרבה זמן לפני בוא השואה. בהיותו ציוני שאף אבי גם הוא לעלות לארץ הקדושה, אולם אחר את המועד. גורלו וגורלם של אמי ויתר בני משפחתו כמו כל יהודי פולניה.

בת אחת בשם אלטע ושני בנים. שהבכור, אליעזר ז"ל היה איש תורה, ידען, חריף אשר עלה בידיעותיו ובחכמתו על יריביו וידע לשכנעם, אב למשפחה גדולה, אשה וששה ילדים.

הבן השני, צבי מנחם (הירש מנדל) ז"ל בעל לאשה ואב לשני ילדים. היה למדן, בעל נשמה טהורה וזכה, ציוני אשר כל מגמתו ומטרתו היתה לעלות ארצה ולהצטרף אלינו, אך גם הוא לא הספיק.

גורל כל המשפחה הזו, הטהורה והקדושה, היה כגורלם של שאר בני עמנו, אשר נפלו על קדושת השם, כשרוחם הטהורה מרחפת על פני, ואני בלבי מהרהרת וחושבת איך נפלו קדושים בידים טמאות — רטט ורעד עובר בגופי.

אני נזכרת במקרה מעציב, היה זה בשנת 1920, עת הגעתי יחד עם אבי לורשה. בצאתנו מקרון הרכבת, ראינו מחזה איום ומזעזע: אנשי צבא פולניים התנפלו על יהודים בעיר, הפילו יהודי והתחילו להתעלל בו ולגזוז את זקנו. אבי ז"ל כמעט נפל בצפרניהם. אך למזלו אז, הופיע בחור מלוואי ובמהרה לקח את אבי תחת זרועותיו והביאנו לדראשקו. המקרה הזה השפיע קשות על אבי שהיה מדוכא מהמחזה. אולם לפתע כאילו התעורר — שם את ידו על הבחור ואמר לו: „תזכור, עם ישראל לנצח ישאר".

זו היתה אמונתו של אבי ז"ל.

בליל הסדר של פסח, יותר מאשר בכל חג אחר, אני נזכרת באבי ז"ל ורואה את דמותו האצילה כמלאך בלבושו החגיגי. אני לא רק נזכרת, אלא גם שומעת את קולו ורואה את התלהבותו, בשעה שקרא את ההגדה ברעד ובדמעות בעיניו: „שלא אחד בלבד עמד עלינו לכלותינו".

כפי שספר מר בן־ציון בוגן מנצולי אושונצים, שהיה נוכח בזמן העברת יהודי שרנסק לגיטו מלוה -- נתמנה אבי ז"ל לרב הגיטו ועמד ומלא בכל מרצו וכחו את תפקידו באמונה.

קשה עלינו היתה פרידתנו עת עליתי ארצה. אבי המנוח לוה אותי עד ורשה. בתחנת הרכבת נפרדנו, מבלי שאיש מאתנו ידע או חשב שהפרידה תהיה לעולמים, וסוף מר כזה יהיה לו וליהודי פולניה.

בעזבי את האדמה הארורה, אמר לי אבי ז"ל — היי בת נאמנה לעמך ולארץ ישראל ושמרי על מסורת עמנו.

יהיה זכרם ברוך לעד.

**אוסמן שלמה** ראש המשפחה, **חוה** אשתו.

הילדים: גיטל, חנה בילה, יצחק, רבקה דבורה, ושרה.

שלמה דער זון פון דוד אוסמאן ז"ל פלעגט אין די יונגע יארן, ד"ה פאר דער חתונה אריינגעקומען אין בית המדרש, און געלערענט א בלאט גמרא, נאך דער חתונה געלאפן פרי פארטאג אין בית המדרש און געקרעכצט, געפרעגט וואס וועט זיין? די פראגע האט געהאט ביי איהם 2 באדייטונגען: ערשטנס ווען וועט שוין קומען דער הייליקער שבת און ער וועט קענען זיצען לערנען א פרק משניות. די צווייטע באדייטונג פון דער פראגע, מדוע צדיק ורע לו ורשע וטוב לו? די פראגע איז נישט געווען, חס וחלילה, אין מאטריעלען זין, נאר ס'האט געהאט א גייסטיקע בעדייטונג, פאר וואס האט דער רשע וועלכער וויל נישט דינען דעם בורא עולם אזוי פיל צייט, און דער צדיק קען נישט מקיים זיין עבודת הבורא, ווייל ער האט נישט קיין צייט? אבער נישט קוקענדיק אויף דער שווערער ארבעט האט ער שטענדיק געפונען צייט צו ארבעטן לטובת הכלל, ווו ער האט געברענגט נוצן, אזוי איז ער געווען א טעטיקער חבר, אין די חברה קדישא. געווען פון די ערשטע צו העלפן א געדריקטן איד, געלאזט שטיין די ארבעט און געלאפן זאמלען געלט, פאר יענער משפחה, אין געזארגט פאר זיי.

**אוסמן יעקב אהרן** ראש המשפחה, **חנה** (חענטשא) אשתו.

הילדים: פרידה, אסתר, רבקה, דוד.



יעקב אהרן דער לעצטער פרעזעס פון דער אידישער קהלה, א זון פון ר' דוד אוסמן, דער אידעם פון וועלוול ראדזינאווסקי (מלאן), אין די יונגע

יארן געגומען א לעבהאפטן אנטייל אין דער קולטורעלער ארגאניזאציע „תרבות" זייענדיק באגאבט מיט א ריזן שטימע — האט ער ארייגעברענגט לעבן און שמחה אין יעדערגעזעלשאפט, אדער א חתונה פון א חבר, ווו יוגנט האט פארברענגט אין געזונגען נאציאנאלע לידער, צוזאמען מיט יעקב אהרן. אלע יארן, צייט איך האב אים געקענט איז ער געווען טרויעריק אין דערשלאגן, עס האט אויסגעזען ווי זיין שמייכעל און פריילעכקייט, איז אויך ווי געמאכט געווען, פונקט ווי א זאק מיט זארג וואלט אנגעלאדנט געווען אויף זיינע פלייצעס.

מיטגעמאכט אלע אידישע צרות פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, געווען אין מלאווער געטא און אושוויענצים, און געבליבן לעבן, מען האט געהאפט נאך איס צו זען דא אין לאנד, נאר ליידער האט זיין הארץ נישט אויסגעהאלטן, זייענדיק א קורצע צייט אין אמעריקע איז ער געשטארבען.

## ר׳ יעקב אהרן אוסמן ז״ל

הפרעזעס (יושב ראש) האחרון בקהלה היהודית בשרנסק

כשגמר את החדר אצל ר׳ ליביא הויזמן ז״ל לא המשיך בלמוד התורה בבית המדרש או בישיבות כמו שהיה נהוג בימים ההם, רק עזר לאביו לפרנס המשפחה. בכל זאת מצא הזדמנות ללמוד, ונשאר נאמן לרוח ששרר אצל כל הנוער בעיירה. בגיל צעיר החל להשתתף בעבודה התרבותית בעיירה. אני יכול להעיד שבמשך כל השנים שהכרתיו, הכניס שמחה וששון בכל מקום שהופיע, אם שזה היה בחגיגת שמחה אצל חבר או בפגישת חברים. קולו הנעים והחזק היה ידוע בכל העיירה, ונוצל בכל נשף תרבותי, לכן שמרנו עליו כעל דבר יקר.

באופן הדרגתי ובשלבים שלבים, עלה עד שהגיע לדרגת יושב ראש של הקהלה היהודית בעיירה. פרשה מיוחדת במינה תופס ר׳ יעקב אהרן ז״ל בחיי הצבור. שנים על שנים, עבד ועזר והשתתף בעבודתנו. בכל מוסד ומוסד היה מסור ונלהב לכל תפקיד שקבל על עצמו או שמסרו לו. הוא היה היחיד שהתמסר לשמור ולעשות סדר בבית הכנסת והצליח.

מותו הדהים כל החברים בארץ. היינו בטוחים, וכל אחד לחוד האמין שלא רחוק הזמן ויבוא לחיות בינינו. אבל הגורל רצה אחרת. נקיים ונעמיד מצבת־מעשים לנשמתו שהחזיר אותה לאלהים.

| |
|---|
| **אוסמן יוסף** ראש המשפחה, **יטא** אשתו. |
| הילדים: רבקה, פנינה, יעקב אריה, משה. |

א זון פון ר׳ דוד אוסמאן, אין די יונגע יארן איז ער דורך א צופאל בלינד

געווארן אויף א אויג, זייער שווער געארבעט צי פארדינען זיין שטיקעל ברויט. די משפחה פון אמעריקא פלעגט אים פון צייט צו צייט העלפען מיט געלד, אויך די ברידער זענען אים געקומען צו הילף, געפירט א שטרענג רעליגעזן הויז, קיינמאל נישט פערגעסן תפלה בצבור, אין געווען פיל בטחון.

ער ווערט באשריבן אין מאמר „דער לעצטער דור".

## אורנוב יחיאל דוד, שיינה רויזא אחותו.

דער זון פון שמואל חיים אורנוב — געפירט דאס געוועלבל, וואס ס׳איז איבערגעבליבן פון פאטער, און געלעבט שטיל און רואיק.

## איידליין עקיבא ראש המשפחה, חוה רעכיל אשתו.
## הילדים: הינדה, אברהם יוסף.

שטילע רואיקע מענטשן, געארבעט שווער אויפן עקזיסטענץ, מיט אלץ געווען צופרידן, מקיים געווען דעם „אשרי האיש השמח בחלקו". די קינדער ערצויגן אין אידישן גייסט, געגלויבט אז גאט׳ס הילף קען קומען יעדן מאמענט. געשיקט פון מלאווער געטא נאך אושוויץ מיטן צווייטן טראנספארט.

## אייזנשטיין מנחם ראש המשפחה, חנה חיה (לבית גרנט) אשתו.
## הילדות: העגא, פאלא.

מנחם, חתנו של ר׳ משה גראנאט ז״ל, בעל אחותי. אהבת ישראל היתה ספוגה בבשרו ובדמו. היה גם קרוב־משפחה. בבקרו פעם אצלנו בהיותו מאורש לבחירת לבו, הראה לי את תמונתו של הד״ר פייטלאוויטש, המפורסם בגילוי הפלאשים שבחבש.

כפי שמסר לי גיסי, היה ידידו של הד״ר פייטלוביטש. פעם התעורר בו רצון להשתתף אתו בנסיעותיו לחבש, בכדי לעזור לקרב את הפלאשים לעם ישראל. אולם הד״ר פייטלוביטש התנגד לרעיונו מתוך נימוק שהאקלים בחבש הוא קשה ואיננו לפי מצב בריאותו.

גיסי מנחם היה עסקן צבורי לשמו. לבוא לעזרת יהודי היה בשבילו יותר

מסיפוק אלא עיקרון חיים. הוא היה נזהר בכבוד חברו ובכבוד הבריות, מהנעלבים ואינם עולבים.

שעות רבות הקדיש מנחם לעבודות צבוריות בשרנסק. הכל עשה בטוהר־לב, בלי שום פניה, במצפון נקי ובידים נקיות, כדברי הכתוב „הולך תמים ופועל צדק". הוא רכש לעצמו את אמון כל הצבור היהודי בשרנסק. אחותי לא הפריעה לו במסירותו לפעולות הצבוריות, למרות שהיה קשה לה לנהל את החנות ואת משק הבית ובו בזמן גם לטפל בילדים. בהיותה גם היא צדקנית ויראת־שמים מטבעה, היתה גם היא נכונה תמיד לעזור לזולת. (ר' תמונתו בעמוד 397).

יום השבת היה בשביל גיסי מוקדש כולו לתורה.

ביום 10.11.42 נשלחו לטרבלינקה ושמה נספו.

**אלשעווער יצחק מאיר ראש המשפחה, טאבא אשתו.**
**הילדים: שלמה, אסתר, זלדה.**

יצחק מאיר אלשעווער, אן איידעם פון פערעל באניסלאווסקי איר מאן — ישראל, איז געשטארבען אין די מיטעלע יארן.

געפירט א שיין געשעפט, געווען מאטריעל גוט אוועקגעשטעלט, געווען פאנאטיש פרום, מורא געהאט פאר יעדען נייעם ווינטל, געהיט די קינדער זיי זאלן הלילה נישט אפטרעטן פון דעם וועג פון די עלטערן, געפירט אן אנשטענדיג לעבן.

דעם 10.11.42 געווארן געשיקט פון מלאווער געטא נאך טרעבלינקא, שלמה דער זון געשיקט מיט'ן 2־טן טראנספארט דעם 13.11.42 נאך אושוויץ.

**שאול אלטוס ראש המשפחה, טשארנא אשתו.**
**הילדים: גנדל, אסתר.**

שטענדיק מיט א שמייכל, דעם „בזיעת אפיך תאכל לחם" האט ער אויפגענומען מיט א שמייכל. דער שווערער עקאנאמישער קאמפף פאר'ן עקזיסטענץ האט אים קיינמאל נישט אריינגעברענגט אין א שלעכטע שטימונג, און אמתר פאלקס־טיפ. די שווערע ארבעט האט אים נישט מיד געמאכט, אויף אים האט מען געקענט זאגן „ארבייט מאכט דאס לעבען זיס".

**אנשילעוויץ שלמה ראש המשפחה, רבקה אשתו.**

**הילדים: יוסף ושושנה.**

שלמה אנשילעוויץ דער ראש המשפחה, האט שווער געארבעט, אויף צו פערזיכערן זיין עקזיסטענץ נאך לאנגע יארן ארבייט האט ער געשניטן די פרוכטן, אין די יונגע יארן זיך פעראינטערעסירט אין געזעלשאפטליכע ארבעט.

ביי סעלעקציע (ד. ה. ביים אויסקלויבן מענטשן צום ערשטן טראנספארט נאך טרעבלינקא) איז שלמה איבערגעלאפן אין די אנדערע זייט, געווארן דערשאסן אויפן ארט.

**אנשילעוויץ ליפא ראש המשפחה, אידל אשתו.**

**הילדים: ציפה, יוסף.**

ליפא א ברודער פון שלמה׳ן רואיק זיך געלעבט זיין לעבן פון א ארבייטער־משפחה.

**ארביטער צירל**

א ריינע עהרלעכע לײדנדע נשמה, א גאנץ לעבן פון לײדן; 1 טאכטער זייער א געראטענע געשטארבן אין די בליענדע יארן פון שווינדזוכט. די צווייטע טאכטער בייגאנגען זעלבסט־מארד אין די בעסטע יארן. דער מאן ישראל לייב, געשטארבן אין די מיטעלע יארן פון שווינדזוכט, און צירל נאך יעדן אומגליק האט זי געהויבן די הענט צו גאט מיט די ווערטער „דו און דיין משפט איז גערעכט, נאר פאר וואס קומט עס מיר?" און דער גרויזאמער גורל האט זי אויך נישט אויסגעמיטן.

**אקס שפסל ראש המשפחה, חנה רשי אשתו.**

**הילדים: שמשון ורחל לאה.**

דרכו של ר׳ שפסל בכל מהלך חייו, הוא דרך של איש־העבודה, היה חי כל ימיו מיגיעת כפיו. הודות לילדים הכשרונים שלו יצא מוניטין לבית המלאכה שלו בכל הסביבה הנוצרית. בפשטות של איש עבודה, רחש לו שם טוב בכל

הסביבה, והצליח במעשיו, ונחשב ליהודי אמיד בשרנסק.



אשתו חנה רשי הי״ד, ניהלה את הצד המסחרי של בית המלאכה, נסעה למלבה, ובאה בקשרים עם הסוחרים הסטונים, והביאה סחורות לבית המלאכה, על האשה השקטה הזאת אני מקדיש המלים הבאות:

הדאגות המשפחתיות והעול המשפחתי מה שישנם בכל משפחה, היו עמוסים עליה, והאשה הצנועה והשקטה הזאת שדאגה לכל פרט משפחתי, היתה אם מסורה לילדיה, ואם על דרכם וחנוכם של הבנים, לא יכלה להשפיע כי דרכם של הבנים היה סלולה מראש לגמור את החדר ולעזור לאבא בבית מלאכה, התמסרה בכל מרצה לתת חנוך לבנות ולמדו ביחד עם כל הבנות בשרנסק, השתרשה בלבן אהבה עמוקה לכל ערך לאומי, ולמדו השפה העברית וספרותה.

משרנסק נשלחו לגיטו מלבה, וביום 10.11.42 נשלחו לטרבלינקה.

**אקס אברהם** ראש המשפחה, **שרה** אשתו, הילדה נחמה.

ביידע שרענסקער קינדער, צופרידנע און גליקלעך אין פאמיליען־לעבען. געשטרעבט צו א שיינער צוקונפט. דער גורל האט אנדערש געוואלט. אברהם אקס איז געווארן געשיקט נאך אושוויענטשים פון מלאווא מיטן דריטן טראנס־פארט. ווי זיין שוואגער נחום אלטוס שרייבט איז אין דריטן טראנספארט געווען א סאך שרענסקער. דעם זעלבן טאג האט ער געזעהן מיטן שוואגער, צוריקקו־מענדיק פון דער ארבעט, האט ער געזעהן אז מען האט שוין אלע געשיקט צו

פערברענען, אין זיין שוואגער אברהם אקס בתוכם, דעם 10.11.42.

## ביאליסטוק רבקה הילדים: נח, חוה, שרה.

די משפחה ביאליסטאק איז געווען אמאל א אנגזעענע משפחה אין שטאדט. ר׳ אברהם ביאליסטאק, אדער ווי מען האט אים גערופן: אברהם מנשה׳ס, איז געווען ראש הקהלה.

א גרויסער טייל פון דער משפחה האט אויסגעוואנדערט נאך אמעריקע, שמואל ביאליסטאק, דער מאן, האט נישט מצליח געוועזן און זייענדיק א ארימאן איז ער געווארן א שמש אין דער קהלה. נאך זיין טויט זענען זיי געבליבען אין א געפערלעכען מצב, די הילף פון אמעריקע, און די מיטהילף פון די קינדער איז דער מצב זייערער אויסגעבעסערט געווארן.

געשיקט נאך טרעבלינקא דעם 10.11.42 פון מלאווער געטא.

## בקר אסתר גכה, הבן שמואל יעקב.

די פרוי פון טוביה בעקער וועלכער האט בעקומען הארץ־שלאג אין א יריד־טאג. די פרוי איבערנעמענדיג די בעקעריי האט ארויס־געוויזען פיל ענערגיע. זי האט געפירט די בעקעריי ביז די טאכטער, האט חתונה געהאט, (ראה המאמר דער לעצטער דור).

שמואל יעקב בעקער, איז געשיקט געווארן אין אשוויענטשים. נישט קוקנדיק אויף די גרויסע צרות איז ער געוועזן פול מיט אפטימיזם, געטרייסט אנדערע. ליידער האט דער צופאל געוואלט, ער זאל באקומען א קלאפ אין פוס, נישט קענענדיק אזוי שנעל לויפן האבן אים די אויסוורפן געשיקט גלייך אין אויוון צו פארברענען, אזוי איז אומגעקומען דער פריילעכער ש. י. בעקער.

## בקר הניה רחל. זלמן אריה.

אריה בעקער, איז געשיקט געווארן מיט׳ן 2־טן טראנספארט פון מלאווער געטא נאך אשוויענטשים, געליטען גויט אין הונגער, אלץ געגעסען, ביז ער איז פערגיפטעט געווארן.

**שמואל מאיר באניסלאבסקי ראש המשפחה, יונה אשתו**

**הילדות: לילי, שושנה, פרל.**

שמואל מאיר דער זון פון פערל, און ר׳ ישראל ז״ל. דער לעצטער גבאי אין בית־הכנסת. מאטריעליש גוט אוועקגעשטעלט, געהאלטן ביי זיך די מוטער, אין די עלטערע יארן בכבוד. געפירט אן ערלעך אידיש משפחה־לעבן, א בעל־בתיש אידיש הויז. געגעבען צדקה, ווען מען האט געפאדערט. פון די יונגע אידישע משפחות אין שרענסק. אומגעקומען צוזאמען מיט אלע שרענסקער וואס זענען געווארן געשיקט נאך אוישוויץ.

ראה המאמר בפרק „הדור האחרון".

**בורנשטיין מרים**

**פייגה, טובה שרה, יחזקאל איסר, רבקה, מנדעל.**



**מרים בורנשטיין ומשפחתה.**

די פרוי פון שלמה זלמן בורנשטיין, וועלכער געפינט זיך אין לאנד. יארן

געליטן, געהאפט צו קומען אין לאנד מיט די קינדער צו פאראייניקן די גאנצע משפחה.

מענדל בורנשטיין איז אומגעקומען אין קאמפף מיט די דייטשע־ליטווישע מערדער׳ס אלס פארטיזאן אין ווילנער געגנד. (ראה המאמר בפרק „שרענסקער העלדען).

מענדל בורנשטיין איז געווען דער לעצטער אין אבא קובנר׳ס גרופע צו פערלאזען די ווילנער געטא. (ר׳ תמונתו של הפרטיזן בעמוד 300).

## בקר שמואל מרדכי ראש המשפחה, דינה אשתו.

**הילדים: מאיר, דוד.**

שמואל מרדכי בנו של ר׳ מאיר בקר ז״ל חייט לפי מקצועו, עבד לפי הזמנות, לא היה עשיר אבל התפרנס מן המקצוע חייטות בכבוד, וגם התנהג בכבוד כלפי אמו ז״ל.

אשתו נורתה ע״י הטמאים עוד במלבה, בטרנספורט השני לאושוויץ מגיטו מלבה נדרשו היהודים למסור את כספם ומצאו אצלה 5 מרק.

## בקר אברהם ראש המשפחה רחל (לבית גראנאט) אשתו.

**הילדים: שרה, בלומה.**

אברהם בנו של ר׳ דוד בקר ז״ל וחתנו של ר׳ מנדל גרנט ז״ל, מרטשונז. בכדי להבין את מסחרו ואת עבודותו בשרנסק, יש לציין תחלה את בית המלאכה של האב ר׳ דוד ז״ל; זה היה בית מלאכה לחיטות, התוצרת נמכרה לסטונאים של העיר הגדולה מלבה, אברהם בקר, דאג לצד המסחרי, תפקידו היה לספק סחורות לבית המלאכה, הסחורות הובאו מעיר התעשיה לודז.

כל המשפחה היו אנשי עבודה, בעשר שנים האחרונות לפני העולם השניה חלה תמורה גדולה בחיי־המשפחה הזו, המשפחה עברה למלבה וגל של פורעניות הציף את המשפחה, יסודות הפרנסה התמוטטו, הילדים התפזרו, אחדים יצאו לחוץ לארץ, ר׳ דוד חלה בשתוק ל.ע. רק אברהם ומשפחתו נשארו, ונשא הכל בדומיה, ובכאב חרישי, במרץ משנה, ובכחות עצמיים התחיל מחדש, והחיים המשפחתיים הסתדרו.

מגיטו מלבה נשלחו לאושוויץ.

## בורענשטיין עקיבא ראש המשפחה, פייגא אשתו וגיטל רשי בתם.

עקיבא בנם של מרים ושלמה זלמן, וחתנו של ר׳ משה גראנאט ז״ל. רקם את מסכת חייו בשקט, בתוך ד׳ אמותיו. בעודנו צעיר לימים פירנס עצמו מיגיע־כפיו. עד המחנה ההשמדה באושוויץ, היתה עבודת כפים מרכז חייו. למרות שהיה תמיד עמוס עבודה, היה מעיין הרבה בספרים ומצא גם זמן ללמוד הרבה.

אשתו, פייגא, שקטה ועדינת נפש היתה. כמו שאומרים באידיש: „שטיל ווי א טויב". לא התאוננה אף פעם. רק עבדה והיו מאושרים. תמיד עזרה לחברותיה, שלא על מנת לקבל פרס. רק מתוך רצון כן. תמיד היתה מוכנה לעזור בלי פילוסופיה. עליה אפשר לחזור על האימרה „כל כבודה בת מלך פנימה". הזוג קיווה לעלות ארצה למשפחתם, אולם, אחרו את המועד. (ר׳ התמונה בעמוד 393).

עקיבא מת באושוויץ מתוך רעב.

## בורנשטיין שמחה ראש המשפחה פרידא אשתו.

הילדים: [redacted] ומשפחתו, בלימה, למיל, אסתר.

ר׳ שמחה נפטר לפני מלחמת העולם השניה. זכות גדולה עמדה לו, שלא ראה בחורבן משפחתו.

הרבה שנים גר בשרנסק, והצליח בעסקיו. זכורים עוד החגיגות בשמחת תורה, של חסידי גור, שהתקיימו בביתו. כשעבר לגור לזשורומין הסמוכה, הורע מצבו הכלכלי. האימרה „משנה מקום משנה מזל" קויימה אצלו דוקא לרעה. כל זה לא השפיע עליו שיתרחק מעבודה צבורית. הוא המשיך להשתתף בחיים הצבוריים, במיוחד בקהלות החרדים. נפטר בשם טוב מן העולם.

